STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06412

BLETER FUN M'S GORTEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Copyright, 1926

אַלע רעכט איבערצודרוקען אָדער איבער־
צוזעצען באַהאַלט דער אויטאָר פאַר זיך.

בלעטער
פון מ׳ס
גארטען

1926

אַ גרוס די זוכער !
אַ גרוס די טרעגער
פון אַלגעמיינעם גליק !
אַ גרוס פון מזרח !

דאָס צווייטע בוך

מען ווערט פרעגען: „ווער האָט אייך געגעבען די לערע?“ ענטפערט — דער מאַהאַטמאַ פון מזרח.

מען ווערט פרעגען: „וואו זשע וואוינט ער?“ — זאָלט איר זאָגען — דאָס אָרט וואו דער לערער וואוינט טאָר נישט נאָר נישט איבערגעגעבען ווערען, נאָר עס טאָר אפילו נישט ארויסגערעדט ווערען. אייער פרעגען אליין באַווייזט ווי ווייט איר זייט פונ׳ם זין פון דער לערע. אפילו אוים מענשליכקייט בלויז דאַרפט איר פאַרשטיין ווי שעד-ליך אייער פרעגען איז.

מען ווערט פרעגען: „ווען זשע וועל איך צונויף קומען?“ — זאָגט — פון דער איצטיגער שעה אָן ביז אין דער איי-ביגקייט.

מען ווערט פרעגען: „ווען זשע זיך צוגרייטען צו דער אַר-בייט?“ זאָגט: „נישט פאַרלירענדיג קיין צייט“.

„ווען זשע ווערט דער רוף קומען?“ — זאָגט: „אפילו שלאָפען זאָלט איר לייכט“.

„ווי אַזוי זשע ארבייטען אין דער צייט?“ — זאָגט: „פאַרמערענדיג דעם גראַד פון דער אַרבייט“.

מען מוז ארויסווייזען אַ דיסציפּלין פון גייסט, אָהן איר וועט איר נישט קענען פריי ווערען. פאַר דעם שקלאַף וועט

זי זיין אַ געפענגניש, פאַר דעם פרייען וועט זי זיין אַ פרעכטיגער היילזאַמער גאַרטען.
ווי לאַנג די דיסציפלין פון גייסט איז שווערע קייטען, אַזוי לאַנג זיינען די טירען פאַרמאַכט און מען קען אין קייטען אויף די שטיגען נישט אַרויפגיין.
איר קענט פאַרשטיין די דיסציפלין פון גייסט, ווי פליגעל. ווער עס וועט פאַרשטיין די דיסציפלין פון גייסט, ווי אַ באַלייכטונג פון קומענדיגע וועלטען, דער איז שוין גרייט.
דער וואָס דערזעט די אַנטוויקלונג, דער וועט גיין צו איר פאַרזיכטיג און וועט ליכטיג באַזייטיגען די אומווייניקייטען פון זיין וועג. די הויפטזאַך, עס וועט אין אים קיין שרעק נישט זיין. און אַוועקוואַרפענדיג דאָס אומנויטיגע, וועט ער אָננעמען די איינפאַכקייט.
פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דערקענען די אַנטוויקלונג איז אַלעמאָל שיין.
נאָך וועט מען פרעגען: „פאַרוואָס ווערט אין אָנהויב פון וועג געגעבען אַ סך וואָס איז אָנגענעם און עס ווערט פאַרגעבען אַ סך?"
— דערפאַר ווייל אין אָנהויב ווערען צובלאָזען אַלע פייערען און דער גערופענער גייט ווי אַ פאַקעל. פון אים הענגט עס אָפּ זיך אויסצוקלייבען דעם גראַד פון זיין פייער.
דער וואָס פאַרשטייט די דיסציפלין פון גייסט וועט פאַרשטיין צו פאַריכטען דאָס פייער און וועט דערגיין צום מיטווירקען פאַר'ן אַלגעמיינעם גליק.
דער סוף פונ'ם וועג קען זיין באַלויכטען מיט טויזענט פייערען פון אַלגעמיינעם גליק. די טויזענט פייערען ווע־

לען אַנצינדען דעם רעגענבויגען פון דער אורע — און
פאַרוואָס די דיסציפּלין פון גייסט איז פליגעל !

V

1. אמאָל האָט מען הונדערט קריגער שוין גערע־
כענט פאַר אַ קראַפט. דערנאָך זיינען טויזענט שוין גע־
ווען אַן אַרמיי.
מיט דער צייט האָבען הונדערט טויזענט באַזיגט די וועלט.
דערנאָך זיינען אויפגעשטאַנען מיליאָנען. נאָר אויך זיי האָ־
בען נישט געענדערט דעם זונוועג פון'ם גייסט.
און אַזוי וויל איך צונויפזאַמלען אונטער דער פאָן פון
גייסט 1,000,000,000 — דאָס וועט זיין דער צייכן פון
מיין אַרמיי.
ציילט, ווען די פאָן וועט מקוים ווערען
און זיבען פאָנען וועלען זיין!
2. דער גייסט איז נאָר פולקאָס, ווען ער באַגרייפט
דעם קאָסמאָס. און עס טרעפט אָפט מיר קענען זיך נישט
באַפעסטיגען אינ'ם באַגריף פון פאַרוואַנדט זיין מיט'ן
אמת.
און דער הימעל ווייזט אויס לעבעדיג און מיר זאָגען —
פליגען פליען, אַזוי ערקלערט מען די פיינסטע באַרירונגען
פון אומזעבאַרע פליגלען.

די ליידיגקייט איז די שאַצקאַמער פונ׳ם אַנהויב, אָבער א׳ר פּיהלט דעם וועג פון אַנהויב.

3.טראַכט יעדען טאָג ווי אַזוי צו פאַרענדיגען מיין טעטיגקייט. לערנט די נאָכפאָלגער — שיינקייט לערנט זיי. באַפעסטיגט זייער אויג. צו וואָס יאָרען, ווען מען קען פאַרענדיגען אין וואַכען.

איין געשריי איז לייכטער אריבערצוטראַגען, איידער לאָזען די גערדאַנקען שימלען.

דערפאַר זאָג איך — לאָמיר גיין, און איך וועל די כחות פאַרמערען.

4. איך וועל שיקען — פירט אויס מיין ווילען.

פאַרזיכטיג רירט אייך צו צום ערדישען ; ווען מען איז אין וועג — דאַרף מען נישט קיין שפּייז.

5. פאַר אינערליכער ארבייט זאָל מען דעם גאַנצער פון ליגען פאַרקויפען.

6. איך וועל רעדען וועגען דער ריינער קאַרמאַ, אָבער וועלכער מען גייט פאַרזיכטיג אריבער.

פאַרזיכטיג רירט אייך צו צו די פאַרסמאָלעטע קנופּען פונ׳ם גורל. עס איז אַ סך געפערליכער זיך צוצורירען צו די שוין פאַרהאַרטעוועטע, פאַרגאַנגענע געשעענישען, וואָס ציען זיך הינטער אייך. דערפאַר וואָרען איך : דאָס נישט אויספירען די אָנווייזונגען, דאָס נישט אַכטען דעם אָנהויב, שאַדט מער, ווי עס ווייזט זיך אויס.

דאָס פליסען פון דער קאַרמאַ קען מען פאַרדעקען מיט דעם אייז פון פאַרשטיין. האָט נישט קיין מורא צו צושטערען די באַשיצונג מיט נישט פאַרשטיין אָדער

מיט ווילדען כעס, וואס איז אויף אונזער שילד פאר־באטען. איך חזר איבער — היט אפ דעם געגעבענעם וועג.

7. וועמען זאגען? אנ'אייזעל קען פירען א וואגען, קען דען דער מענשליכער גייסט נישט צווינגען דעם גוף זיך צו פרייען אין ארבייט?

דער אייזעל טראגט דעם רייטער זיך צו באשיצען פון שלעכטען וועטער, שרעקט זיך דען דער מענשליכער גייסט פאר'ן פליסען פון דער קארמא?

8. די דערשיינונג פונ'ם לערער דארף מען געדענקען. דעם שילד דארף מען ריין האלטען. איך וועל שיקען די גאנצע באשיצונג, איך וועל שיקען אלע מעגליכקייטען, נאר האלט אייך פעסט אן דער ליניע, וואס פירט. צווישען דעם אומזיניגען המון, האלט פארדעקט דאס פייער פון גייסט. לעזט מיין בוך און דערשרעקט אייך נישט פאר די קולות פון אומגליק, ווייל דער בלינדער זעט נישט דאס, וואס איך ווייזט. נאר פאר אייער טובה וועגען זאג איך, דערמאנט עפטער מיין נאמען. איר מיינט עס איז א פארגעניגען צו זען טויטע לענדער? אבער קוקט אייך צו ווי עס פאלט די וועלט פון ליגען.

ליגען, ליגען, ליגען גיי אונטער.

9. בעסער דארף מען די לערע פארשטיין, מען דארף די לערע קלוג אנווענדען.

שמייכעלט צו די קליינע שטיינער.

VI

1. דער לערער ווייזט אַז: קענט פאַרשטיין די קנוי־פּען, וואָס פאַרבונדען אייך מיט די ערשיינונגען פון נסים.

מיט אַ וואונדערליך שטריקעל זיינען צוגעבונדען אייערע שיך אין לאַנגען וועג אריין.

אַזוי ווי די פאַרגאַנגענהייט, אַזוי וועט אויך ליגען די צוקונפט.

מען קען נישט אויפוואַכען פון דער באַגעגעניש מיט גע'משפט'ע. און מען קען נישט איבער'חזר'ען די שליחות אין בוך פון לעבען. אַזוי איז עס געהייליגט, נאָר צו רייסט נישט מיין געוועב.

דער ווינט פון אומפאַרשטאַנד וועט אָוועקטראָגען די בעסטע צייכנונגען, וואָס איך האָב געשיקט. מען דאַרף נישט צו־שיטען די אוצרות, וואָס זיינען אָוועקגעגעבען דער וועלט פאַר אַנ'אַנטפּלעקונג. מינדעריעריגקייט איז נישט קיין פאַרענטפערונג.

עס איז בעסער צו פייערען דעם זיג נאָך דער ערשטער שלאַכט, איידער בלאַנקען אונטער דער ערד.

דערפאַר זאָג איך — גייט צוזאַמען און באַשיצט אייך אונטער איין שילד.

לאָז יעדער אָפּריינִיגען דעם אָטעם, נישט געבערענדיג קיין שטויב פון צאָרן.

און צונויפקלייבענדיג די בלומען פון איבערגעבענקייט, וועט ער פאַרשטיין די נוצען פון מיין וועג.

פיר איך אייך דען געצוואונגען? דער צוואנג איז נישט אונזער אייגענשאפט.
נאר אויב מיר גייען צוזאמען, ווי אזוי נישט געבען אן עצה!
דערפאר זאג איך, בעסער טראכט און שטויסט אייך נישט צוזאמען.

2. אויף אונזער וואג איז די וואנדרונג פון גייסט שווערער פון אלץ. דער ערפאלג פון לעבען ווערט בלויז באפעסטיגט דורך דעם געבעט פון דער טאט.

די לערע פונ׳ם גייסט באשאפט א גאנצער פאר׳ן גוף.

דערפילענדיג די בליצען פון דער וועלט, וועט איר פארלייגען א נייעם קנייטש אינ׳ם בוך אויפ׳ן ווינטער. איך לערן קלוג פארשטיין די צוקונפט.

דער ערפאלג דארף נאכפאלגען מיינע מענשען.

איר קענט קלוג אננעמען מיינע מייל־שטיינער.

3. א קרבן, א קרבן; דערנאך — דאס באקומען און דערנאך — די פייערליכקייט פון גייסט.

4. יעדער האלט א ציל — איך שיק טויערען ווירדיג פאר׳ן גייסט, מען קען דורך זיי אריינגיין אין א פארוואנדעלטער וועלט, וואו דער פארשטאנד באקומט א הויז פאר אלע ערדען.
דער גייסט לערענט זיך אויס פליען, ווען די נויט פארשארפט די ראיה.

א שטראל באוואוסטזיין פונ׳ם אין סוף באלייכט דאס געשיקטע גליק.

עס איז פאראן דער וועג פון דער ערד און דער וועג פון פליגעל, קלייב דיך פאנאנדער און מעסט אפ.

5. וואלקענס זיינען ארום, נאר דער שטערן פון מארגען וועט אויפגיין.

6. יעדע מינוט פון פארשטיין דעם גייסט, ליגט אריין א בריליאנט אינ׳ם אוצר פון מעגליכקייטען.

7. אפט ווערען דורך קראנקהייט דערגרייכונגען פארשארפט.

סאנקט פראנציס און סאנטא טערעזא זיינען אפט קראנק געווען. פיטאגאר האט געהאט הארץ־קראנקהייט ; און די בעסטע זורנעס האבען פארלוירען סטרונעס.

8. די קלוגשאפט פון מוטערס באזארגט די אקולטי׳שע באדינגונגען ביים קינדער־געבוירען. דער מוטערס גייסט ווייסט, וואו א שונא פריווט שאדען דעם ניי־אנגעקומענעם. אין דער איבערגאנגס־צייט פון באפרוכפערונג איז גרינגער אונטערצושיקען סם. עס איז לייכטער צו פארמערען דעם כעס פון דער מוטער און אנצופילען דאס הויז מיט דעם מיסט פון אומצופרידענהייט. קלוג באמיען זיך מוטערס צו ווענדען זייערע אויגען אויף דעם אנבליק פון הייליגע, אדער זיך טרייסטען פאר׳ן אנגעזיכט פון דער נאטור.

9. אוועקגעבענדיג באקומען מיר, פאראכטענדיג זאכען, באקומען מיר א הימלישע אנקליידונג.

10. די פארם באלעבט מיט דעם אינהאלט און פארגעסט זיך נישט.

11. ברענגענדיג קרבנות נעמט מיט דרייסטקייט אין

די הענט אַריין אייער שילד. איינס בעט איך — שוואַכט נישט אָפּ די קראַפט מיט גאָלד. מיין לערע האָט נישט ליב קיין גאָלד.

12. נישטאָ קיין פאַרשווינונג, ווען דאָס געזעץ פון דער קאַרמאַ דאַרף אויסגעפירט ווערן ביז'ן לעצטען אות. די קאַרמאַ וועט דעריאָגען, נאָר איר אייגענשאַפט קען געענדערט ווערן מיט דעם גוטווילינגן קרבן פאַר אומבאַקאַנטע מענשען.

13. בעסער זייעט! די ערד איז פאַרטיג איינגיכען! אויב מען זאָל דער וועלט נישט העלפען מיט אַ באַזונדער ערשיינונג — וועט איר האַרטקייט נישט אויסהאַלטען.

14. איך וועל אַריינרופען אין מיין הויז, וועמען איך זע דערנענטערען זיך. דער הענגענדיגער שווערד פילט אַז דעם גייסט מיט ווייטאָג.

15. בילדער פון ליבע זאַמעלט צונויף. ביים גוטס פרעגט, וואָס פאַר אַן אינהאַלט פאַסט פאַר'ן הויז. די ערשיינונג פון אייער מיה איז ענליך צו בלומען.
איך וועל קיין גראַשען נישט נעמען, און וועל באַלוינען צענפאַך, הונדערטפאַך.

VII

1. אַפילו אַ פּראָסטע בעל־הבית'טע וועט זאָגען — פאַרשמוצט נישט די טרעפּ, אַז נישט וועט איר דאַרפען אויסקערען אייער בלאַטע.
אויך, די דורכשטעכענדיגע אַנטפּלעקונגען פון'ם לערער און פון די מענשען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אים.

מאכען זיך וואונדען נישט מיט שטראף, נישט מיט נקמה — נאר דער פונק וואס קומט צוריק.

דערפאר זאל מען זיך אויסהיטען צו בארירען אונזערע טאטען, באזונדערס איצט, ווען די עלעקטריציטעט איז אנגעשפאנט.

זאל מען זאגען — בעסער בארירט נישט. די און יענע, וואס גלויבען נישט, אז עס קען דונערען ווען די זון שיינט. נאר געבענשט ווען זיין די וואס באפעסטיגען דעם פאנ־צער פון דער אנטפלעקונג.

2. אנ'ענטפער קען מען נאר געבען ריינע הערצער. לערנט אייך די מאכט פון דער ליבע צו פאראייניגען מיט דעם שטורעם.

3. גליק און געזונד זיינען אין צוטרוי, צוגעגרייט פון א שטראל, וואס איז אייביג נויטיג.

דאס פארבלאנדזשען צורייסט דאס געוועב פון גוף.

4. מען דארף עס נישט האלטען פאר קיין פארלוסט, וואס מען טרעט אפ צו זשעדנע הענט.

דער נאכפאלגער פון חכמה האט ליב צו קוקען פאראויס אויף לאנג.

האלט איין שלעכטע רכילות מיט א שמייכעל אהן צו־רייצונג.

ערפאלג ביי אויסגעמארעטע מענשען איז ענליך צום שטראם פון א קורצען פאנטאן, נאר דער קלוגער בעל־הבית וועט מיט מיה אריינפירען וואסער פון ים און וועט הנאה האבען פון דער אייביגער קילקייט פונ'ם פאנטאן.

5. גענוג רעדען וועגען שונאים, ווען א גרויסע טאט קען אנצינדען דאס גרוים ליכט.
אין פאראיינזאמטקייט וועט די בשורה גיכער אנקומען, ווי דורך די רייד פונ'ם המון.

6. דער מולטער פון דער וועלט איז אנגעפילט מיט באצילען.
דאס געוועב, וואס פארדעקט — ציטערט, נאר דאס צויבער־בלימעל אויף דער ערד דארף אפגעריסען ווערען דורך מענשליכע הענט.
איך בין מיט אייך, נאר ווען איך ווער שווייגענדיג, הייסט עס, איך נעם אויף אין מיין שילד די פיילען, וואס מען שיקט צו אייך.
אין איינזאמקייט קוקט אוים דעם טאג פון אנטפלעקונג, ווען דאס ווימען וועט אריינגיין אין מיין הויז. — עס זיינען שוין געבוירען געווארען די טרעגער פון ווימען.

VIII

1. איך רעד וועגען פרעמדע בריקען און טויערען.
אויפ'ן וועג באגעגענט מען פרעמדע בריקען, מען דארף זיי איילענדיג אריבערגיין, נישט אראפקוקענדיג אונטען, האבענדיג איין פארלאנג, וואס גיכער צוצוקומען צום ברעג.
פארטראכט זיך אויך נישט נעבען פרעמדע טויערען, נאר פארלאנגט א דורכגאנג, נישט שטערענדיג אייער רוה, ווייל אייער וועג איז באשטימט.
פאר שלעכטער לופט דארף מען די פארען מיט ריינעם איינפאל פארמאכען.

נאר ווען עס איז שווער, חזר'ט איבער — איך גיי דאך פארט אין א וואונדערליכען גארטען אריין, איך האב נישט קיין מורא פאר באשטימטע טויערען.

פארוואס איז דער שילד איבער מיר ? — מיך אפצוהיטען.

אויב נייע פארצוימונגען וועלען אנטשטיין, וועל איך אי־בער זיי אריבערגיין, ווייל איך האב נישט קיין מורא!

2. צו וואס זיך איינגאנצען פארטיפען אין דער וועלט פון אסטראלע גייסטער ?

די, וואס האבען געליטען, די וואס טרויערען אין גייסט און די וואס ארבייטען, פרייען זיך. נאר די זייערס זיינען דא און די שניטערס — דארט.

עס קומט אויף א רייך גערעטעניש אויף אלע קערנער פון דער ערד.

דער קערן וואקסט. דער פארשטאנד באקעמפט נייע מאסען פון צוקונפטיגע קערנער, דערפאר צו וואס אנ־פרעגען ביי דער אסטראלער וועלט

3. אצינד וועגען דעם שליח — אפילו אין לעבען לויפט איר אנטקעגען דעם בריפטרעגער, אזוי דארף מען אויך אויסשטרעקען די האנט נאך אונזער שליחות.

א פראנט פון שטעכעדיגע שטערונגען שטערט אונזערע שליחים, אבער איר פארמאגט צוויבער־שערען איבערצו־שניידען די פארצוימונגען.

העלפט מיט א ליכטיגער אורע צוצוקומען צו אייך.

א טויב איז שווער צו פליהען אין נעבעל.

איך פיר מיט דעם גיכסטען וועג, און אין א מינוט פון פארדונקלונג בין איך גרייט צו שיקען דעם שליח,

נאָר עפּענט אים די טיר, עס איז שווער צו קלאַפּן אין רעגן.
האָט ליב די איינזאַמקייט פון געדאַנק, ווען די פונקען פון פאַרשטיין פלעכטען אַ קראַנץ פון דערקענען.
און ווי איך האָב קאַווירט פאַר אייך, אַזוי מעגט איר זיך מיר פאַרטרויען, באַשטימענדיג מיט אַ פעסטער האַנד דעם וועג צו די הויכען.
גליקליך נעמט עס אָן, ווען מיינע שליחים וועלען אָנזאָגען די בשורה — ער איז געקומען!
די שעה פון גליק איז געגעבען געוואָרען און דער וועג איז אויסגעשאָטען מיט בלומען.
וואָס גייען אייך אָן לאַנגע הענט, הינט און טיגערען, שאַפט די גרויסע טאַט פון׳ם לעבעדיגען גאָט.
4. אָרדנונג וועט באַקומען אַ זין, ווען איר וועט אַראָפּ־קוקען פון די בערג.
מען דאַרף באַמערקען די פונקען, זיי וועלען זיך באַלד אָנהייבען צונויפגיסען אין אַ פלאַם פון דעם נייעם פאַר־שטיין די יסודות.
אויפצובויען אַ היילינען בויגען צווישען די וועגען פון פו־לען אונטערגאַנג און אויפגאַנג איז נישט גרינג.
די טרעגער פון גייסט דערקענען נישט איינער דעם אַנ־דערען.
הערט זיך צו און פאַרצייכענט די שטימען פון די אויס־טערלישע פיגורען אויף אייער וועג. דערנאָך וועט איר צונויפגיסען די ידיעות, וואָס וועט באַווייזען די לייטער פון פּראַקטישע מעגליכקייטען.

דאָס מעסער פון אויפמערקזאַמקייט שאַרפט זיך, די פאַרבינדונג ווערט שטאַרקער, ווען די פאַרשטענדיגע פונקען שטעלען אָן די מאַכט, נישט באַריערנדיג די קאַרמאַ.

5. איך וועל ערקלערען פאַרוואָס עס איז וויכטיג צו באַמערקען די אָנגעגעבענע ווערטער און בילדער.

אונזערע תלמידים האָבען אַנ'איבונג פון געדאַנק, ווען מען גיט פון אַ גאַנצער מיטטיילונג אַ טייל, אָדער איין וואָרט. און דערפילענדיג די ווענדונג פונ'ם געדאַנק, וועט יעדער דערגענצען לויט זיין פאַרשטאַנד, עמפפינדענדיג די ערשיינונג. וואָס איז אים אמנענטסטען.

נאָר מיט דער צייט ווערט דאָס פערזענליכע באַוואוסטזיין אַרויסגעשטויסען פון דעם אַלגעמיינעם, און אויף איין וואָרט ווערט געבויט אַ קאָמפּליצירטע געביידע — קומט אַרויס אַ שיפרירונג פון גייסט.

6. אַקולטיש איז אַ קרייז די פערזאָניפיצירונג פון מענשליכען אָרגאַניזם, וואָס איז צושפרייט מיט מעגליכקייטען. די מיטעלסטע פיגורען טראָגען די בכבוד'ע פונקציעס פונ'ם האַרץ.

דער וואוקס פונ'ם אָרגאַניזם און זיינע דעפעקטען שפּיגלען זיך אָפּ אויפ'ן האַרץ. דאָס מאַכען מיט די הענט רופט אַרויס מידקייט און נאָך מער די אומבאַוואוסטזיניגקייט פון די באַשטרעבונגען.

איר ווייסט שוין די מעשה וועגען דעם כאַראַוואַד און וועגען די שילדען. איר ווייסט שוין, אַז פאַר אַ קרייז איז דאָס בעסטע די צאָל זיבען, פינף זיינען די אויסערליכע טיילען פונ'ם גוף. די צוגאָבען קענען בלויז האָבען באַזונדערע

פונקציעס, אָדער די באַרעכטיגונג פון דער קאָרמישער באַ־דינגונג.

עס איז שווער צוזאַמענצושטעלן אַ קרייז, אָבער נאָך שווע־רער איז צו פאַרבייטען, ווייל מען טאָר נישט פאַרבייטען קיין הערצער מיט אויסערליכע טיילן, און מען טאָר נישט אַריינ־פירען קיין אומאָרגאַניזירטען גייסט.

אויף דעם פאַל זיינען פאַראַן נאָענטע עדות, וואָס וועלען נישט אַראָפציען די אָרטעריע פון׳ם ווייטען האַרץ.

7. איצט וועגען דער קאַרמאַ — אויב מען זאָל צי דער געטראָפענער שווערקייט צוגעבען די פאַרבינדונגען פון דער קאַרמאַ, ווערט שווער צו טראָגען דאָס גאַנצע נישט־אָר־גאַניזירטע דענקען.

מען קען פאַרגרינגערען, באַרירענדיג פאַרזיכטיג די אויבער־פלאַך פון די נערוועזע עמפפינדונגען, אָבער דאָס מענשליכע דענקען וואַרפט אַזוי לייכט אַרויף אויף דער וואָג די געוויכ־טען, אָבי אַראָפצוואַרפען פון זיך די וואָג, וואָס ציט צו דער ערד.

נאָר פאַר יעדער באַוועגונג פון דער האַנט טוט ווי דאָס אָרעמע האַרץ.

8. עס איז אַ שווערע אויפגאַבע נישט צו פאַרמערען די שונאים. מען דאַרף קענען די שטיינער ביי דער שוועל, נאָר ערגערען זיך איבער זיי, דאַרף מען נישט.

9. נישט איינס, נישט צוויי, נאָר אַ סך הערצער זיינען געווענדט צו אייך. און אַ נעץ פון מעגליכקייטען ווערט גע־פלאָכטען מיט קינסטליכע הענט, נאָר צורייסט נישט די נעץ. ציילט די ערשיינונג פון יעדען טאָג.

דער לוקסוס דאַרף אייך פאַרלאָזן .

ווען איר וועט געפינען דאָס באַזונדערע אָפּבילד, וועט איר אַליין קומען דורך דער נאַטור פון מיין לאַנד.

ביז'ן שפּיץ פונ'ם מח דאַרפט איר זיך פּאַרטיפן אין דעם באַוואוסטזיין פון מיינע מעגליכקייטן.

10. די קאַמאַראַדן זיינען נישט צופרידן מיט דעם, וואָס דער ווינט בלאָזט — נישט צו דערפליען און נישט צו שטעכן.

מען דאַרף נישט קיין נייע שונאים, זיי וועלן אַליין דער־גיין, ווער עס איז אייך אָנגעצייכנט.

11. בלויז די האַרמאָנישקייט פון באַטעריעס קען קאָנ־טראָלירן קראַפט. א שטראַל קען אַנטפּלעקן א באַדיי־טונג, בלויז ווען איר האַנדלט לויט דעם געבאָט. קיין מענטשן פאַסט נישט צו פאַרזוירן.

12. ווען איר וועט רעדן אין מיין נאָמען, זאָגט : די האַנט פונ'ם באַשעפער איז אַלעמאָל אין באַוועגונג, דערפאַר באַוועגט זיך אַלץ. איר זעט אויפ'ן רינג צוויי ספּיראַלן, אַזוי ווי מען קען אויף איינעם אַרויפשטייגן, אַזוי קען מען זיך אויפ'ן אַנדערן אַראָפּלאָזן.

אַפילו דער אַרכאַט קען זיך אַראָפּלאָזן, ווען ער מיס־ברויכט דעם נס.

האָט באַשטענדיגקייט נישט נאָר אין דער צייט, וואָס איר זייט באַהעפט מיט מיר, נאָר ווען עס שטייען אייך פאַר די אייגענע טאַטען, ווייל נאָר דאַמאָלס נעמט איר אויף אין זיך די ערפינדערישקייט פונ'ם גייסט.

און ווען מען ווערט אונז אַנהויבען ליב צו האָבען, וועט איר זיך אַפּרייניגען מיט מיין שילד.
איך וועל שיקען זיבען פאַלען צו אַנטפּלעקען די ערפינ־דערישקייט. מען קען אַ סך שויבען צוברעכען, אָבער שעדליך איז אַ הויז אָהן אַ דאַך.
מיט'ן ווילען פון אייביגען אַנהויב קענט איר אַפּהיטען דעם פאַרטרויטען אוצר.
רינגעלט אייך אַרום מיט דעם נויטיגען פאַרלאַנג און קוקענדיג אויפ'ן רינג זאָגט איבער — „איך וועל מיך נישט אַראָפּלאָזען!"

IX

1. די אַנטציקונג זאָלט איר רעכענען פאַר אַ מעכ־טיגער ערשיינונג אויפ'ן וועג צו אונז.
דאָס אַלטע פאַר די אַלטע לייט. מיין צייכען דאַרף מען היטען אין אַ נייעם בוד, אין אַ נייעם גייסט, אין אַ נייער טאַט.

2. ווען אַ רעגען־טראָפּען קלאַפּט אָן אין פענסטער —
איז דאָס מיין צייכען!
ווען אַ פויגעל ציטערט —
איז דאָס מיין צייכען!
ווען די בלעטער ווערען געטראָגען פונ'ם ווינט —
איז דאָס מיין צייכען!
ווען דאָס אייז ווערט צוגאַנגען פון דער זון —
איז דאָס מיין צייכען!
ווען די כוואַליעס וואַשען אַראָפּ דעם צער פון דער נשמה —
איז דאָס מיין צייכען!

ווען אַ פֿליגעל פֿון באַלייכטונג רירט אָן די אויפֿגעשטור־רעמטע נשמה —

איז דאָס מײַן צײַכען!

ציילט די טרעפּען, ווען איר גייט צום טעמפּעל, ווייל יעדע זיבעטע טרעפּ טראָגט מײַן צײַכען!

ווען איר וועט אַרויסווייזען אַ ניי פֿאַרשטענדניש פֿאַר מײַן צײַכען, וועט איר דערזען דאָס פֿינקלען פֿונ׳ם בליץ פֿון די וועלטען.

איך האָב אייך די טיר געעפֿענט, אָבער אַריינגיין קענט איר נאָר אַליין.

3. באַשטימט זאָג איך אייך: ווי לאַנג איר זייט מיט מיר, ווי לאַנג איר זייט נישט צו רייצט, ווי לאַנג איר צווייפֿעלט נישט, איז נישט איבערצוצײַלען די שטראָמען פֿון מעגליכקייטען.

עס איז נישט אויסצורעכענען די כחות, וואָס דינען אייך.

די וואָס טראָגען דעם שטיין, שטראַלען אויס די שטערען פֿון גליק. נייע וועלטען געגעבען יעדען טאָג.

פֿלעכט קוישען אָנצוזאַמלען שטערען.

צושפּרייט די לייוונט פֿון די געצעלטען אונטערצוכאַפּען די מתנות — אַזוי פֿיר איך.

4. אין די מאָרגען־שטונדען מיהט אייך, אין אָוונט פֿרייט אייך מיט מײַן נאָמען. אין נייעם וועג אַריין!

5. מײַן שטראַל — איז אײַער אָטעם.

מײַן האַנט — איז אײַער פֿאָן.

מײַן שילד — איז אײַער שטאָלץ.

מײַן הויז — איז אײַער עיר מקלט.

מיין בארג — אייער נס.
מיין פארלאנג — אייער געזעץ.
מיין ערשיינונג — אייער גליק.

דער גייסט פון אונזער ברודערשאפט זאל בלייבען צוויי־שען אייך.

6. אריינדרינגענדיג דורך לערנען איז תוך פונ'ם גע־שיקטען גליק, דארף מען גיין מיט פעסטע טריט, וויסענ־דיג ווי עס שטייט אויף תחית המתים די גרעסטע האפ־נונג פון דער מענשהייט, וואס איז אויף א שטיין געגרינ־דעט געווארען. מיר וועלען תפילה טוענדיג ווארטען אויף אונזער גורל.

7. כיטרע שטימען וועלען פרואווען אנמאכען אומריינ־קייט, אבער געדענקט, אויפגערעגטקייט איז נישט מער ווי שטויב און מיידט עס אוים.

איך לערן אייך דורך ערשיינונגען פון לעבען, איך גיב צייכענס יעדען טאג.

אזוי ווי די בלעטלאך פון א רויז שיטען זיך די צייכענס, ווייל די צייט איז נאנט. טראכט וועגען דער נייער וועלט, טראכט וועגען דעם גאנג פון די פעלקער.

8. איך וויין הונדערטפאך, נאר דאס פארלוירענע שלעפט זיך הונדערטפאך.

א, דו באלען פונ'ם שיקזאל! וואוהין וועסטו פאלען און פון וואנען וועסטו אפשפרינגען? א ליכט איז דיר אנ־געצייכענט — באווייז, באלען, צו דערפליען! האלט איין דיין כיטרע קרייזען.

9. ווען איר וועט שטיין ביי דער וואַנט פון טרערען, געדענקט — די פרייד גייט!
איך זאָג אייך — ווענדט אייך צום מזרח, וועט איר מיין זונליכט דערזען!
טייער איז דער זאַלבאייל, וואָס איז אַנגעגרייט אין צייט.
טייער איז דאָס בלימעל, וואָס איז פאַרפלאַנצט אין מיין שעה!
גיסט נישט אריבער דעם בעכער פון מיין שעה!
דער נס גייט! ירשנ'ט אים, וואַרטענדיגע!
דאָס געפעם פון די אוראַלטע צייטען האָט זיך אומגע־קערט!

---

10. פאַרוואָס וואונדערט איר אייך איבער באַשטימטע צייטען? מיר טרעפען נישט, נאָר מיר זעהען.
איר וועט פרעגען, ווי אזוי איר זאָלט זיך צונויפזאַמלען? וועל איך זאָגען — קומט אייך צונויף בעטענדיג. בעסער שווייגט, דונערט נישט מיט זאכען, שרייט נישט אַרוים מיט קולות, ווייל די פליגעל פונ'ם גייסט וואַקסען אין דער שטיל.
בעטענדיג ווידמעט די צייט פאַר אונזער צוזאַמען זיין.
ווייל מיר וועלען ברענגען דאָס בעסטע צום צוזאמען זיין.
די בריק פון פאַרקער פאַראייניגט די וואונדערליכע לייטער צו די העכסטע ערשיינונגען פונ'ם באַשעפער — די לייטער פון גייסט. איר קענט קעמפען אין לעבען, איר קענט איינזען, ווען די צייט קומט, צו רופען מיין האַנט.
11. ווי זאָל מען וואַרטען, אז געשעענישען זאָלען זיך

אַנטוויקלען? אַזוי ווי כוואַליעס האָבען אַ ריטם, אַזוי וואַקסען געשעענישען מיט דער מאָס פון אויפשטייג און מיט דער דערוואַרטונג פון פליסיגען אויפוואוקס.
ווען איך באַגרייפט די שעה פון׳ם פויק, כאַפּט אָן דעם שריט פון לעבען.
אינמיטען פון שטילקייט, ליגט אַוועק די לערע אויף דער פּאַך פון ערפאַרונג.
ווי אַזוי זאָל מען לייענען די כתבים פון די חכמים. מען דאַרף זיין מיט זיך אַליין און צו מעסטען דאָס געליי־ענטע צו פאַרשידענע אייגענע שטימונגען.
אַט בין איך אַ ניי געבוירענער,
אַט בין איך אַ צדיק,
אַט בין איך אַ נע ונד,
אַט בין איך אַ הערשער,
אַט בין איך איינער וואָס זעט נישט,
אַט בין איך איינער וואָס דערקענט די וועלטען.
צו אַלע קוואַלען ליגט צו די דערקענטע גרויסקייט פון׳ם לאַטאָס.
12. זשעניִרען זיך איז נישטאָ וואָס, אַזוי ווי לייבען גייט —
דאָס גוטס באַצירט אייער פאַנצער.
די ערשיינונג פון׳ם פיש־פאַנגער וועל איך אייך שיקען און וועל אַריינשטעקען די האַנט אין ראָד פון דראָהונג.
איך האַלט, אַז מען דאַרף זיך לערנען אויף די ביישפילען פון אַנפאַל.
דאָס פייער פון דער ערד וויל זיך דורכברעכען.

מיין באַפעל צו די תּלמידים: געזעגליך איז מיין ביטע,
גייט שטרענג, נאָר נישט צורייצט.

די צורייצונג מאַכט אייער געפעס גלעזערן און ליכט
צום צוברעכען.

אַ זילבערנע שאָל פאַסט גיכער צום שטיין.

איך האַלט אָפּ דעם שלאַקסרעגען פון קליינע פיילען.

עס איז איצט אַזוי נאָנט די צייט, ווען דער אוראַלטער
צוזאָג וועט דערפילט ווערען.

13. מיט גייסט האַלט אויף די גייסטיגע לערע, בלויז
דער גייסט קען ברענגען גאָט׳ס קעניגרייך אויף דער
ערד.

פונקט אַזוי איינפאַך ווי מיינע ווערטער, וועט זיך דער-
נענטערען דאָס קעניגרייך פון גייסט.

פונקט אַזוי ליכט וועלען אָפּגעקערט ווערען די דאָרע
בלעטער פון דער פאַרגאַנגענער ערד.

נישטאָ קיין פאַרגאַנגענהייט, עס איז דאָ דאָס ליכט פון
דער צוקונפט — מיט דעם גייט.

איך האָב אייך געגרופען פון׳ם שפּינוועב פון לעבען.

איך, איך, איך, האָב אייערע ציין געשאַרפט.

איך האָב פאַר אייך געלייגט דעם קאַליר פון דער פאָן.

פאַרשטייט די לערע מיט׳ן גאַנצען פאַך פון די פליגלען.

צו מיר פירט בלויז דער אויבערשטער וועג, דורך אונטען
קען מען נישט דערגרייכען.

מיינע באַפעלען האַלט מיט קלוגע שלעסער.

גייט אויף מיט באַטראַכטונגען, מיט די דרייסטעסטע, ווייל

איך האָב מיט אַ בליץ אויפגעהויבן דעם ברעג פון אייער געצעלט.

מיט'ן גייסט פאַרגעסט וועגן דער נישטיגקייט.

דאָס באַשערטע ליכט איז גרוים — דאָן גייט.

14. ריינע געדאַנקען וועגן פאַראומרייניגט מיט די פרייגעביגע אורטיילען פון אָרטיגע מענשען. הינטער וועלדער הערט מען שלעכט. איר מוזט מיינע געזעצען אָפּהיטען אין אייערע באַליבסטע טאַטען.

15. איך וויל אייך זאָגען — מיט דער גאַנצער קראַפט פונ'ם גייסט — גייט דרייסטער. די בונדען פון דער וועלט וועלען אייך נישט שטערען. דער ערפאָלג פירט די דרייסטע.

אַזוי ווי בערג־בלומען איז שווער, כאָטש איין נאַכט צו פאַרברענגען אין בלאָטע, אַזוי איז אייך נישט גרינג.

אַ פיינדליכער אַקצענט קלינגט אויף די סטרונעס, אָבער קיין נעגעל קענען נישט אָנסטרויען קיין סימפאָניע.

מיין שילד האָט אַ סך שפּיזען אָפּגעווענדט פון אייך.

16. אַ גרוב גראָבען איז לייכט, נאָר שווער איז צ הויז צו בויען. פרעמדער חוזק מאַכט אַז מיסט אין די ווינקלען.

נאָר מיט אַ פעדער פון אַ פליגעל וועט איר אָפּווישען דעם שטויב, דערפאַר, היט די פליגעל.

17. מיין צייכען קען אייך דערפירען.

שטעלט אוועק פאַר זיך מיין הויז. בלויז מיט דער גרויסער טאַט וועט איר דערגרייכען.

אייער גורל איז אויסצומיידען די מאַסע, שיקענדיג איר דאָס העכסטע גליק.

קלאָר איז דאָס זילבער פון די בערג, נאָר מען דאַרף דער־פאַר געפינען אַ וועג. נאָר דער שמוץ פון די טעג איז נישטיג אין פאַרגלייך מיט דער צוקונפט.

מען קען דעם פינסטערען געדאַנק פאַרשטיין, ווען מען קוקט אַריין אין דעם מענשליכען אָטעם, ווי אַ רויך פאַר־שטעלט ער די לופט.

די פיין גיט זיך איבער אויף די כוואַליעס פון'ם עטער. די ערד דאַרף נישט פאַר דער באַשטימטער צייט צו־ריי־סען די קייט, וואָס איר האָט אַליין אויסגעשמידט.

18. דאָס ליכט איז גרויס, וואָס אונזער לערע האָט געגעבען. אָבער דאָס נייע איז בלויז פאַר די נייע מענ־שען.

X

1. עס איז גענוג צו גלויבען די צייכענס, כדי צו באַשאַפען אַ כוואַליע פון קראַפט. אַזוי העלפען מיר קעגענזייטיג ביים ליכט פון דער אַנטפּלעקונג.

אַ וואונדערליכען דורכזיכטיגען געדאַנק טראָגט איר אין זיך — צו דערזען אונזער הויז.

ווען איר פיהלט די דערשיינונג פון אַ גרויסער טאַט, דאַ־מאָלס געדענקט, אַז אַ ליכטיגער פאָדעם צינדט זיך אָן.

מיין נשמה אַנערקענט לייכט, אַז קיינער וועט אייך נישט אָפּשטעלען.

איך שיק פרייד, זייט אויפמערקזאַם. זייט רוהיג, דאָס פיבער וועט זיך ענדיגען.

2. ביי א לייכטען שכל דרייט זיך דער אורטייל ווי א ראָד.
דער דרייסטער בעט א פייל און בויגען, דעם פויגעל וועט ער אליין קריגען.

3. דערפאָלג דאַרף מען ווי א בלימעל פּלעגען.

4. מיין אויג — איז אייער ליכט!
מיין האַנט — אייער באַשיץ!
מיין האַרץ — אייער אַנקער!
בלויז די ליבע האַלט דעם פאָדעם פון דעם גייסט׳ס דער־גרייכונגען.
דער תהום וועט נישט איינשלינגען דאָס פייער.

5. א קויל פליט פאָראויס — נישטאָ קיין וועג צו־ריק.

6. ערפאָלג באַשאַפט פליגעל.
זוכער פון דער גרויסער טאַט, איך וועל אייך אָפּהיטען אויף דער גריווע פון דער כוואַליע און וועל אייך שטע־לען איבער׳ן אָפּגרונד, ווי אויף א טורעם, צו וועלכען מען קען נישט צוטרעטען.

7. ווען מען ווינשט אַנדערע שלעכטס, גייט מען אַליין אויס.
די צייטען זיינען פינסטער. האַלט פעסט דעם שילד. צושפּרונגען וועט ווערען דער, וואָס וועט אָפּטרעטען.

8. ווייזט ארויס פעסטע שריט, היט אָפּ דאָס האַרץ. ווייל ווען עס נעמט אריין די גאַנצע וועלט, דאַרף מען פאָרזיכטיג טראָגען דאָס געפעס. גייט איינפאַך פאָראויס און בריקעט זיך נישט אין וועג.

ווען איר האַלט איין די אויפרעגונג, באַשאַפט איר אַ נײַ הײַטעל פאַר'ן גייסט.
אפילו אַ פערד שפּרינגט בעסער אָהן שוים פאַר'ן מויל.

9. אַזוי ווי פונקען באַשאַפען אַזאַ, אַזוי וועבט די אַרבייט פון גייסט הילף.
עפענט נאָר דאָס ריינע פענסטער און די הילף פליהט שוין.

XI

1. די אומגעזעהענע לערע גייט אָהן אויפהער.
דעם אונטערשייד פון גייסט דערקענט מען בלויז אויף דער גרעניץ פון די שטופען.
דעם וואוקס פון גייסט דערקענט מען מיט אַן'אומגעזעהע־נער גראַדמאָס.

2. מיט דרייסטקייט דאַרף מען זיך אָננעמען, ווי לײַ־בען דורכגיין — אַזוי וואַקסט די גרויסע טאַט. באַקלאַגט נישט די פאַרגאַנגענהייט, זייט גרייט אויפצוהייבען אײַער שילד צו יעדער צייט.

3. די מעגליכקייט איז מיין געבאָט פאַר אַלע — אַפילו אַ טויב זאָל ווערען אַ לייב. נישט מיר דאַרפע' אײַער מעגליכקייט, נאָר איר.
מיט אַ שמייכעל וועט איר אָפּשטעלען די צושטערונג פונ'ם טעמפּעל. אַ פליה קענט איר בייקומען נאָר מיט מעג־ליכקייט.

אַלץ וועט דערפילט ווערען אין דער בעסער צייט.
טרעפט, וואָס מען דאַרף איבער'חזר'ען: מעגליכקייט און געדולד. זאָלען זיי צוקוקען די אַרבייט, ווי מען שלייפט

א שטיין, ווי פעסט און פאַרזיכטיג עס גייט דעם אַרביי־טער'ס האַנט און אַלץ פאַר טעגליכען לוין — אומפאַר־גלייכליך שטייט די אַרבייט פונ'ם באַשעפער.

4. און וויסען קומט בלויז, ווען דער גייסט איז ווילי־. באַפעל און שרעק איז בלויז פאַר שונאים.

5. אַלעמען זאָג איך אַז לויט זייערע פאַרדינסטען — ווער עס אָפּפערט מער וועט באַקומען מער. יעדען זעלבסט־אָפּפער וועל איך פאַרזילבערען. יעדע פאַרגעסליכקייט וועל איך איינצוימען. איך וועל געבען פרייד!

וועמען דער פייערדיגער וועג איז געפערליך, דער זאָל בעסער פאַרפרוירען ווערען מיט די טאַראַקאַנעס.

זייט צופרידען מיט דעם שטראָם פון וואונדערליכער צדקה. ווייל דער האַגעל שלאָגט פיינליך — עס איז בעסער צו באַקומען מיין שטראַל.

6. ווער עס פאָלגט נאָך די נייע וועלט, וועט באַקו־מען אַ זילבערנעם שטאַב.

7. איך זאָג: אַלעם איז אַנגעצייכענט אַ באַשטימ־טע אַרבייט, ווער עס וועט זיך נישט שרעקען אויפצוהיי־בען זיך צו אונז.

8. אַ פּאַדים קענען מיר געבען, נאָר פאַרשאַרפען די נאָדעל מוזט איר אַליין, סחורה גיט מען, נאָר איינפּעדע־מען מוזט איר אַליין.

גייט מיט דעם העכסטען וועג, דער זעגעל דאַרף זיין שניי ווייס.

9. דורך פייער, דורך רויך, דורך נסים, דורך גלויבען

גייט, פינקעלט מיט דער יוגענט פון גייסט, זייט די אינגסטע און די באוועגליכסטע.

דער זעגעל פון דער גרויסער טאט איז דער דויערהאפטסטער.

10. נאר מיט דעם יובעל פון גייסט גייט מען אריבער די ליכטיגע בריק.

איך פארזייהע צייכענס, קלויבט זיי אויף פארשטענדיג.

XII

1. אייער מאכט וועט וואקסען, נאר ווען איר וועט פארדעקען דעם פלאם, וועט איר אפבריען די הענט. זאל פריי לייכטען דער פלאם פון גלויבען.

דער לערער פאלגט נאך יעדען איינפאל, איז גרייט אויפצונעמען די בעסטע קערנער פונ'ם איינצעלנעם גייסט.

2. מ... און דאס פארשטיין פון בודא'ס לערע ברענגט צו א לעבעדיג פארשטענדניש פונ'ם געזעץ. וואס איז אויסגעטראכט געווארען אויפ'ן בארג פון ליכט. זיין געזעץ וועט בעסער העלפען אויפ'ן וועג צום וויסען. זיין לערע איז ביי מיר פרייד, מיין האנט וועט פירען צום וויכען. שמייכעלט, ווען מען וועט גייסטיגע ארימעלייט אנרופען געלערטע.

שמייכעלט, ווען מען רעדט מיט אומכבוד וועגען פארשטיין דעם גייסט, ווען מען לעזט געפעלשטע ביכער; ווען ריינע געדאנקען שרעקען די קליינזעליגע.

3. לערנט באטראכטען א געזעץ פאר אומפארענדבאר.

וואונדערט אייך, ווען די כוואליעס פונ'ם פאלק וועלען אויפהייבען דעם צוזאג פון דעם אלטערטום.

4. קראנקהייטען פונ'ם גוף זיינען פונקט אזוי אנשטעקענדיג, ווי די פונ'ם גייסט — דאס איז אנ'איינפאכער וויסענשאפטליכער באגריף. גיב א קלאפ אן טיש און די זאכען וועלען אויפציטערען, ממילא שוין א קלאפ אן גייסט טרייסעלט אויף די נערוועז.

איר קענט אייך צורירען צו אלטע זאכען, אפטרייבענדיג אינ'ם באוואוסטזיין די שעדליכקייט פון אנהויפונג.

צווייטער טייל

I

1. אין דער ליבע שמידט די באשטעטיגונג פון די הויכען פון קענען הערשען איבער זיך. מיין לערע קען נישט אויסלאזען דאס ניט־פארשטיין פון די פרעמדע זידלער. איך זעה זיי וועלען גרויזאם דעם קאפ צוברעכען אבער גיט צייט.
ווען מיר דערנענטערען זיך צו די לערען פון קריסטוס און בודא, וואס גייט אונז אן דאס מיסט אויפ'ן שוועל? — א ליידיג זשאבע־שיסעלע.

2. זאגט אן איילינקייט — פארלוירענע קערנער איז שווער צונויפצוזאמלען.

3. לערנט אנצואווענדען דעם נס אויף דער לערע, אז דער שילד זאל אנטפלעקט ווערען אויף אלע ווענגען. איך פיהל יעדען וואונק, וואס איז אייך נוצליך.
אונזער פראנט שטייט ווי א וואנט. א שמייכעל, ווי דאס זונליכט לויפט איבער אלע פנים'ער ביי אייער יעדער געלונגענער באוועגונג.
אזוי ווי א גערטנער דערלאזט א גארטען בארעקען זיך מיט בליטען, פארטרייבענדיג די פינסטערניש, אזוי פאלגען

מיר נאָך די באַוועגונגען פון די אויסדערוויילטע הענט. פריידיג איז יעדע ערפינדערישקייט, ווייל אַ שילד ווערט גע־שמידט פון ביידע זייטען.

ברייט איז מיין טאָט, אַלעמען איז געגעבען אַנ׳אָרט. מיט דער ברייטקייט פון בליק מעסט אָפּ אייער חלק. אַנ׳אַנט־פּלעקונג פון אומדערהערטע מעגליכקייטען איז הינטער דער טיר, לאָמיר זיך פרייען.

4. עס איז גוט צו זיין אויף דער זון, נאָר אַנ׳אויס־געשטערענטער הימעל ברענגט אויך אַ האַרמאָניע פון די נערוון. די לבנה אָבער איז נישט פאַר אונז. דאָס ריינע ליכט פון דער לבנה איבעראַשט די פראַנע. דער מאַגנע־טיזם פון דער לבנה איז גרויס, נאָר פאַר אַפּרוּה איז ער נישט גוט. אָפטמאָל רופט די לבנה אַרויס אַ שווער־קייט, אַזוי ווי מענשען, וואָס פאַרצערען לעבענס־ענערגיע. די ערשיינונג פון אַ וואונדער־קראַפט פאַרגרעסערט זיך ביי דער לבנה.

אַ ריינע פראַנע דאַרף ענטפערען דער שווערקייט, אַז נישט איז עס נישט קיין נס, נאָר אַ צושטערונג פונ׳ם לעבענס אוצר־געפעס. ביי אַפּרוּה איז גוט צו לאַכען, די שילד־געזעהענע דריזען רייניגען זיך דורך מיט געלעכטער. דורכ־רייניגען די דריזען — איז די ערשטע זאַך.

5. „שאַמבאַלאַ״ איז אַנ׳אומבאַדינגט אָרט, וואו די גייסטיגע וועלט פאָרט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטעריע־לער. אַזוי ווי אין אַ מאַגנעט טרעפט אַ פונקט פון גרעס־טער צוציהונג, אַזוי זיינען די טויערען פון דער גייסטיגער וועלט אָפען צום וואוינאָרט פון די בערג. די אָפענע

הויכקייט פונ׳ם האריזאנקאר העלפט דעם מאגנעטישען שטראם.

יעקב׳ס לייטער איז דער סימבאל פון אונזער וואוינארט.

6. דעם אבערגלויבען קען מען נאר פארטרייבען, ווען מען נעמט אין אכט דעם מענשענ׳ס איינגעבוירענע קרעפטען.

ווי אזוי מענשען ווארטען מיין אנקומען, דארף מען ווייסען. דער פארלאנג פון מענשען שמידט אויס א נייעם שטאפעל פאר דער לייטער.

7. די געדיכטקייט פון מאטעריע שטערט יעדער ערפארונג פונ׳ם גייסט. דאס אמבאלאנגט מענשען, פונקט ווי דער גאנצער נאטור.

צו באקומען צוטריט מוז מען צושמעלצען די מאטעריע. ביים צושמעלצען קומט ארויס א באזונדערער גאז, וואס פאראייניגט זיך מיט דער סובסטאנץ פונ׳ם גייסט. די צענטרען פון א מענשענ׳ס נערוען, טיילען אויס א גאז ביי יעדען עקסטאז פון גליק אדער אומגליק. עס ווערט שוין א ווארשטאט פונ׳ם גייסט. דערפאר ווערט א נויט אנגערופען גאט׳ס באזוך. און יעדעס שלאפענדיגע לעבען — דער טויט פונ׳ם גייסט. אין דער נאטור באשאפען עקסטאז: א שטורם, אנ׳ערדציטערניש, וואולקאנען און א צופלוס. אזוי הויבט אויך אן דער ווערקשטאט פון גייסט צו ארבייטען, דערפאר זיינען געבענשט אלע פונקען פון עקסטאז. ווען די מאטעריע איז צושמאלצען, לאזט זי זיך פארבעסערען און גיט נייע פארמולעס. אנשטאט פארלענגערטע אויסזוכונגען איז גענוג אפצושפיגלען די

עלעמענטען אין אונזערע שפּיגלען, און אַנצוזאַמלען נייע פאַרמולעס.

דאַמאָלס בלייבט דער צווייטער טייל פון דער אַרבייט, אַז מען זאָל זיי געדולדיג און אין צייט געבען די מענשען. איבער די פייערען פון עקסטאַז בלאַנקעט אַרום אונזער שטראַל, אַנקלאַפּענדיג אין האַרץ — וואו איז עס דאָס גליק צו דאָס אומגליק, וואָס עפענט דעם אַריינגאַנג? — נאָר צורירענדיג זיך צו דער צושמאַלצענער מאַטעריע, פיהלט איר דעם פולס פון דער ערד, און דאָס האַרץ מוז אויסהאַלטען די שווערקייט. די, וואָס ווילען נעמען אַנ־טייל אין דער אַרבייט, דאַרפען היטען דאָס האַרץ.

דערפאַר זאָג איך, היט דאָס האַרץ, אַלץ איבריגע קען מען לייכט פאַרריכטען. עס שטעלט פאַר די מאַטעריע. אין דער צייט וואָס די נערווען אונטערליגען דעם גייסט. אויפ'ן קלאַפּ פונ'ם גייסט עפענט זיך די טיר פון דעם זוניגען צונויפוועב, * נאָר אַ קלאַפּ פון דער מאַטעריע שלאָגט איבער'ן האַרץ. יעדער וואָס וויל קומען אין באַרירונג מיט דער פאַרמולע פון מאַטעריע, דאַרף היטען דאָס האַרץ, אונזער מעדיציין לערנט, ווי אַזוי מיט'ן אָטעמען צו באַ־שיצען דאָס האַרץ, נאָר וועגען דעם אַנ'אַנדערש מאָל.

8. די אויסשטראַלונג פון די נערווען קען מען נישט אָפּוועגען, נישט אַרומנעמען, נישט זען, ווייל זי איז פונ'ם גייסט. דער פּראָדוקט פונ'ם האַרץ — איז בלוט. מיט אַלע אויסמעסטונגען פון דער ערד, דערפאַר ווען מען רעדט, דאַרף מען דערפילען מיט'ן האַרץ, דאָס הייסט מען דאַרף אַנווענדען דעם ערדישען פּלאַן.

* Solar Plexus

די איינציגע בריק צווישען פארשטיין דעם גייסט און אנ־נעמען די ערד זיינען די ווייסע קיילעכלאך. אבער איר ווייסט, וואס פאר א קאמף עס באגלייט זייער עקזיס־טענץ. די ווייסע קיילעכלאך וואס זיינען אונטערוואר־פען די קרעפטען פון דער ערד און טראגען דאס ווייסען פון גייסט, ווייזען זיי אייך נישט אויס ווי ווייסע ברידער? דערפאר איז אזוי שווער הארמאנישקייט אויף דער ערד. נאר צו דער ארבייט דארט, וואו דער גייסט האט אראפ־געשטיגען צו דער מאטעריע, מוז מען האבען די באדינ־גונגען פוןביידע פלאנען. מען טאר זיך נישט דערווייי־טערען פון דער ערד און מען מוז זיך געפינען אין גייסט. כדי בייצוקומען די ערדישע פארמולעס מוז מען וואבען א פעסטען הארץ־קאנאל, ווייל די אפשפיגלונג פון די צייי־כענס פון דער ערד טראגט געפערליכע פונקען. נאר פאר דער ערד דארף אלץ געשען אויפ'ן ערדישען פלאן. אין דעם ליגט די הויפט אורזאך פון דער עקזיסטענץ פון דער ברודערשאפט דא.

דערפאר דארף מען צו אונז דערגיין אויף דער ערד, אנט־דעקען אונז, ווי א גוטע זילבערמינע אונטער דער קארע פון דער ערד.

9. איצט ווערט מקוים דאס גרויסע פארשטיין פון דער דערשיינונג פון דער לערע פון אויבען.

עס איז גוט צו פארשטיין, ווי צו באהערשען זאכען, אהן א געפיהל פון אייגענטום.

עס איז גוט צו האבען זאכען, כדי זיי אפצוהיטען און

אַפילו אַנצופילען זיי מיט דער געבענשטער אורע, מיט'ן געדאַנק זיי איבערצוגעבען צו אַנדערע.

די דערשיינונג פון אַ שעפּפערישער האַנט לעבט אין אַ הויז אָהן דער צוגעבונדענקייט מיט אייגענטום, און דאָס פאַרבעסערטע וועט זי ווייטער טראָגען. און דער צייכען פון אַ געבענדיגער האַנט וועט אָהן אויפהער אָפּגעהיט ווערען — אין דעם איז די באַרעכטיגונג פון זאַכען. ווען מען פאַרשטייט דאָס, איז די שווערסטע פראַגע געלייזט.

איך רעד פאַר דער וועלט, ווייל דערהויפּט איז דער אונטערגאַנג פון דער וועלט דורך צוגעבונדענקייט צו אייגענטום וואָס עקזיסטירט נישט. איבערגעבען דאָס דעם נייעם פאָלק הייסט אויסהיילען די שרעק פון אַלטקייט. די דערשיינונג פון הערשאַפט אָהן אייגענטום וועט עפענען אַלעמען דעם וועג, אָהן באַדינגונג פון ירושה. ווער עס קען פאַרבעסערען — דער הערשט. דאָס אמבאַלאַנ:ט אי די ערד, אי די וועלדער, אי די וואַסערען — אַלע דערגרייכונגען פון דער מעכאַניק און פאַרשידענע סאָרטען ערפינדונגען אונטערליגען דעם. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, ווי די פאָלקס־שאַפונג וועט אָנהייבען אַרבייטען, באַזונדערס, ווייסענדיג אַז בלויז דער גייסט גיט די בעסטע אַנטשיידונג. צו דער היים פון גייסט וועלען זיך ציהען פראַגען, ווי אַזוי איז בעסער? און די שווערדען פון גייסט וועלען דערשלאָגען יעדע כיטרעקייט. עס איז אין אמת'ן באַקוועמער צו טאָן בעסער — דאָס געזעץ איז איינפאַך, אַזוי ווי אַלץ אין גייסט.

10. אזויפיל האבן זיך אנגעהויפט די געשעעניישען, אז די הייטלאך פון עמפפינדליכע מענשען ציטערען. די נערוועז־טרייסלונג דארף מען צוריקפירען צו קאסמישע אויפרודערונגען.

מען טאר גארנישט ארויסשטעלען אונטער'ן שלאקסרעגען. נאר דערנאך שיינט די זון באזונדערס שטארק.

11. די געלט־נדבה דארף אומגעבראכט ווערען, הילף דארף זיין דורך ארבייט אדער מיט זאכען. עס דארפען נישט זיין קיין ארבייטסלאזע, ווען דאס פאלק וועט זיך ווענדען אויפ'ן וועג פון גייסט. אונזער זאך איז ווייזען דאס פולקאמע גליק נישט פאר דער אומגעזעהענער וועלט. נאר פאר אונז אליין. מיר רופען צו גיין אויף אונזער וועג.

12. נעמט צוזאמען די אומגליקליכסטע, די אומבא־קאנטסטע יונגע תלמידים, אנטפלעקט זיי דאס געשאנק צו באשענקען די מענשהייט. גיט זיי אנ'עצה צו שריי־בען רעגלען אינ'ם טעמפעל. די וועלט האט שוין לאנג נישט געזען קיין פארזאמלונג אין טעמפעל. און דער דער־לייזער וועט דערלאנגען א געשאנק די וואס וועלען דער־קענען. מיר ווילען זעהן דעם טעמפעל פרעכטיג און לע־בעדיג. און קיינער וועט נים ארויסטרייבען די וואס גייען צום ליכט, ווייל דער וועט אונטערגיין. נסים וועלען אנ־גענומען ווערען אויף די לוחות פון וויסען.

זאל יעדער וואס איז באלויכטען מיט'ן גייסט גיין דרייסט אי' טעמפעל אריין. ווייל אונזער וועג אויף דער ערד אין פאלאץ אריין איז אנ'איבערשאפונג. עס זיינען נישטא

קיין אָרעמע. ווער וועט נישט וועלען אָננעמען די רייכקייט?

13. איך פריי מיך צו זען, ווי איר פאַרשטייט די איינצעלהייטען פון מיינע באַפעלען. איך גרייט צו אַ געשעעניש, באַטראַכטענדיג פריהער אַלע איינצעלהייטען, אַזוי זאָלט איר אויך טון, איז גרינגער זיך צו באַגעגענען. מען קען נישט אַ סך באַשערטעם לאָזען אויפ׳ן ווינט, נאָר מען קען מיט פאַרשטענדניש דעם שטעג נישט פאַרלאַטען. עס איז וויכטיג די אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט — דער דרייסטער גייסט גייט פאָראויס פונ׳ם פאַרשטענדניש. מיין שטראַל איז גרייט אָנצוצינדען דאָס זונליכט פונ׳ם געדאַנק. אַזוי וועלען מיר דורכגיין אַלע געפאַרען און דורכפאַל וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין ערפאָלג.

II

1. מאַיטרעיאַ שיקט דרייסטקייט. מאַיטרעיאַ וועט אָננעמען דאָס געשאַנק. מאַיטרעאַ פיהלט זיין ליבע. מאַיטרעיאַ בענשט אויף פריידיגער אַרבייט. מאַיטרעיאַ שיקט אַרבייט אויף דער ערד אין נאָמען פון נס. — גייט ליבטיג. — עס איז מיר אַ פרייד צו באַגלייטען די שמייכלענדיגע. די לערע פון ליכטיגקייט זאָל איר זען אין יעדער ערשיינונג, ערפינדערישקייט איז די אייגענשאַפט פון מיינע תלמידים.

2. איך וועל אייך אָנווייזען ווי צו דערזען דעם נס, וואָס די פעלקער דאַרפען. איר וועט געוואָר ווערען ווי אַזוי צו דערגיין צו מענשענ׳ס האַרץ.

אַ האַנט קען זיך באַוועגען בלויז פון דער פּלייצע, אַזוי דאָס באַוואוסטזיין פונ׳ם מוח. מען דאַרף אויפרייסען דעם מוח, דאַן וועט זיך דאָס באַוואוסטזיין אַ וואַרף טון פאַראויס, ווי פון אַ קאַנאָן.

די לערע פליהט אויף די פליגלען פון געשעעענישען — זאָגט: איך וועל צוואוואַרטען היינט, ווייל דער מאָרגען גייט אָהן מיר אויך און דערפאַר דאַרף מען זיך שטאַרקען. וואָס זאָגט מען, ווען מען דאַרף עפּעס אַנ׳אַלטע זאַך פאַר־קויפען אויפ׳ן מאַרק? מיר וועלען נישט ווייזען, ווען מיר וועלען דאָס נייע אָנטאָן. זאָלען זיי מיינען, עס איז נישטאָ וואָס אָנצוטאָן. אַפילו די שליסעל פונ׳ם קאַס־טען דאַרפען נישט קלאַפּען, די פאָרהאַנגלאַך אויף די פענסטער וועלען מיר פאַררוקען.

3. דאָס געזעץ פון איבערגאַנג אין דער וועלט פון גייסט איז נישט קאָמפּליצירט. אָפּגלייכען קען מען נישט קיין איינציגען צושטאַנד. ווי דער שטויב פון אַ וואָל־קאָן זיינען אומצייליג — די גייסטער, וואָס קערען זיך אום צו דער גייסטיגער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז מאַ־טעריע איז דער צושטאַנד פונ׳ם גייסט און בלוט אָדער זיין עקוויוואַלענט איז אויף אַזוי ווייט פאַרשידען פונ׳ם גייסט, וואָס ווערט געשפּייזט פון דער פראַנע, אַז די גרעניצען זיינען צוריסען איבער אַלע וועלטען. דער גייסט אַנערקענט מיט מיה דאָס פאַרלאָזען די מאַטעריע. דער גייסט, צוגעבונדען צו דער ערד, הילט זיך איין אין אַנ׳אַסטראַלען קערפּער, וואָס באַשאַפט פאַר אים אַן אילוזיע פון ערד, דאָ אין דעם היימישען פייער פון

באגער און חרטה. אבער דער גייסט, וואס פליהט בלויז ארויס מיט דער שטרעבונג ארויף, קען אויסמיידען דעם אסטראלען פלאז, ווייל דער אסטראלער קערפער איז בלויז אנ'איבעריג מיסט. וואס ווייניגער מיסט, אלץ ריינער דאס באוואוסטזיין. עס איז שווער זיך פארצושטעלען אויף דער ערד, ווי אזוי מען קען פארלאזען די מאטעריע, נישט פאראכטענדיג זי, אפגעבענדיג זי אויף א נייער פארמירונג. אבער אפגעבענדיג וועלכע עס איז זאך, האט איר דעם בעסטעןביישפיל. א בעסערער מתנה־געבער וועט צוטראכטען א בעסערע מתנה. דערפאר די מאטעריע וואס הילט איין א הויכען גייסט ברענגט גרויסע נוצען, ווייל זי לאזט גארנישט אויסרינען.

געווים, באוואוסטזיניגער פארקער איז צוגענגליך כאר הויכע גייסטער, אויב דער אומגאנג איז גענוג פריי פון מאטעריע און בלוט־פראגען. דער גייסט, וואס נערט זיך מיט פראנע, נעמט נישט אריין אין זיך קיין בלוט. דערפאר קען מען די וועלט צוטיילען לויט בלוט־פארהעלטניש, קיין אנדער גרעניץ עקזיסטירט נישט.

דער קערן פון גייסט זעצט פאר אומאויפהערליך דאס לעבען און א לופט־בלאז פון נערוועזע אויסשטראלונגען טראגט דעם גייסט צו דער הויכקייט, וואס ער באשאפט. דערפאר רעדענדיג וועגען אומשטערבליכקייט ווי בלויז וועגען א וויסענשאפטליכען פאקט, איז מען טיף גערעכט. דער לעצטער געדאנק ביים פארלאזען די מאטעריע איז ענליך צו א פייל. דער מאמענט אנטשיידט די ריכטונג פונ'ם פליה, דאס איבריגע ווערט געטון לויט פארלאנג.

לאָמיר קענען פאַרלאַנגען. לאָמיר אויפבויען אַ רעגענ־בויגען צוזאַמענצובינדען די שטופען פון׳ם אויפגאַנג פון גייסט.

4. לאָמיר רעדען וועגען טויט. טויט איז מער ווי אָפּשערען די האָר, מען גיט אויך בלויז אָפּ די מאַטעריע. די פראַגע וועגען פירער ווערט באַשלאָסען מיט דעם אייגענעם געזעץ פון צוציהונג און אָפּשטויסונג. דער פּרינציפּ פון אָפּגעבען און העלפען איז שטאַרק אין דער גייסטיגער וועלט. דערפאַר רופט אַרויס יעדער אומ־גאַנג פון׳ם גייסט אַן׳ענטפער אין דער מאַטעריע פון דעם פאַראַנענעם. עס ווענדט זיך אין דעם, ווער עס פרעגט. מען קען צוציהען און אויפהאַלטען ביי זיך הויכע קרעפטען. פונקט אַזוי קען באַפעסטיגט ווערען די ערשיינונג פון די נידריגסטע גייסטער. דער וואָס וויל וועט באַקומען. ווען מענשען וועלען פאַרשטיין די נוצליכקייט פון ריינעם אַוועקגעבען, וועלען זיי רייכקייט באַקומען.

דער גייסט — איז דאָס ליכט פון שטערען־שיינקייטען. נאָר ווייניג גייסטער גיסען זיך צונויף מיט׳ן ליכט, מער־סטענס אין די אַסטראַלע קערפּערס. עס איז בעסער צו ברענען אַלס אַ שטערען, מיט דעם באַוואוסטזיין און מעג־ליכקייט זיך צוריק צוקערען אין די פּלאַנעטען צו הילף. מען קען זיך אויסקלייבען אַ בעסער מזל, האָט דען נישט דער וואָס גיט — אָפּענע מעגליכקייטען?

מען קען שטרעבען אַרויף צום ליכט, ווי אַזוי צו געבען הילף און דאַמאָלס איז נישטאָ קיין צושיידונג. ווען די

איבערגעבליבענע וואָלטען געציילט די אוועקגעגאַנגענע, אַלס געשיקטע צום ליכט און נאָך ליכט, דאַמאָלס האָלט דער פאַרקער געוועזן ריכטיגער. וואָס העכער דער גייסט, אַלץ מער זעט ער, — ס׳הענגט אָפּ פון׳ם גייסט. אַ הויכער גייסט פיהלט וואוהין ער שטרעבט, פליהט ווי אַ פויגל. דער פינסטערער אָבער דריקט זיך הינטער׳ן אויווען. דערפאַר איז קאָסטבאַר דער דרייסטער פאַרלאַנג צו זאכען, ווייל יעדער זוכענדיגער וועט געפינען. אויב די פאַרלאַנגען פון׳ם גייסט זיינען הויך, קען ער געפינען הויכע בילדער, און באַשאַפענדיג זיי, העלפען דער פאַרפולקאָמונג.

5. דאָס געזעץ פון אָנפילען דעם רוים איז ענליך צו צעמענט. די דערשיינונג פון לעגענדען, נביאות, אַלערליי צייכענס האָט אַ באַדייטונג נישט פאַר איינצעלנע פערזאָנען, נאָר צו צעמענטירען דעם רוים.

די ערשיינונג פון אונזערע שמועסען עפענט דאָס בוך פון׳ם וואוקס פון׳ם גייסט פון פאַרשטענדניש. נישט מיט אַ נס, נאָר מיט דער איינאָרדנונג פון יעדען טאָג ארבייטען מיר. ביי דער זרע פון רויגען, פאַרזיכער איך אייך, קען מען זיך לערנען. יעדע רויג טראָגט אין זיך אַ פאַרטיגען אָרגאַניזם. אַזוי פילט אָן דעם רוים דאָס פילפאַרביגע הייטעל פון געדאַנק.

6. אַ וואָלקען איז נישט קיין נס, געמיינהייט נישט קיין העלדענטאַט, צושטערונג נישט קיין חכמה, נאָר דער גייסט, ווען ער דערוואַכט, דערגרייכט גלייך דעם פאַרשטאַנד. דערפאַר האָט די ברודערשאַפט אָפּגערופען די

דערשיינונג פון נסים. און צייכענס קענען בלויז באגליי־
טען געשעענישען, אזוי ווי פאנען. אבער מען דארף
אויסלאזען דעם נס, אלס א מיטעל צו איבערצייגען, ווייל
נסים האבען קיינמאל נישט איבערצייגט.
אימיצער רעדט וועגען פערזענליכען פארקער, אבער די
לופט איז פאר אלע, כאטש א סך ווילען נישט פארשטיין
זיינע נוצען, טאקע זיינע נוצען.
נייע שטרעבונגען קענען זיין אויף די קברים פון אלטע
פאראורטיילען — נאך א באקעמפונג.

איך האב אייך שוין געזאגט וועגען פארשטיין מיט'ן גייסט,
ווען א שטראל פאראייניגט דעם לערער מיט'ן שילער.
דאמאלס ווערט דאס הויפט־פארשטיין איבערגעגעבען דורך
דער עמפפינדונג פון גייסט. און נישט קיין שריפט, און
נישט קיין צייכען, נאר דאס אומפארענדבארע וויסען פונ'ם
גייסט פירט די טאטען פון די שילער. דאס אומפארענד־
בארע וויסען איז דער שנעלסטער איבערברענגער. נישט
די באשלוסען פונ'ם פארשטאנד, נאר דאס וויסען פונ'ם
גייסט.

איך שיק אייך די פיילען פון איינפאכע דערגרייכונגען. נישט
אלעמען איז צוגענגליך דער איינפאכסטער וועג, נאר
אויב מען קען אים אויפנעמען אין זיך, איז וואויל צו
אייך.

7. און דער רוף פון דער מוטער איז דערהערט. נישט
מיט כשוף, נאר מיט'ן גייסט וועט איר דורכגיין. קען
דען כשוף באפעסטיגען דעם שטיין? אזוי קען זיך דאס
פאלק אויף כשוף נישט באפעסטיגען. נאר ווען יעדער

וועט פאַרשטיין, אַז דער וועג פונ׳ם גייסט איז איינפאַך
און ברענגט דעם רוף פון דער מוטער פון דער וועלט —
דאַמאָלס וועט יעדער געפינען די טויערען אָפען.
אַהין זינגזאַנג און אַרויסרופונגען קען זיך יעדער צורירען
צום אַפּאַראַט פון לעבען נישט מיט׳ן פאַרשטאַנד, נאָר
מיט׳ן גייסט. די הענט וועלען זיך אויסשטרעקען נישט
צו בעטען, נאָר צוצוקלייבען.

דער רוף פון דער מוטער וועט ווייזען די טויערען, ווען
עס איז די צייט אַריינצוגיין — טאַקע דער רוף פון דער
מוטער. ווען די קינדער־חלומות זיינען פאַרגעסען, קען
נאָר די מוטער רופען.

די מאָלצייט איז פאַרטיג — די צייט איז געקומען, ווען
דער נייער טיש איז גרייט! גייט, ווי לאַנג דאָס געפעס
איז נאָך נישט צו הייס! אַ סך וועלען נישט קענען
אַראָפּשלינגען דאָס קאָכעדיגע עסען, נאָר דער דרייסטעס־
טער, שיין ווי אַ פּרינץ, וועט איינשלינגען דאָס פייער פון
דער וועלט. און אַ פייער־שטעג וועט באַלייכטען דעם
נאָנטסטען וועג.

8. אונזערע געדאַנקען זיינען וועגען אייך, מיר שיקען
אייך די לערע, ווי צו גיין איבער דעם הענגענדיגען פעלז,
פאַרוואַנדלענדיג אים אין אַ פּרעכטיגען טאָל. די מענש־
הייט פיהלט, ווי איבער דער שאַרף פון אַ שווערט איז
קיין גאַנג נישטאָ. און די לעצטע מעגליכקייט ווערט
געשיקט מיטן׳ אָנווייזען די טויערען.

דאָס איינגעבען זיך איז בלויז אַ צייכען פון אַ ריכטיגער
ווענדונג. ערפאָלג איז בלויז דאָס פאַרשטיין דעם מאָ־

מענט. די לערע איז בלויז דאָס אויפהייבען פונ'ם טעאַטער־פאָרהאַנג. ווי וואונדערליך עס איז צו זיין דער אויספירער פון אַ וועלט־מיסטעריע!

גייט ליכטיג! אַ גאַנצע קייט איז ווערט אַ פּרייז.

מיין האַנט באַווייזט די שטראַלען פונ'ם באַרג. מיר וועלען גלייך אָנהייבען אַ נייע עראַ. איך לערן נישט חלומ'ען. נאָר הערען דעם גאַנג פון געשעענישען.

9. זכרון און באַוואוסטזיין. אויב דער זכרון איז פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, איז דאָס באַוואוסטזיין פאַר דער צוקונפט. דערפאַר פאַרבייטען מיר דעם זכרון אויפ'ן באַוואוסטזיין. מיט'ן זכרון קען איך נישט דורכדרינגען אין די גרעניצען פון דער זון, אָבער דאָס באַוואוסטזיין עפענט די טויערען. דער מוזיי און די ביבליאָטעק פאַרטרעטען אונז דעם זכרון און דערפאַר דאַרף דער תלמיד נישט אין כעס זיין ווען ער פאַרלירט דעם אַלטען זכרון. איינפאַך אַ קליינע זאַך ווערט פאַרביטען מיט אַ גרויסער. דאָס באַוואוסטזיין איז ענליך צום פאַרשטיין דעם גייסט. עס וואַקסט, אַרומנעמענדיג דיזס גאַנצע וועזען ווי אַ פלאַם. ביי דעם פּראָצעס שטערען די אָפּשפּריצלאַך פון זכרון דעם ברענען, אַזוי ווי פלעקען. וויסען הייסט נישט געדענקען. דער וואָס דערג' יכט לויפט נישט אומקערענדיג זיך. דאָס אָרט צו געפינען די מענשהייט, איז צו דערמאַנען אַז מען זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין באַוואוסטזיין. פון וואַנען נעמען זיך די כחות פון אונזערע דערפאַרונגען? פונ'ם זיניגען באַוואוסטזיין וואָס ווערט איבערגעגאָסען אין דער פאָרם פון פּראַנע

אויף דער אויבערפלאך פון די געדאנקען פון ערדישען לייט פליסען שטראמען פון זוניגער חכמה און אין די גרעני־ צען הויבט זיך אן די גרויסע אנגעזאגטע לערע. מיר רופען ארומצונעמען די וועלט. אבער נאר דער אינסטרו־ מענט פון באוואוסטזיין וועט ערלויבען נייע פריוועז פון צוזאמענגיסען דעם גייסט מיט דער מאטעריע.
די קארמא קען נישט קאמפליצירען דעם הארמאנישען קערפער. דערפאר איז פראקטיש נוציליך דער וועג פון אויפשטייג.

10. הינטער די וואָרצלען פון אייביגען אמת איז דא א סך שטויב. עס איז געקומען די צייט צו באזייטיגען די פרעמדע געוויקסען.

11. מען דארף בעסער מיין בוך פארשטיין. די לערע ווי איבער דער ערד צו גיין איז אנטפלעקט צו די, וועד עס האלט דעם הימעל פאר לעבעדיג. א לערער איז דער, וואס קען פעסט גיין איבער דער ערד.
איך חזר איבער, מען דארף די אנטפלעקונג פארשטיין אין לעבען, נישט פארלאזענדיג די ערד. עמפפינדליך דארף מען אריינרדינגען אין די ערשיינונגען פון יעדן טאג. ווען די צייט וועט אנקומען, וועט אפילו א מו־ ראשקע קומען אלס שליח.

III

1. פארטיפענדיג זיך אין די הויכקייטען פון קאסמאס דארף מען געפינען די קארעלאציע פון דער ערד. יעדען מאמענט זיינען מיר גרייט צו פארלאזען אלץ וואס איז

ערדיש און אין דער אייגענער צייט האָבען מיר ליב יעדעם בלימעל. אין דעם איז די חכמה, וועגען וואָס אַוועקטראַגען אַנ'ערינערונג. וועגען אַ קרוין אָדער וועגען דעם וואוילגערוך פון אַ פּריזיע, וועגען זיג־געשרייען אָדער וועגען פּאַסטוך־לידער. דאָס אנגענעמסטע איז דאָס אונז נישט אנגעהערינגסטע, די בעסטע פּראַכט איז אין וועג. אַ ליד שיקט אונז דאָס געזונט און קאָליר וועט פאַרהייליען די וואונדען. דערפאַר זאָג איך, גליקליך זיינען די, וואָס פאַרשטייען קלאַנג און פאַרב.

אין אָנהויב האָבען זיך נביאים צוגערירט צו קלאַנג און פאַרב. די אוראַלטע לערע וועגען קלאַנג איז פול מיט באַדייטונג. קראַנצען און גירלאַנדען געדענקען דאָס הייליגע פאַרשטיין. לויט דער פאַרב פון זיין אויסשטראַלען ווערט יעדער צוגעצויגען מיט בלומען. דאָס ווייסע און דאָס לילא זיינען פאַרוואַנדט דעם פיאָלעטען. דאָס בלאָהע דעם בלאָהען. דערפאַר ראַט איך מער צו האַלטען אין שטוב די פאַרבען. מען קען זיך אָנהאַלטען אָן לעבעדיגע פאַרבען, געוויקסען צוגעקליבען לויט דער פאַרב זיינען הייל־באַרער. איך ראַט מער פּריזיען. אונזער שטראַל מיט זילבער דערמאָנט מער ווייסע בלומען. פאַרב און קלאַנג זיינען אונזער בעסטע מאָלצייט.

2. דער וויר־בעלווינט וואָס פאַרברעכענס רופען אַרויס, שטיקט די אַלטע ערד. עס טראָגט זיך אַ שטיקענדיגער רויך, וואָס פאַרפינסטערט דעם פאַרשטאַנד. דער אייזערנער שפּריץ איז אונמעכטיג. מען דאַרף פאַרזיכטיג אָפּהיטען — אין אַיילעניש געלינגט נישט, נאָר אינ'ם פאַר־

שטיין די צייט. די האַנט פֿון גורל פֿירט צו אומפֿאַרמיידליכע צייטען. באַגערט די דערשיינונג פֿון אַ נייער וועלט. נישט מיר טרייסלען אויף קעניגרייכען, נאָר מיר קערען בלויז אויס די פֿאַרפֿוילטקייט.

עס איז וויכטיג צו פֿאַרשטיין דעם טאַקט פֿון צופֿלוס — אָדער די הויכע פֿרייד פֿון פֿאַרשטיין אָדער אונטערגאַנג.

3. נישט דער טראַקטאַט, נישט דער פֿאַרשטאַנד, נאָר דער קאַנאַל פֿון גייסט ברענגט די עמפֿפֿינדונג פֿון קאָסמאָס. די איינאָרדנונג פֿון הייַנטיגען לעבען האָט אָפּגעווענדט די מענשהייט פֿון ווי עס איז צו פֿאַרשטיין די וועלט־מאַכט. די דערשיינונג פֿון דורכזעליכקייט איז די איבערערדישע ספערען ווייזט זיך בלויז אַרויס אין דעם מאָמענט פֿון דער גרעניץ פֿון שלאָף. ווער קען אָפּשעצען דעם הייליגען אויגענבליק, דער האָט שוין אַ ביסעל געעפֿענט דעם ריגעל. נישט די זעהונג, נאָר דאָס באַוואוסטזיין איז וויכטיג. נישט דאָס איז קאָסטבאַר, וואָס מען קען פֿאַרגוואַלדיגען דורך איבונג, נאָר מיט פֿרייער אויפֿריכטיגקייט.

די צייט וואָס דערנענטערט זיך דאַרף פֿאַראויסשטעלען דער דרייפֿוס פֿון דער פּריסטערין יעדען סענסיטיווען גייסט. אַזאַ אַרט דעמאָקראַטיזירונג פֿון די סמנים פֿון אַריסטאָקראַטיזם. אָבער ביי יעדען איז אומפֿאַרמיידליך אַ וואַנשאַל אונטער'ן בוזים, און זייער אָפּנאַרונג איז אוממעגליך. יעדער וועט גלייך אָפּוועגען דאָס פֿאַרדינטע שטיקעל.

דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דער נייער ערא, און דער־גרייכט לייכט די פאָלקס־פסיכאָלאָגיע.

4. איר דאַרפט פאַרוואַנדלען פאַרלוסטען אויף נוצען. באַגערט אַ סך שונאים, נאָר מאַכט זיי נישט.

לאָמיר ענדיגען, וואָס מיר האָבען נעכטען אָנגעהויבען: —

די באַלוינונג פאַר שלעכטע און גוטע טאַטען דאַרף צוגע־איילט ווערען. די ערשטע באַדינגונג פון רעליגיע דאַרף געבען אַ פראַקטישע לעזונג פון לעבען. די באַלוינונג פון הימעל איז אַבסטראַקט, מען דאַרף דערנענטערען די באַלוינונג אויף דער ערד. דאָס פאָלק קען איצט פאַר־שטיין דאָס עמפפינדבארע וועלט־צוגענגליכע וואונדער פון באַנייען די מעגליכקייטען. פון דאַנען קומט די האַנט פון אנ׳אומגעזעהענעם פריינד אָדער די שאַרפע שווערד, און געבענדיג די באַלדיגע נוצען פון נקמה נעמען, וועט דאָס פאָלק געפינען אַ נייעם וועג צום טעמפעל.

בעטען די גאָטהייט איז נישט נויטיג. מען דאַרף זיך אַליין ברענגען אַ בעסערע טאַט.

5. די גרויסקייט פונ׳ם קאָסמאָס לאָזט נישט קיין אָרט צו דיסקוטירען, נאָר זי׳ איבערראַשט און דערהויבט. דאָס וויסען פון גייסט דערגרייכט מען דורך וויסען פון גייסט..

באַטראַכט נאָך דעם זילבערנעם פאָדים, וואָס פאַרבינדט מיט׳ן לייטענדען גייסט, מיט׳ן באַוויזענעם זילבער ביז דעם פירער פון דעם פלאַנעט.

עס קומט אַרויס אַזוי ווי אַ נעץ, וואָס נעמט זיין לייט־פאָדים פון העכערען גייסט. די העכערע אינדיווידואַלי־

זירונג האָט נישט מורא פאַר פאַראייניגונג און שיקט די מתנות פון געפינען איבער'ן זילבערנעם פאָדים צו די העכערע ספערען. עס קען אויך זיין, אז ביי דער געבורט שיקט זי איר לייטפאָדים.

געדענקט, יעדער פאַל איז מעגליך אין דער וועלט פון גייסט. נישט פון אַן'אויסגעטראַכטע פאָרמעל, נאָר פון אַן'אומבאַשרייבליכער מאַכט פון גייסט באַשטייען די נייע מעגליכקייטען. אי שווער, אי וואונדערליך.

6. איך פריי מיך מיט די נביאישע מעגליכקייטען, ווייל נאָר דורך זיי ווערט פאַרזיכערט די בעסערע עוואָלוציע אין דער צוקונפט. די דערקענונג פון פאַרגאַנגענעם פירט נישט פאָראויס אָהן דעם אָנהויב פון פאָראויסזעהן.

7. דאָס אָפּריינינגען די רעליגיע נעמט אָן די נייע דירעקטע באַציהונג צו דער גייסטיגער וועלט. קריסטוס, בודא און די נאָנטסטע העלפער האָבען זיך ניט באַנוצט מיט מאַגישע פאָרמעלען, נאָר האָבען געווירקט און גע־שאַפען אין פאָלשטענדיגען צוזאַמענגוס מיט'ן גייסט. דער־פאַר דאַרפען אין דער נייער עוואָלוציע אויסגעלאָזען ווע־רען די פרידיגע קינסטליכע מיטלען. אורזאַך און פאָל־גען. די מעכאַניק פון איאָגיזם איז נישט גענוג מער פאַר דער באַנייאונג פון דער וועלט. דער פאַרביטענדי־גער לערער וואָס זיצט אונטער אַ בוים איז נישט גענוג פאַר דער נויטווענדיגקייט.

פון וואַנען נעמט איר כח און איינדרינגליכקייט? פאַראיי־ניגענדיג זיך מיט דעם גרויסען גייסט, אַנערקענענדיג די אורזאַך און דעם אָנשטוים בויען מיר די באַלדיגע פאָל־

גען. מיר רופען די, וואָס זיינען פריער דורכגעגאַנגען אי־
בער'ן גרויסען וועג פון פערזענליכען באַוואוסטזיין און פאַר־
אַנטוואָרטליכקייט. און אונזער רופען דערגרייכט דורך
טויזענט הענט דערהויבען. נישט נויטיג קיין פאָדערונ־
גען, נישט נויטיג קיין שרעק, נאָר די צוזאַמענגיסונג באַ־
וועגט מיט מאַסען. באַגערענדיג גליק, נעמען מיר אָן די
ירושה פון די גרויסע גליק־טרעגער. מיר לאָזען איבער
דאָס גייסטיגע געפעס אָפען אויפצונעמען געבענשטע הילפס־
מיטלען. און קיין שלעכטס וועט זיך נישט רירען, ווייל
מיר ווילען גליק, וואָס איז באַשטעטיגט פון גייסט. און
פאָרזיכטיג וועלען מיר אָוועקנעמען דאָס שפינוועבס פון
שריפטען אין היט־קאַמער אַריין, ווייל מיר זיינען גע־
גאַנגען צו די קוואַלען.

זיין אַ גרייטער, זיין דער וואָס זאָגט זיך אָפּ, זיין אַנ'
אַנטפלעקטער, זיין אַ דערדריקטער, זיין אַ פריידיגער, זיין
אַ באַגייסטערטער, זיין אַ שווייגענדיגער, זיין דער וואָס
ברענגט און גיט און זיין אין דעם לעבען דער וואָס האָט
געלערנט ביים ליכט פון דער זון, אַזעלכע ווילען מיר אייך
זעהן, און אַלס אַזעלכע שיקען מיר אייך. אַזוי האָט אייער
גייסט איבערגענומען דאָס שליחות.

נישט מיט קיין קעניגליכער הערשאַפט, נישט מיט'ן קע־
לער פון אַלכעמיע, נישט מיט דער מאַגיק פון אַרויסרו־
פונגען, נאָר פון לעבען גייען מיר און מיר קומען אַריין
צו אייך, עלטערע ברידער און שוועסטער, צו באַקומען
דאָס קעסטעל, וואָס איר האָט אָפּגעהיטען, וואָס מיר האָ־
בען אָנגעזאַמעלט, ווייל מיר גייען צום איינפאַכען טעמ־

פעל פון גרויסען גייסט. און מיר וועלען זיך צוריק אומ־קערען צו אייך, ווייל אַלס אַזעלכע האָט איר אונז געוואָלט זעהן, און די משא וואָס איר האָט אָנגעלייגט, וועלען מיר דערטראָגען, אַלס דעם כוס פון אומשטערבליכקייט.

8. ליכט־טיילען פאַרפליהען נישט צופעליג אויף שכנ׳ישע ספערען — דאָס זיינען אַזאַ אַרט פאַרקערס־וועגען. די דאָזיגע צייכענס ווערען אויסגעלאָזט פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט, נישט אין דעם גייט עס, צי דער אַעראָליט קען אַנטהאַלטען קאַראַטען בריליאַנטען. נאָר אין דער באַדייטונג פון׳ם פסיכאָ־מאַגנעט. איבער דעם וועג קענען פעלקער פאַרגרעסערען די ספערען פון פאַרקער. ביי דער קאָאָרדינירונג פון מאַטעריע אין דער־צוקונפט איז אָט די אייגעשאַפט פון פסיכאָ־מאַגנעט וויכ־טיג. מאַטעריע דאַרף דאָך, סוף כל סוף, זיך צוזאַמענגי־סען מיט׳ן גייסט; אַזוי ווי גלאָז קאָן זי ווערען בויגיג.

צום אָנהויב פון דער נייער אַנטוויקלונג קען מען באַנו־צען נייע הייל־מיטלען, טיילענדיג די מענשען לויט די ליכט־שטראַלען. אַרויסצוגיין פון די גרעניצען פון׳ם פּלאַנעט איז דאָס נאָענטסטע געפינס. נישט דער צו־שוועער פון וועלטען, נאָר דער באַוואוסטזיניגער אַנטיילנע־מער מענש — און דער וועג איז אים נישט איבער בלאָ־טעס, נאָר איבער׳ן שיין פון די ספערען.

אויב מען דערפילט נאָר, צו וואָס זוכען ליכט? דער גייסט ווייסט, אים איז צוגענגליך, אים איז באַשערט. אַנדערש צו וואָס די לייטער פון אונזער ברודערשאַפט? זי האָט

זיך איינגעשפּאַרט אין דער ערד און האָט זיך פאַר־לוירען אין די הימלען.

9. דרייסט נעמט אָן די שווערע אָנפאַלען. אייער גייסט דאַרף זיך פרייען מיט יעדער טאָט. ווען די הי־נער קוואָקען — וועט רעגענען און עס וועט זיין אַ גוט גערעטעניש. ביי אַ שייער איז פאַראַן אַ סך שטויב. אָבער פונ׳ם שייער וועט ברויט אַרויסקומען.

10. אין איבער׳חזר׳ונג איז דאָ קראַפט, וואָס ווערט נישט ריכטיג געברויכט אין רעליגיע, אָבער אין לעבען איז דער פאַנצער נויטווענדיג. מען דאַרף זיך כסדר איינ־הילען.

11. „דער וואָס וועט נאָר דערהערען דאָס קול פון זיין גייסט, וועט זיך אויפהויבען איבער׳ן אָפּגרונד“ — אזוי האָט געזאָגט סערגי. — „און ווער עס איז אוועק אין וואַלד אריין קען נישט הערען קיין מענשליכע רייד, און ווער עס איז אויף אַ געלעגער אַנטשלאָפען געוואָרען, וועט נישט הערען קיין פייגעלאַד, די אַנזאָגער פון דער זון. און דער שווייגענדיגער וועט זיינע אויגען נישט גלויבען דעם אַנטפּלעקטען נס. און דער וואָס שווייגט אויפ׳ן ברודער׳ס הילף, וועט דאָס שפּענדעל פון זיין איי־גענעם פּוס נישט אַרויסנעמען“. — אַזוי האָט געזאָגט סערגי.

וועגען סערגי׳ן וועט מען דאַרפען רעדען, דאָס פאָלק וועט וועלען וויסען וועגען אים, וועלען מיר אַרויפלייגען פאַרבען אויף סערגי׳ס אָנבליק. באַשענענדיג אים, דער־ציילענדיג זיין לעבען און זיינע ווערטער.

12. מיר וועלען רעדען וועגען אורען — די איי־פּאַרמיגע אורע איז די אייגענשאַפט פונ'ם אַסטראַלען קערפּער. די איינפאַכסטע, שמאָלע, שטראַלט אויס אַ־בער'ן גאַנצען קערפּער, ביז צוויי אינטשעס. לויט דער מאָס גייסטיגקייט, הויבט זי אָן וואַקסען פון די אויבערשטע צענטרען. צוערשט פון דעם זוניגען צונויפוועב, נאָר דערנאָך דערהויבט זי זיך צו די צענטרען פונ'ם מח, בילדענדיג די אַזוי־גערופענע זוניגע אורע. בלוט־צו־פלום איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איבערוואַנדלונג פון דער אורע, אַזוי ווי דער שטראָם פון אָנשפּאַנונג איבערוואַנדעלט זיין דרוק. עס איז אַפילו מעגליך צו פאַלען אין חלשות. און ענדליך פאַרשווינדט די אויסשטראַלונג פון די נידריגע ענדונגען און קלייבט זיך צוזאַמען אַרום. דער לעבעדיגער אָרגאַניזם ווערט באַזונדערס סענסיטיוו. באַזונדערס צו קלאַנג און פאַרב. די מעגליכסטע רוהיגקייט דאַרף מען אין דער איבערגאַנגס־צייט. פאַראַן אַ זוניגע אורע פון צען־פופצען אינטשעס. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז איר מאָס ווערט גרעסער.

נישט קוקענדיג אויף דער אומבאַקוועמליכקייט פון איבערגאַנג פון דער אורע, מעג מען באַגריסען דעם, וואָס באַקומט אַנ'אויבערשטע אויסשטראַלונג. פאָרזיכטיג דאַרף מען באַשאַפען די מעגליכקייט פון רוה. דערנאָך וואַקסט אַזוי ווי אָן אַ נייע באַשיצונג, און די נערוועז פון דער הויט גייען איבער אין אַ האַרטען צושטאַנד. אויף גלייך קען מען נישט צוטיילען דאָס פיזישע און דאָס גייסטיגע. די וואַנשאַלען שאָקלען זיך און כוואַליעס גייען איבער'ן

אָרגאַניזם. מען דאַרף דאָס נישט אנרופען קיין קראַנק־הייט, נאָר מען דאַרף יעדע מינוט העלפען דעם אָרגאַ־ניזם זיך באַפעסטיגען אין זיין נייעם צושטאַנד.

13. אַזוי ווי מען פלעגט פריהער פיהלען איינזאַמקייט, אַזוי דאַרף מען איצט פיהלען דאָס וויסען פונ׳ם גייסט. געזעגנונגס־ווערטער אויף יעדער נייער שטופע. לאָזט צו דאָס וועלען פונ׳ם גייסט. איבט דאָס פאַרזיכטיגע אַרומ־קוקען זיך, דאָס העלפט דעם גייסטיגען באַוואוסטזיין. פרעגט זיך, ווי אַזוי וויל דער גייסט. די שטופע פונ׳ם גייסט׳ס וויסען איז וויכטיג. צוטרעטענדיג צו איר, דאַכט זיך, אַז דער גייסט איז אַמווייטסטען, אָבער דאָס ווייזט זיך בלויז אויס, פאַרקערט, דער גייסט קלאַפּט שטאַרק אָן. עס איז וויכטיג גלייך צו טון, אָנצוכאַפּען דאָס ווי־סען פונ׳ם גייסט. ווי עס ווילט זיך, אַזוי דאַרף מען האַנדלען. אויספּרואוּוען דאַרף מען אויף דעטאַלען בע־סער, איידער ריזיקירען מיט מאַסען.

14. מיר וועלען איצט פאַרגלייכען דאָס וויסען פונ׳ם גייסט און דעם באַפעל פון ווילען. דאָס וויסען צובליט זיך, אַרויסווייזענדיג אַ שוץ און באַלייכטענדיג די יסודות. דער באַפעל פונ׳ם ווילען שטרענגט זיך אָן צו פרעמדע ספע־רען און אונטערוואַרפט און פאַראייניגט. דער באַפעל ווערט באַצייכענט מיט׳ן סימבאָל פון שווערד און פייל. דער סימבאָל פון גייסטיגען וויסען איז — דאָס בלימעל. אַ באַפעל קען איבערגעגעבען ווערען דעם תלמיד פון דרויסען אין אַ גיכער שליחות, דאַמאָלס, ווען דאָס גייס־טיגע וויסען צובליט זיך פון אינעווייניג און עס קען מיט

קיין סצעפטער נישט ארויסגערופען ווערען. פונקט ווי א בלימעל אין דער באשטימטער צייט, אזוי צובליט זיך דאס ווייסען.

ווי אזוי זשע העלפען דעם בלימעל? שטעלט עס אוועק אין א רוהיג ארט, גיט אים זונשיין און לאזט עס נישט אנרירען אדער בלעטלאך אראפרייסען. אהן גייסטיגען ווייסען קען מען נישט אוועקשטעלען דאס ווייסען אויף א הויך, וואס איז באשערט דער מענשהייט.

15. דער וואוקס פון טאטען איז ענליך צו ליליען. ביי איין פארקאן האט זיך צוגעטוליעט א ווייסע שוועסטער. זי האט נישט קיין חבר'טעס, נאר די שטענגלאך טראגען שוין די דערשיינונג פון נייע. די פארקערפערונג דורך בלומען איז נישט אפט. טייל שטרעבען צו געוויכטיגערע פארמען פון בוימער, אבער די פראכט פון בלומען איז נישט אלעמאל צוגענגליך, אז מען זאל זיך צוויי מאל צו זיי ווענדען. עס קאן נישט זיין קיין פארבאט צו פארקלענערען איינע פון די טירישע רעאינקארנאציעס מיט דער הילף פון געוויקסען. איך וועל נישט זאגען, אז דאס באוואוסטזיין פון א סך פליגען זאל אריבערשטייגען דאס באוואוסטזיין פון די פרעכטיגע בלומען. עס איז קלוג אויסצואווארטען געוויסע רעאינקארנאציעס מיט דער הילף פונ'ם בלימעל. איילט אייך, איילט אייך, איך וועל צוא־ווארטען אונטער'ן פרעכטיגען דאך, כדי צו זיין פאראויס פון אייך. אזוי פארקירצט דער שטעג פון שיינקייט דעם וועג.

16. דעם אפנארער זאג — ווי נוצליך איז מיר דיין

אַפּנאַרעריי. דעם פאַרכאַפּער זאָג — עס איז, ווייזט אויס, געקומען די צייט, אַז איך זאָל באַקומען נייע זאַכען. נאָר אין אמת'ן איז פאַר דיר בעסער זאָלסט דיך נישט צורירען צו מיינע זאַכען. לעסטערונג און רויב וועלען אויף דיר ברענגען דעם בליץ. דיין מעסער וועט שטומפּיג ווערען אָן דעם אומגעזעענעם געווער, וועסט קאַליע מאַכען דיין שטאַרקסטע געווער.

און וואוהין וועסטו גיין אַנ'אויסגעשטשערבעטער און אין אַש פאַרשטויבטער? איך האָב גערעדט צו אייך וועגען שמייכעל און פעסטקייט. און די וואָס שווימען מיט מיר, קען מען געבען אַ שווערט אין טאָג פון יערליכע עראינע־רונגען. דאָס געזעץ פון אָפּגעבענדיגקייט און די וואָס גיבען אָפּ וועלען באַקומען.

פאַרוואָס גייט איר מיט זיי? עס איז גרינג און נוצליך צו גיין מיט זיי. ווי דער פליה פונ'ם פאַלקען שנעל. אומערוואַרט ווי יונה'ס פאַרוואַנדלונג. אומאויסשעפליך ווי דער פלאַם! בלויז מיט איין אָפּגעבען אין גייסט, קענט איר אויף דער ערד דערגרייכען די דערשיינונג פון ליכט און אמת. אָט דער קוואַל קען נישט אויסגעטריקענט ווערען.

אויף דער ערד צווישען פאָרכטיגקייטען, הילפלאָזע און אַזוי ווי אויסגעשטויסענע, גיבען זיי, לייגען פאָר און באַ־שענקען און גייען נאָך דעם שטערן. און דערפאַר איז אונז פרייליך אין דער יערליכער נאַכט. און נישט נאָר גייען און באַלויכטען די אורעס, נאָר זיי באַשליסען צו גיין אָהן אָפּהאַלט, דערפאַר איז אונז פרייליך.

17. מיר ענדיגען מיט יום־טוב און מיר הייבען אָן

מיט אַרבייט. מיר וועלן באַשטימען, וואָס זאָלן מיר טאָן? — ווירקן. אין דעם אייביגן ווירקן איז אונזער יום־טוב. און איר דאַרפט לויט אונזער ביישפּיל ווירקן אָהן הערצווייטאָג. באַגערט צו ווירקן אין רו־איגקייט, וויסענדיג ווי אַזוי אונזער קוואַל פליסט אין אייך אָהן אויפהער. און ווען איר טראַכט — וואָר־זשע זיינען זיי, די וואָס האָבן צוגעזאָגט? מיר שטייען הינטער אייך און מיר פרייען זיך, אויסמעסטענדיג דעם וואוקס פונ׳ם בלימעל פון אייער אורע. דאָס איז דאָך אונזער גאָרטען. הינטער דער גרעניץ פון ווייטקייטען פאַראייניגט דאָס ליכט די הערצער.

18. זעהונגען זיינען רעאַל, פונקט ווי דער פאָטאָטעלעפאָן. מען קען זיך זיי פאָרשטעלן רעאַלער, איידער די פיזישע וועלט. די פראַגע איז נאָר אין דעם, פון וואָס פאַר אַ קוואַל זיי גייען, אָבער דער גייסט קאָנטראָלירט. צו אַ גוטער פראַגע וועט זיין אַ גוטער ענטפער. איך וועל זאָגן אַ וויכטיגע זאַך — מענשען לערנען ווייניג אוים זעהונגען. גראָד לויט דעם כאַראַקטער פון זעהונגען קען מען שרייבען די בעסטע געשיכטע פון אינטעלעקט. אויספאָרשענדיג אַפילו די גראָבע דענקמעלער פון זעהונגען, זעט מען געוויסע פעריאָדען. פאַרשטייט זיך, אַז סענסיטיווע גייסטער האָבן כאַראַקטעריסטישע פאָרמען.

ווען מען האָט פון קריסטוס׳ן אָנגעהויבען מאַכען אַנ׳ אומדערגרייכבאַרען אָפּגאָט, איז אָנגעקומען די פעריאָדע פון קריסטוס׳ זעהונגען אין די לעבעדיגסטע פאָרמען. ער

ווייזט זיך ארויס צו זיין נאנט, אריינגייענדיג אין לע-
בען. קורצער געזאגט, אויף יעדען געזעלשאפטליכען פע-
לער געפינט זיך א קארעקטור. אין די טעג פון דער
פרוי'ס דערנידריגונג, קען מען נאכפאלגען די דערשיי-
נונג פון דער געטליכער מוטער.

איצט ווען מען דארף ארויסווייזען די אונאיבערררייסבאר-
קייט פון דער קייט צווישען הימעל און ערד, איז די פאר-
אייניגונג פון דערשיינונגען אויף פארשידענע שיכטען.

נאך אוגוסטינ'ען האט זיך די קירך אנגעהויבען פארטי-
פען אין דער פינסטערניש פון מיטעלאלטער און קריסטוס
האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין פארצוימט מיט א גאל-
דענער צוים. כדי זי דורכצוברעכען, האט קריסטוס אליין
אראפגענידערט אפילו צווישען די קלענערע גייסטער, כדי
אויפסנייי צו אנטפלעקען די גרויסקייט פון באהעפטונג און
אייניגקייט. די חכמה פונ'ם אלטערטום האט גוט פאר-
שטאנען די כוואליעס פון דער וועלט'ס נויטווענדיגקייטען.
פארשטייט זיך, אז דעם איינציגנס וועג איז פונ'ם איינ-
ציגען קוואל. אזוי ווי די העכסטע גייסטער, אזוי די
עמפפינדליכע ערדישע אפאראטען קענען דא צוזאמען זיין.
און די וועלט פון דער העכערער רעאליטעט שווינד אין די
פענסטער פונ'ם תהום פונ'ם ווירבעלווינט פון די דרייענ-
דיגע פלאנעטען. וואס ציען צו טיילען פונ'ם גייסט.

ביים גלייכגעוויכט פון מאטעריע אין דער צוקונפט קען
מען באקומען א קלארען בליק. נאר דערווייל זעט מען
בלויז די שפליטער. דערפאר האבען די אורעלטערען אזוי
פארזיכטיג אפגעהיט אט דעם נאטירליכען טעלעסקאפ.

און די שטאַרקסטע טעלעסקאָפּען זיינען געווען די פּרויען. און זייער ערשטע באַדינגונג פון אַפּהיטען איז געווען פרידען.

19. דאָ גיט דער געבענשטער איבער: „אַלץ איז פאַר אַלעם און אַלעמאַל". באַמערקט די פיר געזעצען — דאָס געזעץ פון אויפנעמען אין זיך, דאָס געזעץ פון פורכטלאָזיגקייט, דאָס געזעץ פון נאָנטקייט, דאָס געזעץ פון גליק.

מען דאַרף נישט דערקלערען די געזעצען פון פורכט־לאָזיגקייט און גליק, עס איז לייכט צו פאַרשטיין דאָס געזעץ פון אויפנעמען אין זיך, נאָר מען דאַרף דערקלע־רען דאָס געזעץ פון נאָנטקייט. דערנענטערענדיג זיך צו בילדער, וואָס זיינען דורך צייטען אָנגעצייכענט, באַקומט זיך אַ באַזונדערס געדיכטע אַטמאָספערע, אַזוי ווי קלומבען רויך, וואָס פאַרשטעלען דעם הימעל און די ערד. עפּעס וואָס איז נאָר וואָס ליכטיג געווען, הויבט אָן צו קרישלען זיך און אַזוי ווי אין אַ ווילדען ווינט צופאַלט עס באַלד. אַפילו קערפּערליך, איז די פּעריאָדע שווער. נאָר צו דעם ווע־רען פאַראויסגעזאָגט געוויסע צייטען, וואָס שטייען אַלס מיילשטיינער אויפ'ן וועג. נאָר וויסענדיג, אַז גע'משפּט'ע מענשען געהערען אומבאַדינגט צו באַשטימטע צייטען, מוזען מיר רואיג דורכגיין די פּעריאָדע, אַזוי ווי צו אַקלי־מאַטיזירען זיך מיט די נייע גאַזען. מען דאַרף געדענקען, אַז אין דער צייט קומען נאָך נישט נאָר דער לערער, נאָר די גאַנצע ברודערשאַפט, און אויב איינציגע שטימען דערגייען, דאַרף מען נישט דערשטוינט ווערען. עס איז

גוט צו האָבן בלומען אַרום זיך אין דער צייט.

20. אין די אַלטע ביכער פון מאַגיע קען מען געפינען אַ טערמין "Illuminacio Regale" וואָס עס מיינט קעניגליכע באַלייכטונג. דער פּרינציפּ איז אַזוי ווייט וויכטיג, אַז הערמעס ענדיגט אַ טראַקטאַט מיט די ווערטער — „געבענשט זיינען די, וואָס קלייבען אויס דעם וועג פון באַלייכטונג."

דער סימבאָל פון זאַלבען מלכים האָט אויך אַ גרונד. אַלע קענער פון געהיימער קראַפט גייען זיך אומבאַדינגט צונויף אין די באַהויפּטונגען פון דער העכערער האַרמאָניע אין די דערשיינונגען פון דער מאַכט פון באַלויכטונג. דערפאַר איז אַ געזאַלבטער קעניג סימבאַליש, וואָס נישט דערוויטערענדיג זיך פון דער ערד, דריקט ער אויס דעם ווילען פון די הימלען. איבער די קאָנווענציאָנעלע פאָרמולעס, פאַרגליווערטע אין דער קאָרע פון פאַראורטיילען איז פאַראַן אַ וויסען, אַזוי ווי צוגאָסען אין דער לופט. שטעל אַוועק אַ בליץ-אָפּלייטער און נעם צונויף די הימלישע פייל. פאַר איינעם איז זי געפערליך אָבער פאַר אַן'אַנדערען איז זי דאָס בעסטע געווער. און די גאַנצע צוקונפט איז באַגרינדעט אויף דעם באַהערשען די באַלויכטונג. דער שווערסטער טעלעפאָן וועט זיין אין'ם מענשען'ס הענט.

IV

1. נישט אויף שפּאָס זיינען דערמאָנט די פּלאַנעטען הינטער'ן אוראַנוס — דער גייסט געיאָגט פון אַ קאָס-

מישען ווינט, קען אפטמאל נישט געפינען זיך און קען נישט אויפמערקזאם באטראכטען, אבער דאס איז בלויז א פראגע פון צייט און טעכניק. אונזער פארלענגערטע דערפארונג וועט צו א סך זאכען צוגרייטען. אויך צו א פארלענגערטער ארבייט. א סך פון אונזערע דערפארונגען נעמען יארהונדערטען. איז אויב איר פיהלט די אומענדליכקייט פון ארבייט, קענט איר נאך איינס פון אונזערע געפיהלען — יעדע צייט זאל פארפולט זיין.

און קלאנגען און בלומען ווערען א נויטווענדיגקייט פאר ווייטערען פליה. די קלאנגען פון די לעבענס־ספערען און די לעבענס־עמאנאציע פון בלומען גייען באמת אריין אינ׳ם רעצעפט פון אמריטא.

עס איז טייער, ניט זייענדיג קיין מעדיום ,נישט פארלאזענדיג דאס לעבען צוציגיין צו די העכערע וועגען. וואו דער שכל איז, וואו די מורא, וואו דער אנהויב פון פאראורטיילען, דארטען איז שווער פאר ווייסע בלומען. איינפאך, איינפאך, איינפאך, נעמענדיג אין אנבאטראכט בלויז ליבע, דרייסטקייט און גרייטקייט. נישט אין דער ריכטיגער צייט זיינען אנגעבלאזען די בלאזען, די וויכטיקייט איז נישט אויפ׳ן ארט, ווען קריסטוס האט ביי די פישער די פיס געוואשען.

אין דער איינפאכקייט פון לעבען, ביים באוואוסטזיין פון דער ווירדיגקייט צו דינען דער נייער וועלט, עפענט די ליבע צום ווירדיגען די טויערען.

2. פונקט אזוי ווי נאך אייך, פארשען מיר נאך דער אנטוויקלונג, מיר היטען אפ קינדער פון די וויגען

און מיר וועגען אַפּ זייערע בעסטע געדאַנקען איבער דער גאַנצער וועלט. פאַרשטייט זיך, נישט אָפּט דערגייט דער גייסט צו אַנטוויקלונג און די צאָל פון אָפּגעפאַלענע איז גרויס, נאָר אַזוי ווי מיט אַ פּרעכטיגען גאָרטען פרייען מיר זיך מיט אַ ריינעם געדאַנק. דערפאַר זאָלט איר אייך נישט וואונדערען, וואָס דער גרויסער לערער חזר׳ט איבער איינפאַכע ווערטער. פיקסירענדיג די געדאַנקען, לאָזען מיר טיילמאָל באַפעסטיגען זיך דעם פּרעכטיגען בלימעל פון גייסט. דערפאַר, אין איין ריי מיט די גרויסע קאָסמישע אַנטדעקונגען און וועלט־געשעענישען, פלעגען מיר אויך פאַרזיכטיג די בלומען פון גייסט. אַזוי פאַר־שידענאַרטיג איז די אַרבייט פון אונזער ברודערשאַפט. פאַראַן אַ געדאַנק, וואָס פירט אַריין אין תוך און די אויס־בערפלאַך פון׳ם גייסט באַוועגט זיך נישט, אַנ׳אַנדער גע־דאַנק, פליענדיג אין רוים, ווי אַ קאַנאָנען־באָל, וואָס טראָגט אין זיך דעם אָנהויב פאַר אַנ׳אויפרייס. אַ שטראַל באַ־גלייט דעם פליענדיגען קאַנאָנען־באָל. יעדער גייסט ווייסט, ווען אַ געדאַנק פליט ווי אַ בומעראַנג. באַזונדערס איז ווינשענסווערט, אַז אַ געדאַנק זאָל באַפאַרבט ווערען מיט זיין אייגענעם קאָליר, אָבער קוים גיבען נישט די אָפּענע צענטרען דעם קאָליר פון געדאַנק, נאָר הילען איין דעם געדאַנק אינ׳ם קאָליר פונ׳ם מענשען, דאַמאָלס הויבט זיך אָן די אמת׳ע אינדיווידואַליטעט. נישט דער אינ־האַלט פון געדאַנק באַפאַרבט זי, נאָר אַלדאָס געשיקטע זאַפּט זיך דורך מיט דער פאַרב פון דער אינדיווידואַלי־טעט. אַזוי ווערט פיזיש געבוירען אַ שטראַל.

דער רעגענבויגען איז דער בעסטער צייכען, יעדער אנ־
ווייז אויף א רעגענבויגען באווייזט די אנטוויקלונג פונ׳ם
דריטען אויג.

3. קריסטוס האט געזאגט: „נישט אינ׳ם טעמפעל,
נאר אין גייסט זאלט איר תפילה טאן. אין אמת׳ן איז
דער רעליגיעזער פאראורטייל די ערגסטע וואולגאריטעט.
אפטמאל טראגען אפילו רעליגיעזע עקסטאזען מער שאדען
נאך זיך, ווי נוצען. די מאסע האט פון זיי געמאכט א
וואולגארע פראצעסיע, דערפאר איז וויכטיג צו ווייזען די
לעבעדיגקייט פון די וואס שטייען אויף אלע שטופען פון
דער לייטער. עס איז צייט אראפצוואוארפען די ברילי־
אנטען, וואס פאר׳מיאוס׳ען דאס הייליגע אפבילד. עס
איז צייט צו פארברענען דאס איבערבלייבאכץ פון די היי־
ליגע, פאלגענדיג קריסטוס׳ טעסטאמענט. עס איז צייט
אריינצוטרעטען אין טעמפעל פון גייסט־פארשטייז, וויד־
מענדיג די קרעפטען, וואס פארפולקאמען דאס וויסען
פון דער אמת׳ער מאכט פונ׳ם גייסט.

נישט אין ווייטע לאבאראטאריעס, נישט אין איינזאמע
צעלען, נאר אין לעבען וועט איר צונויפקלייבען די אמת׳ע
פארשריפטען, וואו קריסטוס, נישט אין די פאלדען פון
מאנטעל, נאר אין דער שיינקייט פון ארבייט זאמעלט ער
צונויף די, וואס זוכען די פרייהייט פון גייסט. וויפיל
מאל האבען זיך די הייליגע אומגעקערט אויף דער ערד,
ווייל זיי האבען צופיל אויסגעדריקט אנטציקונג איבער
דער מאסע, אנשטאט צו בויען דאס לעבען.

מיר זיינען אנטשלאסען געגען קלויסטערס, אלס אנ־

אנטיטעזע פון לעבען. בלויז די פלאנצער פון לעבען, די קאמונעס פון די בעסטע דערשיינונגען פון ארבייט ווע־לען געפינען אונזער הילף. טאקע פון לעבען אליין דארף מען דערגיין. און מען דארף ווירקליך נישט די אלגע־מיין־אנגענומענע רעליגיעזקייט. מען דארף די פאקטען פון באוואוסטזיניגער באהעפטונג מיט דער היים פון ליכט. אט ווילען מיר ברענגען נוצען, גייען מיר באוואוסטזיניג, אהן כשוף צום פראקטישען קוואל. אט איז דער איינ־פאכקייט באשטייט דער גאנצער כסדר'דיגער סוד, וואס איז נאך אזוי נישט צוגענגליך צו מענשען, וואס קריכען ביז איבער'ן פאס אין פאראורטיילען.

עס איז אוממעגליך צו פארשטיין די איינפאכקייט, די שיינקייט און די פורכטלאזיגקייט.

4. די פורכטלאזיגקייט — איז אונזער פירער. די שיינקייט — אונזער שטראל פון פארשטיין. די איינ־פאכקייט — אונזער שליסעל פון די געהיימע טירען פון גליק.

איר קענט שרייבען באזונדערס וועגען דער איינפאכקייט, ווייל קיין זאך פארצוימעט נישט אזוי דעם וועג, ווי די גראבקייט פון אנגעבלאזענקייט. מען דארף מיט אלע אנשטרענגונגען ארויסטרייבען יעדען אנהויב פון איינ־רעדעניש, נישט אריינפאלענדיג אין היפאקריטסטווע. דאכט זיך אנ'אלטער אמת, נאר מען מוז אים איצט באהויפטען. יעדער דארף אליין פארשטיין, וואו זיי איינפאכקייט ליידט.

5. אויף וויפיל זעלבסט־גלויבען אין טאט איז א ברכה, אזוי ווייט איז איינרעדעניש טויטליך. איינרעדעניש איז

פיינדליך צו דער איינפאַכקייט. אַפילו גרויסע מחות זיי־
נען אונטערוואָרפען דער קראַנקהייט, און זיי דאַרפען זיך
אין דער אַרבייט אומקערען נאָך אַמאָל, ביז מען וועט
נישט אָפּווישען די שאַלאַכץ. איינע פון די שטערענדיגע
באַדינגונגען — איז די אָפּוועזענהייט פון איינפאַכקייט.
מען קען טראָגען לאַפּטיעס און נישט זיין איינפאַך. אין
איינפאַכקייט קען מען דעם גרעסטען טעמפּעל אויפבויען.
איינפאַכקייט, שיינקייט און פורכטלאָזיגקייט — קריסטוס
און בודאַ האָבען קיין אַנדער זאַך נישט גערעדט. און
וואויל איז דעם, וואָס זיין גייסט ציטערט מיט די טעם־
טאַמענטען.
באַמערקט, אַפילו רעדען באַמיען מיר זיך מיט די איינ־
פאַכסטע ווערטער, אַבי נאָר צו דערנענטערען דאָס פאַ־
לען פון די טורעמס פון בבל. און אַזוי זאָלט איר זאָ־
גען — ווערטערביכער וועלען מיר פאַרוואַנדלען אין אַש.
אויב זיי האָבען פון קריסטוס' קלאָרען וואָרט געמאַכט אַ
קופּע טירישע באַגריפען. עס איז געזאָגט איינפאַך —
„טוט נישט תפילה אויף יעדען אופן, נאָר אין גייסט“.
בודאַ איז דורכגעגאַנגען די וועלט — און מען האָט פאַר־
געסען. קריסטוס האָט געליטען — און מען האָט פאַר־
געסען. זאָל מען אויפהויבען די שווערד איבער זיך, יע־
דער לויט זיין באַגער.
ראָיע דיך פאָלק אין דיינע שמאַטעס, ווייסע קליידער זיי־
נען גרייט פאַר אַלע. דעם מאַלפּישען טואַלעט וועלען מיר
אָפּגעבען אין צירק אַריין, וואוהין מען וועט אויך אָפּ־
געבען די אַנגעבלאָזענע נאַראַנים. יאָ, יאָ, יאָ. בעסער

מיט ווילדע, איידער אין דער אַפּטייק פון פאַלשע מיטלען — אַזוי זאָלט איר זאָגען.

6. דערפאַר ווייל אונזערע תלמידים טראָגען אין זיך דעם מיקראָקאָסמאָס פון ברודערשאַפט, איז צו זיי נישטאָ קיין גלייכגילטיגע באַציאונג. און שטופּענווייז דעקט מען אויף אויך אין זיי די איינצעלהייטען פון אונזער זיין — די אומענדליכקייט פון אַרבייט. די אָפּוועזענהייט פון עמפּפינדען די פאַרענדיגטקייט אפילו פון וויסען. די איינזאַמקייט און אָפּוועזענהייט פון אַ הויז אויף דער ערד. דאָס פאַרשטיין פון פרייד אינ׳ם זין פון באַגרייפען די מעגליכקייט, ווייל די בעסטע פיילען דערגרייכען אַזוי זעלטען. אָבער ווען מיר זעען די הערצער פון מענשען, וואָס שטרעבען צו דעם זעלבען גאָרטען, ווי אַזוי זאָל מען נישט אַרויסווייזען פרייד! אָבער די פורכטלאָזיקייט פאַר דער אומענדליכקייט פון אַרבייט איז באַזונדערס וויכטיג. אמת, פונ׳ם באַוואוסטזיין פון די אומענדליכע מעגליכקייטען פונ׳ם מענשענ׳ס אַפּאַראַט ווערט ליכט.

די שלאַנג פון דעם זוניגען צונויפוועב העלפט בייצוקומען דעם רעוואָלט פון די צענטרען. דערפאַר איז די שלאַנג געווען דער סימבאָל פונ׳ם קעניג. ווען די רינגען פון דער שלאַנג הייבען זיך אָן דרייען, ווערט דער אָרגאַניזם באַזונדערס עמפּפינדליך. בלומען גיבען איבער זייער לעבענס-עמאַנאַציע איבער די פעדים פונ׳ם געוועב פון ווייסע קיילעכלאַד, וואָס באַשיצען די פעסטונג פון דער שלאַנג. אין דער נאַטור האָט די שלאַנג ליב בלו-

מען, פונקט אזוי שפּייזט זיך מיט זיי די שלאַנג פון זוניגע צונויפּוועב.
חזרים טרעטען אויך די בלומען, אָבער אָהן רעזולטאַט. ווייל נישט געברויכענדיג קיין לעבענס־עמאַנאַציע קען מען אויסמיידען די בעסטע היילמיטלען. דערפאַר נעמט זיך דער פאַרלאַנג צו זען נישט אראָפּגעריסענע בלו־מען.
7. דאָס איבערברעכען די שטראַלען — אַט די קלאַנ־גען גייען אריין אין אַרקעסטער פון דער מוזיק פון די ספערען. מען קען פאַרשטעלען די קריסטאַליזירונג פון פיינקייט מיט דער מאַכט פון שטורם־ווינט.
אין מוח איז פאַראַן אַ צענטער, וואָס מען רופט דער גלאָבּ, אַלס אַ רעזאָנאַטאָר קלייבט ער צונויף די סימ־פּאָניע פון דער וועלט און די טיפסטע שטילקייט איז ער פייאיג צו פאַרוואַנדלען אין אַ שטורעמדיגען אַקאָרד. עס איז געזאָגט געוואָרען — „דער וואָס האָט אויערן, זאָל הערען". פונקט אזוי ווערט דער רוקען־מאַרך גערופען די שפּיז, ווייל וועלענדיג אָפּשטויסען די קלעפּ, מוזען מיר אָנשפּאַנען אָט דעם קאַנאַל. פונקט אזוי ווי די צענט־רען פון די פלייצעס הייסען פליגלען, ווייל ביי דער זעלבסט־פאַרשטויסענדער טאַט ווערען די שטראַלען שטאַר־קער. די לעגענדע וועגען פליגלען לאָזט זיך לייכט פאַר־שטעלען. פונקט ווי דער באַגער פון די אורעלטערען צו טראָגען אויף דער ברוסט אַ רונדע בלעך.
די קרוין פון קאָפּ רופט מען אַ ברונען, ווייל די כוואַליעס פון פרעמדע ווירקונגען דרינגען דורך דער ריכ־

טונג. אומעטום זעען מיר אין אַלטערטום צוגערעקטע קעפּ, וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן סימבאַל פוּנ׳ם פּריסטער, און וואָס עס איז איצט פאַרביטען מיט׳ן נאָמען פון אַ פירמע, — אַזוי זיינען די מענשען גייסטיג ליסע געוואָרען.

לאָמיר ענדיגען מיט אַ שליחות צו די נייע, די אָנגעקו־מענע: איר דאַרפט אַזויפיל לערנען, כדי צו באַקומען די חכמה פון רוה און טעטיגקייט. מען דאַרף קענען אונ־טערשיידען דעם אָנבליק פון מאַסקען און קענען מאַכען מיין נאָמען פאַר אַ שוץ פון יעדער טאַט.

איך וועל דאַך קומען אין אָנגעוויזענעם לאַנד — און מען דאַרף נישט פאַרשלאָפען דאָס ליכט אין דעם מאָרגענרוים, דערפאַר לערנט אייך זיין עמפּפינדליך. און איר דאַרפט קענען האַלטען אַרום זיך ליכטיגע קליידער. און ווען איר וועט מיך ווערען, זאָלט איר געדענקען, מיר קענען נישט קיין ליידיג־גייערייי. באַמיט זיך צו האָבען די אייגענע מנהגים און האָט ליב בלומען און קלאַנג. גייט אַזוי ווי ליבען, נאָר היט אָפּ די קליינע, ווייל זיי וועלען אייך העלפען עפענען מיינע טירען. האָט פאַר־שטאַנד!

8. ווען עס וועט אויסקומען אַ סך ערדישע אַפּאַראַ־טען צו פאַרניכטען, ווייל זיי וועלען שאַדען ברענגען, דאַ־מאָלס וועט אָנקומען די צייט צו דערנענטערען די מענש־הייט מיט דער הילף פון אַנ׳איינגעבוירענעם אַפּאַראַט. אַנ׳אַפּאַראַט איז דער ערשטער שטאַפּעל. דער אמת׳ער זיג וועט זיין, ווען דער גייסט וועט פאַרבייטען אַלע

אפּאַראַטען. אַנצוגורטען דעם מענשען אַהן איין מאַ־
שין, איז דאָס נישט קיין זיג? !

דער וואָס איז געלערנט אין די אותיות, קען ווירקען בלויז
אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, — דער וואָס איז
געלערנט אין גייסט, קען ווירקען אַריבער די גרעניצען.
דאָס בויען נייע וועלט־קאָמבינאַציעס קומט נישט אָן גרינג.
די אויפגעגעבענע צענטרען פּראָבירען שטערען די אָנ־
שטרענגונגען פון די נייע.

מיר ווילען איבערלעבען דעם שטורעם און דעם שלאַקסרעגען
— אונזער שפּיגעל איז לויטער.

9. עס איז געווען אַ סענסיטיווע עמפּפינדונג. אַז מען
דאַרף די גאַנצע מאַנשאַפט צוזאַמענגעמען, כדי צו דער־
גיין. עס זיינען פאַראַן לאַנגווייליגע און געפערליכע אי־
בערגאַנגען און מען קען זיי אַריבערטראָגען נאָר מיט
האָפנונג אויף אַ פירער. ער דאַרף דערפירען און נישט
איבעררייסען די כחות. אויב ער וועט איבעררייסען די
כחות, מיט וואָס וועט מען זיי פאַרבייטען?

די הויכע אויפגאַב פון פרויען מוז באַוויזען ווערען דורך
אַ פרוי. און אין טעמפּעל פון דער מוטער פון דער וועלט
דאַרף זיין די פרוי.

די דערשיינונג פון דער מוטער פון דער וועלט וועט באַ־
שאַפען די פאַראייניגונג פון פרויען. גראַד איצט איז
די אויפגאַבע צו באַשאַפען גייסטיג אַ קעניגליכע לאַגע דער
פרוי און דאָס איבערגעבען פון דירעקטען פאַרקער מיט די
העכערע קרעפטען איז נויטיג דער פרוי, אַלס אַ פּסיכאַ־

לאַגישער אַנשטויס. פאַרשטייט זיך, דורך אַ נייער רעליגיע וועט קומען די אומבאַדינגטע אַכטונג.

איך פיהל, ווי עס איז אַנגעשטרענגט דער שטראָם, ווי די אַטמאָספערע איז געשפּאַנט, אָבער דער דרוק פון די שטערען וועט זיך גיך ענדערען. אַפילו די דערנענטערונג פון אַ פריינדליכען פּלאַנעט איז שווער, ווייל די נייע שטראַלען שניידען די נייע שיכטען פון דער אַטמאָספערע. פאַרשטייט זיך, זיי זיינען בעסער פון דער לבנה, נאָר דער נייער דרוק איז נאָך נישט איינגעטיילט.

10. מיט אַ טיפען סימבאָל האָט קריסטוס אָנגעוויזען אויף די קינדער, פונקט אַזוי איינפאַד ווען מיר צוגיין צו די טויערען פון גרויסען וויסען.

אמת, מיר זאַמלען צונויף קאָמפּליצירטע און פּינקטליכע פאָרמולעס, נאָר די מעטאָדע פון געפינען ליגט אינ'ם גייסטיגען באַוואוסטזיין. אָט מיט דעם באַוואוסטזיין געפינען מיר נייע וועגען צו באַהעפטען די נייע ספערען פון די וועלטען צום צוגענגליכען דענקען און ביז צום גרענייץ פון דענקען, ווייל אַזוי ווי אין אַ גרונדלאָזען ים פאַרזינקט דאָס באַוואוסטזיין, פאַרכאַפּענדיג נייע ספערען. אַזוי גרויס און מעכטיג איז די שאַפונג פונ'ם קאָסמאָס.

11. סוואַטי — עס איז צייט צו זאָגען, אַז אַזוי רופען מיר אַ שטערען, וואָס דערנענטערט זיך און אָפּהאַלט צו דער ערד. אַמאָל איז ער געווען דער סימבאָל פון דער מוטער פון דער וועלט און די עפּאָכע פון דער מוטער פון דער וועלט דאַרף זיך אָנהייבען, ווען איר שטערן וועט זיך דערנענטערען צו דער ערד אַמנאָענטסטען.

די גרויסע עפּאָכע הויבט זיך אָן, ווייל דאָס גייסט־פאַרשטענדניש איז פאַרבונדען מיט דער מוטער פון דער וועלט. אַפילו די וואָס ווייסען די צייט איז אויך וואונדערליך צו קוקען אויף דער פיזישער דערנענטע־רונג פון דעם באַשערטען. עס איז וויכטיג דאָס אָנקו־מען פון דער זעהר גרויסער עפּאָכע, וועלכע וועט ווע־זענטליך ענדערען דאָס לעבען פון דער ערד. גרויסע — איך פריי מיך אַזוי זעהענדיג, ווי די נייע שטראַלען דרינגען דורך די דיקקייט פון דער ערד. ווען אַפילו זיי זיינען אין אָנהייב שווער, טראָגט זייער עמאַנאַציע אַריין נייע עלעמענטען, וואָס זיינען אַזוי נויטיג פאַר אַנ׳אָנ־שטויס. די נייע שטראַלען דערגרייכען די ערד צום ערשטען מאָל צייט איר פאָרמירונג. היינט איז דער אָנהויב פון דער פרויען־דערוואַכונג, ווייל אַ נייע כוואַליע איז היינט אָנגעקומען און נייע הימישע פייערען האָבען זיך אָנגעצונדען, ווייל דאָס וועזען פון די שטראַלען דרינגט דורך טיף.

מען דאַרף מיט פרייד עמפּפינדען די דערנענטערונג פון דער נייער עפּאָכע.

12. די באַדערפעניש צו זאָגען ליגען צווינגט די פּריסטער פון די אַלטע רעליגיעס צו שטויסען דאָס פאָלק אין אָפּגרונט פון פינסטערניש. יאָ, מען קען זיי, אַזוי ווי משה, איבערלאָזען צופוסענס דעם באַרג, אָבער די לוחות דאַרף מען באַווייזען.

ווי צושטערבאַר אַלץ האָט אויסגעוויזען! אונזערע תּלמידים, באַווייזענדיג זיך צום לעצטען מאָל אויף דער

ערד, לעבען דורך דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט און אָפּגעריסענקייט. נאָר מיט'ן באַוואוסטזיין פאַרשטייען מיר דעם ווערט פון דער ערד, אָבער קיין זאַך צווינגט נישט זיך אומצוקערען צוריק, אויב דער גייסט האָט שוין איינגעפּאַקט זיין קופערט. די הויפּטזאַך איז די מאָדיפּיצירונג פון'ם מענשליכען געפיהל פון פרייד. און וואָס פאַר אַ פרייד קען עס זיין, ווען מען דערקענט די אומפולקאָמענקייט פון לעבען? נאָר ווען דער גייסט באַרירט דעם מאַסשטאַב פון'ם קאָסמאָס, ווערט די פרייד פאַרביטען דורכ'ן באַוואוסטזיין פון מעגליכקייטען.

און ווען איך האָב איינגערוימט — דיין פרייד ווערט אַוועק — האָב איך אין זין געהאַט דעם איבערגאַנג פון דער מענשליכער פרייד אין אַ קאָסמישער אַנטפּלעקטער קאָנצעפּציע, אַזוי ווי מיר פאַלען אריין אין לופטלאָזען רוים. די שטראַלען פון נייעם לעבען הילען בעסער איין די נעץ פון קאָמאַרעס און מען דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען צו דער ערד — אין דעם ליגט די האַרמאָניע, ווען מיר אַרבייטען פאַר דער ערד. פאַר זייטיגע איז דאָס אייגענטליך אַנ'אויסגעבלאָזען איי, אָבער איר ווערט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען פאַנגען און פלעגען יעדען ריינעם ערדישען געדאַנק, נישט אָנרירענדיג די היינטיגע צייט.

און ווען פון קריסטוס'ן ביז אַ גרעזעלע איז די ליניע דורכגעפירט, נאָר דאַמאָלס ערשט איז גערעקט דער רוים פון באַשעפטיגונגען. גרויס איז דאָס וויסען פון דער אָפּוועזענהייט פון טויט. אַלע האָבען זיי פאַרגעבען, אַז נישט וואָלטען זיי געלעבט.

13. די דערציילונג פון מרים פון מגדלה. „איר ווייסט מיין אָרט לעבען, ווען מען האָט אונז אין די נעכט געקענט, און באַטאָג האָט מען זיך אָפּגעווענדט, איז מען אויך צו קריסטוס'ן ביינאַכט געגאַנגען, און בייטאָג האָט מען דאָס פּנים אָפּגעווענדט.

מיר איז איינגעפאַלען — אָט בין איך די נידריגסטע און מען שעמט זיך פאַר מיר ביי דער זון, אָבער דעם העכסטען נביא מיידט מען אויך אויס בייטאָג. מיידט מען דאָך אויס אַלצאיינס אי דאָס נידריגסטע אי דאָס העכסטע.

און אָט האָב איך באַשלאָסען צו געפינען אים און בייטאָג אויפשטרעקען אים די האַנט. איך האָב אָנגעטאָן מיין בעסטען מאַנטעל און מיין האַלזבאַנד פון סמירנע, און האָב געמאַכט שמעקען מיינע האָר — אַזוי בין איך געגאַנגען, כדי צו זאָגען דעם פאָלק: —ביים ליכט פון דער זון באַגעגענען זיך דאָס נידריגע און דאָס הויכע, וואָס דו מיידסט אויס.

און ווען איך האָב אים דערזען, זיצענדיג צווישען די פּישער, באַדעקט בלויז מיט אַ גראָבען לייווענט, בין איך געבליבען אויף דער אַנדערער זייט גאַס און האָב צו אים צוגיין נישט געקענט. צווישען אונז זיינען פאַרבייגעגאַנגען מענשען, און האָבען אונז ביידען אויסגעמידען.

אַזוי איז באַשטימט געוואָרען מיין לעבען, ווייל ער האָט געזאָגט דעם באַליבסטען תלמיד — נעם צוויי פינגער שטויב און טראָג אַוועק דער פרוי, עס זאָל זיין אויף וואָס אויסצובייטען איר האַלזבאַנד. אין אמת'ן איז אין דעם

אַש פאַראַן מער ליכט, איידער אין אירע שטיינער, ווייל פון דעם אַש קען איך באַשאַפען אַ שטיין, נאָר פון אַ שטיין קען איך בלויז מאַכען שטויב". ער האָט מיך נישט באַשולדיגט, ער האָט בלויז אָפּגעוואויגען מיינע קייטען, און די קייטען פון שאַנד זיינען זיך צופלויגען אויף שטויב .

ער האָט באַשלאָסען איינפאַך, אים איז קיינמאָל נישט שווער געווען צו שיקען די איינפאַכסטע זאַך, וואָס האָט באַשטימט דאָס גאַנצע לעבען. צו די געשיקטע זאַכען האָט ער זיך צוגערירט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי באַלעבט מיט אַ נשמה.

זיין וועג איז געווען ליידיג, ווייל דאָס פאָלק, באַקומענדיג אַ מתנה פון אים, איז זיך גיך צולאָפען. און ער האָט געוואָלט אַרויפליייגען די הענט, און אַרום איז געווען ליידיג.

די פּוריעס פון שאַנד האָבען זיך געטראָגען הינטער אים און האָבען מכלומר׳שט געפּאַכעט מיט צווייגען, ווען ער איז שוין געווען פאַר׳משפּט. דער פּרייז פון אַ מערדער האָט זיך אַרויסגעוויזען ווערט צו זיין די מאַסע. ער האָט אויף אַנ׳אמת צוריסען די קייטען, ווייל ער האָט געגעבען דאָס וויסען, נישט אַננעמענדיג קיין באַלוינונג.

14. ווי פאַרשידען עס פליסען דורך די פלאַנען פון די אויפבויאונגען. אַמאָל האָבען מיר געזאָגט — גיב אַלץ אַוועק. איצט גייען מיר ווייטער און מיר זאָגען: —

נעמט אַלץ, נאָר רעכענט עס נישט פאַר אייער איי־גענס.
דער פראָסטער שכל וועט פאַרשטיין, ווי אוממעגליך עס איז צו נעמען מיט זיך ערדישע זאַכען. אָבער זיי זיינען באַשאַפען מיט דער הילף פון׳ם גייסט און דערפאַר דאַרף מען זיי נישט פאַרנאַכלעסיגען.
ווי אַזוי קען מען פאַרבייגיין בלומען פון דער נאַטור. ווען שאַפונגען פון אַרבייט זיינען אויך בלומען פון דער מענשהייט. אויב זייער ריח און פאַרב זיינען נישט־פול־קאָמען, דאַרף מען רחמנות האָבען.
15. אַזוי געפינט יעדער נוצליכער געדאַנק אַ גוט־הייסונג. אַ קלאַפּ איבער אַ סטרונע געפינט אַן אָפּ־קלאַנג. אַ קלאָרע און דרייסטע פאָרמולירונג פון׳ם גע־דאַנק איז זייער נוצליך.
אונז קען פונקט אַזוי גוט פרייען אַ מיטעלאַלטערליכע לי־רע, ווי וואַגנער׳ס „וואַלקירע“. גוט איז אויך דער אַל־טער כינעזישער קרישטאָלענער אינסטרומענט. די ריינ־קייט פון טאָן איז גלייך צו דער ריינקייט פון פאַרבען. מען רופט אים די רעגענבויגען־האַרפע. שטראַלען גיבען אויסגעצייכענט איבער טראָמפּייטען־קלאַנגען און ווינט־רינ־גען קען מען נישט פאַרבייטען, אַזוי ווי אַ סטרונען־אַקאָרד. אין אמת׳ן, עס לוינט זיך צו לעבען מיט אַזעלכע אויסזיכ־טען.
16. לויט׳ן ריטם פון דער וועלט־באַוועגונג דאַרף זיין די איבער׳חזר׳ונג פון אַנוואוקס. די דערשיינונג פון אייליגקייט איז געגען דער וועלט־באַשאַפונג.

די איינאָרדנונג פון קרישטאָלען און בלומען באַווייזט, ווי די פּאָלקאָמענהייט וואַקסט אָן.

17. טונקעל ברענט די פאַרבינדונג צווישען קריס־טוס'ן און בודאַ'ן לויט די מענשען פאַרשטייען זיי.

18. וועגען צופּאַסען מיינע היילמיטלען. אַלע כוחות פון'ם געוויקסען־קעניגרייך דאַרפען זיין געווענדט צו איינס, צוליב וועלכען זיי עקזיסטירען — צו פאַרשטאַר־קערען די לעבענס־פעהיגקייט.

היילען אַלע קראַנקהייטען קען מען דורך אַנטגעגענשטע־לען לעבענס־פעהיגקייט.

אַזוי ווי אַ רעזערוואואַר פון פּראַנע עקזיסטירען געוויסע געוויקסען. אַ סאַסנע נעמט צוזאַמען אַזוי ווי עלעקטרישע נאָדלען.

און אַזוי ווי אַ צוזאַמענבינדונג צווישען הימעל און די געדערים פון דער ערד, איז די ערד אָנגעפילט מיט לע־בעדיגע פיהלערס, וואָס נעמען צוזאַמען און היטען אָפּ די אמת'ע באַנייאונג פון'ם גייסטיגען געוועב.

אומוויסענהייט קען באַהאַלטען קראַנקהייט, אָבער עס איז בעסער זי צו פאַרברענען אויפ'ן פייער פון לעבען. נישט דורך אַ קינצליכען אויפּרייצען, וואָס מאַטערט אויס, נאָר אויפשטעלענדיג אַ גלייכגעוויכט דורך דער מאַכט פון לעבען.

מען דאַרף נישט זוכען צווישען מינעראַלען, ווייל זיי האָבען שוין לאַנג פאַרלאָרען די ווירקונג פון פּראַנע. זייער באַשטימונג איז אַן'אַנדערע. נאָר די דערשיינונג פון דער זון גיט לעבען.

אמת, דער מינעראַלער באַדען גיט די ענליכקייט פון אַ באַדען פאַר'ן לעבען. אָבער דאָס איז בלויז אַ פּע־דאַל, וואָס איז גוצלאָז אָהן סטרונעס.
און אַזוי וועט מיין אַפּטייק זיין גערינכט צום אַלגעמיין־מענשליכען וועזען, זי וועט באַפעסטיגען די לעבענס־פעהיגקייט אָהן מאָרד, ווייל געוויקסען גייען ליכט אי־בער אין נעקסטען צושטאַנד.
וואַקסינירונגען זיינען גוט, אויב זיי פּאַסען צו דער לעבענס־פעהיגקייט, אַז נישט ווערען זיי אַ צושטערענדער פּלאַס־טער. דאָס לעבענס־פעהיגע וועזען נויטיגט זיך נישט אין וואַקסינירונגען, ווייל עס האָט די אַזוי־גערופענע זוניגע אי־מוניטעט.
עס איז פאַראַן ווייניג לעבענס־פעהיגקייט אין דערפער, ווייל ווען באַוואוסטזיניג אויפגענומען, העלפט די פראַגע. דאָס שפּייזען דעם גייסט קען נאָר גיין באַוואוסטזיניג. צו די דאַזיגע הייל־מיטלען דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז אין לעמורע האָט מען טייער געהאַלטען די פעלען פון מוסק־חיות. אַזוי איז די ריטואַלען פון זאַלבען מלכים אין דעם אַלטען האַראַסאַן, האָט זיך באַוויזען אַ כוס צעדער־סמאַלע.
ביי די דרואידען האָט אויך אַ כוס צעדער־סמאַלע גע־הייסען דער כוס פון לעבען. און בלויז דערנאָך האָט מען זי פאַרביטען אויף בלוט ביים פאַרלוסט פון גייסטי־גען באַוואוסטזיין.
זאַראַאַסטראַ'ס פייער איז געקומען פון פאַרברענען די סמאַלע אין כוס.

19. די העלפט פונ'ם הימעל איז פארנומען מיט אנ'־אומגעוויינליכען צייכען. ארום דעם אומגעזענעם שטערען, האט אזוי ווי אנ'אומבאגרייפבאר ראד אויפגעלויכטען, די שטראלען זיינען זיך צולאפען ארום זיינע ברעגען. די פוריעס פון שרעק האבען זיך באהאלטען אין די היילען דערשטיקטע פונ'ם ליכטיגען צייכען.

דאס פאלק האט בעסער געטראגען דאס פארשטענדניש. די האנט וואס גיט קלוג, לעבט. און זאלען ערטער אפ־רוען.

ווענען זשע אוועקגעבען די נייע ערד? ווער וועט ברענ־גען אביסעלע פונ'ם אלטען וויסען. — דער קנופ פון די פעלקער איז פארפעסטיגט אויף א ליידיג ארט. זא־לען די אוועקגעגאנגענע קומען.

אויב ימים קענען פארדעקען בערג און מדבריות פאר־בייטען דעם דנא פונ'ם ים, איז דען אוממעגליך זיך פארצושטעלען דאס וואונדער פון באפעלקערען די מדבר? דער אקערמאן, דער איינפאכער פויער לאזט די ערד זיך אפרוען, צודעקענדיג זי מיט דער טונקעלקייט פון קרא־פיווע.

פונקט אזוי דארף מען אין פלאן פארבייטען די ערטער פונ'ם געזעלשאפטלעכן. דעם נייעם פאסט צו זיין אויף א ניי ארט.

איך פיהל, אז דער מענשליכער גייסט וועט זיך אויפהיי־בען, אבער נעמט אויף די אומגליקליכסטע. — קומט נא־קעטע — מיר וועלען אייך באקליידען. קומט קליינע — מיר וועלען אייך אויפציען. קומט שטומע — מיר ווע־

לען אייך געבען דאָס וואָרט. קומט בלינדע — ווייל ביי אונז וועט איר דערזען דאָס באַשערטע גוט. וועמענס האַנט ציט זיך צום ריגעל פון מיין הויז? וואַנדערער, דו האָסט נישט דיין אייגענס דערפאַר וועסטו אַריינגיין — אַזוי וועלען מיר דערגיין.

20. די אומפולקאָמענהייט פון מאַטעריע איז צייט צו באַזייטיגען. דערפאַר דאַרף דאָס פאָלק פאַרשטיין דעם גייסט, אַז נישט איז גלייך דער אַלגעמיינער צושטאַנד וואָלט צוגעפאַסט צו זיך באַזונדערע מעגליכקייטען, גלייך די כוואַליעס פון ים היטעי אָפּ דעם אַלגעמיינעם ריטם. דערפאַר איז צייט אויפצוהויבען די פעלקער מיט דער שווערד אָדער מיט'ן בליץ, אַבי אויפצואוועקען דאָס געשריי פונ'ם גייסט.

21. ווען איר וואָלט געזען די קלישע פון די ערשטע שאַפונגען, וואָלט איר דערשטוינט געוואָרען. די הויפּטשטערונג איז, וואָס אויף מאַטעריע קען מען ווירקען דורך מאַטעריע. מענשען, אַזוי ווי פּאַפּוגאַיען, באַהויפּטען די מערקווירדיגע פאָרמעל — „דעם טויט פאַרריכט מיט'ן טויט", — נאָר ווענען איר באַדייטונג טראַכטען זיי נישט.

עס איז באַשלאָסען דעם קומענדיגען גורל אַריינצוליגען אין די לעבענס-באַדינגונגען פון דער קאָאָפּעראַציע פונ'ם גייסט. די שווערקייט ליגט אין דער נייער איינטיילונג פון דער מענשהייט. די אַמאָליגע פּרימיטיווע איינטיילונג אויף קאַסטעס, אויף קלאַסען און אויף באַשעפטיגונגען ווערט פאַרביטען דורך דער קאָמפּליצירטער פאַר-

שידענקייט פון ליכט און שאטען. די דערשיינונג, אלס א געלייטערטער קאמוניזם, וועט אפקלייבען די בעסטע שיכטען פון דער מענשהייט. אהן דעטאלען דארף מען דורכפירען די אלגעמיינע איינטיילונג פון ליכט און שא־טען, אזוי ווי דעם רוף צו א נייער ארמעע, ווי שווער עס איז אפצוקלייבען, נישט אננעמענדיג קיין ספעציעלע מיטלען!

V

1. די כוואליעס פון די שטראמען וואקסען אן ספי־ראל. דער פרינציפ פון ספיראלען ווירבעלווינט איז איבער אלעם.

2. די מוטער פון דער וועלט ווערט דער סימבאל פון פרויען־אנפאנג אין די נייע עפאכען און דער מענער־אנפאנג גיט גוטוויליג אפ דעם אוצר פון דער וועלט דעם פרויען־אנפאנג.

אויב די אמאזאנקעס זיינען געווען דער סימבאל פון דער קראפט פון פרויען־אנפאנג, איז איצט נויטיג צו ווייזען די גייסטיגע פולקאמענע זייט פון דער פרוי.

אין קריסטוס'עס נאמען זיינען באגאנגען געווארען גרויסע פארברעכענס, דערפאר טוט זיך איצטער קריסטוס אן אין אנדערע קליידער. מען דארף אפרייניגען אלץ וואס איז צוגעפוצט. נישט רעדענדיג וועגען לייכט באפארב־טע שריפטען, נאר אפילו איבער אריגענ'ס ביכער זיינען געשפרונגען אויסבעסערונגען. דערפאר איז צייט צו ענדערען די ארדנונג פון דער וועלט.

די שפרינגפעדערס קענען פאר דער צייט נישט ארבייטען, צוויילען הייסט קראצען די סטרונעס.

3. מיר קענען נישט קיין גרעניץ פון מעגליכקייטען צו באקעמפען דעם גייסט. דער קערן פון גייסט איבט אויס א זעלבסטדרוק, נאר לויט דער אורע קען מען פארשטיין די ריכטונג.

עס זיינען פאראן געדאנקען, וואס זיינען געווענדט אינעווייניג אריין און זיינען פארשלונגען פונ׳ם פאטענציאל פון גייסט. עס זיינען פאראן געדאנקען, וואס זיינען נישט ארויסגעוויזען אויפ׳ן ערשטען פלאן.

4. מען קען אויפבויען א שטאדט, מען קען דאס בעסער וויסען, נאר שווערער פון אלץ איז אפצואוואשען קריסטוס׳עס אמת׳ע אפבילד. טראכט ווי אזוי אפצואוואשען קריסטוס׳עס קערפער.

צוזאמענגעמענדיג די קרישלאך פונ׳ם פאלקס־דערלייזער און פארוואנדלענדיג דאס יום־טוב קלייד אין אנ׳ארבייטס קלייד, קען מען געפינען די באשטראלונג.

פון מענשליכע הענט דארף אויפגעבויט ווערען דער טעמפעל.

5. דער שטערן פון אלאגאבאד האט אנגעוויזען דעם וועג און אזוי האבען מיר באזוכט דעם סארנאט און גאיא. אומעטום האבען מיר איינגעזען, אז רעליגיע ווערט געלעסטערט. אויפ׳ן וועג צוריק ביי א פולער לבנה האט קריסטוס געזאגט זיינע דענקווירדיגע רייד.

אין דער צייט פון נאכטיגען איבערגאנג, האט דער פירער פארלוירען דעם וועג. נאך א זוכען האב איך געפור־

נען קריסטוס׳ן, זיצענדיג אויף אַ זאַמדיג בערגעל און קוקענדיג אויפ׳ן זאַמד, וואָס איז געווען פאַרגאָסען מיט לבנה־ליכט. איך האָב געזאָגט — מיר האָבען פאַרלוירען דעם וועג. מען דאַרף וואַרטען אויף אַנ׳אָנווייז פון די שטערען.

„ראָססול מאריא, וואָס איז אונז דער וועג, ווען די גאַנצע ערד וואַרט אויף אונז?" נעמענדיג אַ באַמבוס־שטעקעלע האָט ער אָנגעצייכענט אַ קוואַדראַט אַרום דעם אָפּדרוק פון זיין טראָט, צוגעבענדיג — „אין אמת׳ן זאָג איך — מיט׳ן מענשליכען פוס." דערנאָך, אָפּדרוקענדיג זיין דאַלאָניע, האָט ער זי אויך איינגעשלאָסען אינ׳ם קוואַדראַט — „אין אמת׳ן זאָג איך — מיט דער מענשליכער האַנט". צווישען די קוואַדראַטען האָט ער אָנגעצייכענט אַנ׳ענליכקייט צו אַ קאָלאָנע און האָט זי צוגעדעקט אַזוי ווי מיט אַ האַלבקרייז. ער האָט געזאָגט: — „אָ, ווי אָום וועט דורכדרינגען אינ׳ם מענשליכען באַוואוסטזיין! אָט האָב איך געמאַכט אַ זאָמען־שטענגעל פון אַ בלימעל און איבער אים אַ האַלב־קרייז און האָב פאַרלייגט אַ גרונט אויף אַלע פיר זייטען. ווען מיט מענשליכע פיס און מיט מענשליכע הענט וועט דער טעמפּעל אויפגעבויט ווערען, וואו וועט אויפבליען דאָס זאַמען־שטענגעל, וואָס איך האָב פאַרלייגט, זאָלען בויער גיין איבער מיין וועג. פאַרוואָס וואַרטען מיר אויף אַ וועג, ווען ער איז פאַר אונז? — און אויפשטייענדיג, האָט ער מיט׳ן שטעקען צוזאַמענגעמישט דאָס אויפגעצייכענטע.

ווען דער נאָמען פונ׳ם טעמפּעל וועט אַרויסגערעדט ווערען,

וועט אַרויסטרעטען דאָס אָנגעצייכענטע. געדענקענדיג מיין קאָנסטעלאַציע, וועלען דער קוואַדראַט און די נייז שטערען אויפלייכטען איבער'ן טעמפעל. דער צייכען פון א פוסטריט און פון א האַנט וועלען זיין אָנגעצייכענט אי־בער'ן גרונט־שטיין".

אַזוי האָט ער אַליין געזאָגט פאַר דער נייער לבנה. די היץ פון דער מדבר איז געווען גרויס.

דער מאָרגען־שטערן איז דער צייכען פון א גרויסער עפּאָכע, וועלכע וועט מיט'ן ערשטען שטראַל א בלעסק טון פון קריסטוס'עס לערע, ווייל ווער זאָל דען גרויסען די מוטער פון דער וועלט, אויב נישט קריסטוס, ווייל קריסטוס א־ז געווען דערנידריגט פון דער וועלט.

„גיט אונז דאָס הימעל־טויער. וואוהין אריינצוגיין!"

6. די באַרירונג פונ'ם שטראַל פון ברודערשאַפט פאַר־שטאַרקט די שאַרפקייט פון עמפּפינדונגען, דערפאַר דאַרף מען אין באַגריף אויפנעמען יעדע עמפּפינדונג.

קליינע אַזוי ווי וויכטיגע געשעענישען קלאַפּען אַז דער אורע, אַזוי ווי איבער סטרונעס. די וואַקסענדיגע אורע האָט אירע מעלות, פאַרשידענאַרטיג קלינגען די עאָלישע פליגלען. די שווערקייט פון דער וועלט שפּילט איבער זיי אירע סימפאָניעס. מען קען נישט זאָגען, אַז דער מענש, באַשטראַלט מיט דער אורע, זאָל זיין אומבאַוועג־ליך. דאָס אויסערליכע הייטעל פון דער אורע כוואַליעט זיך ווי דער ים. וואָס פאַר אַנ'אויפגאַבע עס איז פאַר א געלערטען אויסצופאָרשען די נאַרונג פון דער אורע

פון אינווייניג און די אפשפיגלונג פון דרויסען. אין אמת'ן א וועלט־שלאכט.

דער סימבאל פון דער שווערקייט פון דער וועלט — איז דער מענש, וואס טראגט דעם גלאבוס. אלע קאמפלי־צירטע עמפפינדונגען ווערען פארשטארקט ביז פיין. עס קען זיך באקומען אנ'איינדרוק, ווי צווישען א האמער און א קאוואדלע, דערפאר איז די דערגרייכונג פון דער רע־גענבויגען־אורע אזוי פראקטיש, ווייל זי טראגט אין זיך די אסימילירונג פון אלעם וועזענטליכען. אפילו די בעסטע איינפארביגע אורעס דארפען מיט זיך שרפות פארלעשען, שעפענדיג פון זייער אייגענעם אקעאן. אין דער צייט וואס א רעגענבויגען אורע שפיגעלט לייכט אפ און נעמט אויף שטראלען. דערפאר איז די פראקטישסטע טאט — די העלדענטאט.

7. אין פאל פון מיספארשטענדניש זיצט שווייגענדיג צוזאמען און טראכט איין געדאנק. ווען איר אינגיכען פארשטיין אויף וויפיל אזא שווייגענדיגע עצה איז פראק־טיש. מיר וועלען לאזען לויפען די קראפט פון גייסט אין איין שטראם. עס באקומט זיך אנ'אומגעוויינליכער פייער־שאס, פארשטארקט דורך דעם מאגנעט און א איינ־געשטימטער דורך ריטם. ס'איז א געזעץ, אז צוויי איינ־שטימיגע געדאנקען פארגרעסערען די קראפט אויף זיבען מאל. דאס איז נישט קיין כשוף, נאר א פראקטישער באגריף.

8. איר דארפט קענען שיין באגעגענען די כוואליעס. נישט דאס באקומען זיסע לעקעכלאך, נאר דאס שמידען

די שווערד. נישט באַצוקערטע פינגער, נאָר די מאַכט פון דער האַנט פונ'ם קעמפער פון גייסט. אַנטגעגען גיין דעם שונא, נישט אַנערקענענדיג אים און דורכגיין צו די טויערען, ניט אומקוקענדיג זיך — דאָס איז אונזער וועג. מיר קענען די שריט פון די באַשערטע זיגער. די הויפטזאַך, שפרינגט נישט אויפ'ן וועג. די הויפטזאַך, מיר זאָלען זיך קענען באַגייסטערען מיט דער אומבאַזיגבאַר־קייט פון אייער שריט. עס פאַסט בעסער פאַר אַ שטראַל צו באַלייכטען די גייענדיגע, איידער צו שפרינגען נאָך די, וואָס שפרינגען. מענשען האָבען אַ סך געקענט. נאָר זעלטען האָבען זיי געקענט ענדיגען שיין. ביים זונאויפגאַנג אָדער אונטערגאַנג, אין גאַנג און אין אָפּטרע־טען, אין פליען און אין אונטערטויכען, טראַכט וועגען אונז — וואָס שפירען אייך נאָך. עס וועט זיין שיין און פאַסיג. דאַרף מען דען אויפמישען אַ בלעטעל גע־שיכטע, ווען ריזען האָבען זיך באַמיט אַריבערצושפרינ־גען אַ טייכעל? ווען דאָס לייכטע איז פאַרטונקעלט גע־וואָרען דורך דעם מיאוסען און דער פאַרשטאַנד האָט זיך געוואַקעלט, פאַרלירענדיג די שיינקייט פון אורטיילען. אָבער די דערשיינונג פון קאָמפּליצירטע אויפגאַבען איז בלויז אַ פרייד פאַר דעם מאַטעמאַטיקער. דאַמאָלס בלייבט די מאַכט פון שווייגען, וועגען וועלכער מיר האָבען שוין גע־רעדט.

9. אַ פייער ברענט אָפּ די אומפּולקאָמענע געדאַנקען. ווי אַזוי אַנדערש צונויפצונעמען די וויג פון אידענטישע דערגרייכונגען? זייער וויכטיג איז די דערפאַרונג פון

דורכלאזען א געדאנק דורך א שטראל. יעדער דריקט אויס זיין וועזען פון דער אורע, נאר באזונדערע געדאנקען זיינען פאראן פארשידענווערטיגע לויט זייער גייסטיגען באשטאנד. דאמאלס קען מען אויספרובירען דעם קערפער פונ'ם געדאנק דורך א באזונדער שטראל. די אנוועזענהייט פון אנ'אינערליכער גייסטיגקייט וועט באלייכטען דעם געדאנק מיט'ן קאליר פון דער אורע, נאר אויב דער געדאנק איז א נידריגער, ווערט ער פארברענט אונטער'ן שטראל. קומט ארויס נישט בלויז די דערפארונג פון א געדאנק, נאר אויך א דעזינפעקציע פונ'ם רוים.

מען קען זיך פארשטעלען, ווי אזוי א שטראל דרינגט דורך דעם רוים און געפינט וואונדערשיינע אוצרות און רויטע און אראנזשענע פייערלאך, אזוי ווי פארברעכערישע פארגיפטערס.

ווי אזוי זשע אפריייניגען די שיכטען איבער דער ערד. ווען אפילו פאר'ן אויג זיינען זיי פון א רויכיג אראנזשענעם קאליר?

די הויפטזאך — פארניכטען די באצילען פון נידריגע געדאנקען, וועלכע זיינען אנשטעקענדיגער פון אלע קראנקהייטען. זארגען דארף מען זיך נישט וועגען די ארויסגערעדטע ווערטער, נאר וועגען די געדאנקען. אין פארלויף פון איין ווארט ווערען געבוירען צען געדאנקען.

10. מען דארף רעדען וועגען דער אמת'דיגקייט פון באגרינדונג. איר האט באמערקט, אז מיר רופען אן די אסטראלע וועלט אנ'אנהויפונג. מיר שטרייכען אונטער, ווי אזוי מיר מיידען זי אויס. איר ווייסט שוין ווי אזוי

אַסטראַלע קערפּערס האָבען אי אַנ׳אומפאַנג, אי אַ וואָג און טראָגען אויף זיך אַ סך אייגענשאַפטען פון ערדישען לעבען. די רעלאַטיוויטעט פון ערדישע וויסענשאַפטען איז באַקאַנט. פאַרשטייט זיך, נישט אַ קליינע טייל רע־לאַטיוויטעט טראָגען אויף זיך די אַסטראַלע קערפּערס, נאָר, באַפרייענדיג זיך פונ׳ם ערדישען הייטעל, באַקומען זיי די שאַפונג פון גייסט. אָבער איך קענט זיך פאָרשטעלען, ווי עס שפּיגעלט זיך אָפּ די רעלאַטיוויטעט פון וויסענ־שאַפטען אויף אָט די אויפבויאונגען.

און אין ריי מיט דעם אויסגעטראַכטען אָלימפּ קען מען באַגעגענען די מיאוסע פאַבריק, וועלכע איז נישט געשען אויף דער ערד.

עס זיינען פאַראַן האַרמאָנישע אַאַזען, נאָר אין אַלגעמיין הערשט דער פאַנטאַסטישער בית־עולם פון מענשליכע איבערלעבונגען.

עס איז אוממעגליך זיך צו פאַרטיפען אין דער אַסטראַ־לער קלישע ווייל בלויז אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועט זיין דער רעזולטאַט. מיט דעם זיינען שעדליך די גע־וויינליכע מעדיאומס.

מיר ווילען נישט אויסרעכענען די פאָלגען פונ׳ם טשאַד פון דער ערדישער קיך, נאָר וויכטיגער איז צו פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען פאַרקלענערען די פאָלגען פון רעלאַ־טיוויטעט. זי קען מען פאַרקלענערען מיט ריכטיגער אמת׳־דיגקייט, נאָר אמת׳דיגקייט קען מען דערקענען בלויז דורך גייסטיגקייט. דערפאַר איז די דערוואַכונג פון גייס־טיגקייט אַ קאָסמישע באַדינגונג.

11. פרייד איז אַ באַזונדערע חכמה — אַזוי האָט געזאָגט קריסטוס.

קיין זאַ דנעמט נישט אַזוי צונויף די עסענץ פון פראַנגע אַזוי ווי געוויקסען. אַפילו פראַנאַיאַמאַ קען פאַרביטען ווערען דורכ'ן פאַרקער מיט געוויקסען. און עס איז גוט צו פאַרשטיין ווי פעסט מען דאַרף פאַרטיפען דעם בליק אין דעם געבוי פון געוויקסען. די פאַרען פון געוויקסען ברייטערען זיך אויס נישט נאָר מיט נייע בלעטער און בלומען, נאָר אויך מיט דער דערווייטערונג פון אָפּגעשטאָרבענע טיילען. דאָס געזעץ פון שפּייזען פון דער ערד, דורך וואָרצלען פון די געוויקסען גיט אַ מעגליכקייט צו שעפען פון דעם רעזערוואָאַר דורך דעם ריח און די ראיה די קאָסטבאַרע אייגענשאַפט פון לעבענס־פעהיגקייט, דאָס אַזוי־גערופענע נאַטוראַוואַלאָרים, וואָס באַקומט זיך ביי באַוואוסטזיניגער אָנשטרענגונג.

ווי קאָסטבאַר עס זיינען די לעבעדיגע געוויקסען, וואָס פאַרלירען נישט די לעבענס־פעהיגקייט, פונקט אַזוי קענען זיין נוציליך די פּרעפּאַראַטען, וואָס זיינען געטרוקענט אויף דער זון. נאָר מען דאַרף אויסמיידען די סטאַדיע פון צופוילונג, ווייל די צופוילונג איז אַלצאיינס אין אַלעם און ציט צו צו זיך די אומפּולקאָמענסטע גייסטער. דערפאַר דאַרף מען נאָכקוקען דעם צושטאַנד פון אָפּגעשטאָרבענע בלומען. דעם גערוך פון צופוילונג דאַרף מען דערפיהלען, נישט די אויסערליכקייט, נאָר דער גערוך גיט דעם צייכען. ווען עס איז נישט די צייט פאַר די בלומען. און אָנשטאָט ריטועלע אָטעמונגען קען מען באַ־

ווי אַנ׳עלעקטרישע מאַשין הויפּען זיי אָן לעבענס־פעהיג־קייט — זיי קומען פאַר דער רעגעלמעסיגקייט פון אָטע־מען. און אנשטאַט ריטועלע אָטעמונגען קען מען באַ־קומען דעם קאָנדענסירטסטען זאַפאַס פון פּראַנע. פאַר־שטייט זיך, אַז אויך די באַדינגונג פון רוה פאַרשטאַרקט די טעטיגקייט.
דאַס לעבעדיגע פאַרשטיין פון דער נאַטור׳ס מאַכט וועט שיקען אַהן כשוף די אַפּפרישונג פון מעגליכקייטען.

12. עס איז אוממעגליך אַפּצוטיילען די באַדינגונגען פון דער ערד פון דער אומגעבונג, ווייל די מענטאַלע וועלט האָט נישט קיין ענגע גרעניצען.
ווידער דאַרף מען רעדען געגען דער אַסטראַלער וועלט, ווייל אין דער צוקונפט איז ווינשענסווערט באַדייטענד צו פאַרקלענערען אַט די סטאַדיע. איצט איז זי אומפאַר־מיידליך, נאַר ביי דער אַנטוויקלונג פון גייסט וועט די דערשיינונג פונ׳ם מענטאַל זיך דערנענטערען. דעוואַ כאַן איז דער פּלאַץ פון אנגענעמע באַוואוסטזיניגקייטען. נאַר אין דער זעלבער צייט אויך אַ געפערליכער, ווייל דער שוואַכער גייסט וויל זיך נישט שיידען מיט אַזאַ אַנגע־נעמער סטאַנציע, ווייל אַט די סטאַנציע גיט דעם גרעס־טען אומווילען ווייטער צו אַרבייטען. און ווען עס קומט אָן די צייט צו פאַרלאַזען אַט די וואַלהאַלאַ, שטופּט דער מענטאַל צו אַ העלדענטאַט, נאַר דער אַסטראַל געפינט אַנ׳אָרט, וואָס איז אים באַקוועם.

דער גייסט אַליין דערלויבט נישט זיך אַפּצושטעלען, ווייל

דער גייסט — געדענקט ערגעץ אין דער טיף וועגן וואונ־
דערשיינע וועלטן. הינטער אלע עראינערונגען לעבט
דאס אומאויסדריקליכע, דויערהאפטע באוואוסטזיין פון
דער מעגליכקייט זיך אומצוקערן אויף דער וועלט, פון
וואנען א פונק איז אפגעפלויגען.

ווי אזוי קען א פילענדיגער גייסט אויסמיידן דעם צו־
טריט פון וועלט־שמערץ? עס איז נישט געווען קיין פאל,
אז א מענש זאל זיך אפטיילן מיט'ן גייסט פונ'ם ער־
דישען פלאן, נישט פארקלענערנדיג די צענטרען. אזוי
ווי א דרייסטער פליהער פיהלט, זיך אפטיילענדיג פון דער
ערד, איין ציטער אינ'ם הארצענס־ביימעל.

דער ציל און זין פון עקזיסטענץ שטרעבט אריבער די
גרעניצען פונ'ם באקאנטען ארויף און צו העלפען איינער
דעם אנדערען.

אויב מיר וועלען אהן שום מעכאניק זיך דערמאנען דאס
געפיל פון איינעם, וואס שטייט אויף א פעלז פאר'ן פע־
נאמען פון דער נאטור, אויב דאס הארץ וועט זיך ביי
דער אנטציקונג נישט צוזאמענדריקען, — וועט נאך דער
סטאדיע קומען די עמפפינדונג פון איינפאסונג, אונאומ־
פענגליכקייט.

טייל מאכען ליכט שלום מיט דער געפוצטקייט פונ'ם
אסטראל, אבער איר אליין וועט עס נישט געפינען. בלויז
די צעלען פון וויסען וועלען געבען דעם וועג.

13. איר האט באמערקט, אז יעדער גרויסער לערער
האט גערעדט וועגען דער אומאיבערדרייסבארקייט פון לע־
בען. אויך קען מען באמערקען, ווי אזוי אט די אנוויי־

זונג איז אויסגעמעקט פון יעדער לערע, ווייל דער מאַ־טעריאַליזם מוז זיך פאַרטיידיגען, אויף דער ערד איז די באַדינגונג באַזונדערס באַטייטענד.
מען דאַרף וויסען, אַז די ערדישע מאַטעריע איז זעהר אַ געדיכטע. אויף די פּלאַנעטען, וואָס שטייען נידריגער פון דער ערד, איז די מאַטעריע זעהר גראָב, אויף די וואָס שטייען העכער פון דער ערד הארמאַנירט די מאַטעריע מיט'ן גייסט, דערפאַר איז די ערד אַ ווענדונגס־פּונקט.
אויף די העכערע פּלאַנעטען זיינען פאַראַן אומפּולקאָמענ־קייטען, נאָר עס איז נישט פאַראַן קיין עקשנות'דיגקייט פון מאַטעריע. דאָרט איז לייכטער צו זוכען, נישט פאַרלירענדיג קיין כחות אויף אומנוציגען קאַמף. מאַטעריע ווערט דאָרטען נישט אָפּטיילבאַר פון'ם גייסט אָהן אַ קעגנווירקונג. קיינער לייקענט נישט אָפּ דעם ווערט פון מאַטעריע, נאָר מען קען נישט פאַר־שטיין, פאַרוואָס די רעדער און דער דאַמפּקעסעל זאָלען זיך מוזען קריגען איז אַ לאָקאָמאָטיוו? דאַכט זיך, וואָס בעסער דער דאַמפּקעסעל אַרבייט, אַלץ בעסער פאַר די רעדער. נאָר דער, וואָס גיט אַכטונג אויף די רעדער, מיינט, אַז זיי זיינען דער וויכטיגסטער טייל פון'ם אָר־גאַניזם און לאָדט אַלע איין איבערצופאַרען זיך איבער די רעדער, פאַרשווייגענדיג, אַז די רעדער אָהן דעם באַווע־גער, קענען בלויז לויפען באַרג אַראָפּ.
דער אויפבוי פון מאַטעריע און גייסט שליסט נישט איין אין זיין גרונט קיין שנאה. צו וואָס אָפּשטעלען די באַ־וועגונג פון דער פרעכטיגער גרעניצלאָזיגקייט? און צו

וואָס אַנהויפּען גייסטערהאַפטע צוימען אַרום דער ערד?

אַ רחמנות, מען דאַרף נישט אומנויטיג־פאַרהאַלטענע וואַנ־דערער, ווייל אַט די ערדישע סטאַנציעס וועלען זיי דאָך נישט צונויף קומען אַריבער אַ געוויסער צייט.

צו וואָס הונדערט פאַרקערפּערונגען, אויב מען קען מיט צען אַריבערטרעטען די שוועל?

ווי אַזוי קען מען געדענקען דעם לעצטען גרויסען לערער, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַ שענדליכען טויט פאַר דעם, וואָס עס האָט זיך דער מענשהייט אויסגע־וויזען שוין פון לאַנג באַקאַנט.

14. מען דאַרף איינזען, אַז די אידעאַלע מאַטעריע האָט אַ פאַרשלינגענדיגע אייגענשאַפט. ווען אימיצער דערנענ־טערט זיך צו דער מאַטעריע צוליב איר אמת׳ן צושטאַנד, באַקומט ער נישט קיין אימוניטעט פון גייסט, און פאַר־טיפט זיך אין דער אַזוי־גערופענער מאיאַ, ווייל אַהן דער פאַרפולקאָמונג פון דער וועזענטליכקייט פון זאַכען, ווערט זייער הייטעל גיפטיג.

15. דער וואוקס פון פאַרשטיין דעם גייסט ציט אויך צו די מיטאַרבייטערשאַפט פון קליינע פאַרמירונגען, וואָס באַפּעלקערען די לופט. אַט פאַרוואָס מען קען באַדויערען די פיינדליכקייט פון מאַטעריע. מען האָט געקענט פרי־הער דערגרייכען די באַוואוסטזיניגע מיטאַרבייטערשאַפט מיט דער מאַטעריע.

עס איז זעהר פאַרלאַקענדיג צו באַקומען באַלד מאַטעריעל פאַרמעגען. אפילו דער קלוגער מענש האָט גאָרנישט גע־

גען באַקומען אַ טיטעל, נישט אָפּמעסטענדיג זיינע פאָל־
גען. דער בית־עולם איז פול מיט הויכע טיטלען. דאָס
איז דער מאָנומענט צו דער צוים פון דער אָפּגעזונדערט־
קייט פון מאַטעריע.

פאַרשטייט זיך, אַז מאַטעריע איז זייער באַטייטענד, אָבער
בלויז ביים גייסט באַקומט זי איר הייליגע באַטייטונג.
פונקט אַזוי ווי דער העכערער פאַרערער פון מאַטעריע
איז אָהן גייסט אומוויסענד, פונקט אַזוי איז דער אדעפּט
אָהן אינטעלעקט. אין גייסט קען מען אָבער דאָך פליען.
אָבער מאַטעריע האָט נישט קיין פליגלען. ווייל גייסטיג־
קייט אויף דער ערד קען עפענען די הויכע טויערען.

און ווען דער מענש איז אָהן געפאַר פון שרעק, דאַן
קען ער וויסען דעם אורשפּרונג פון דער ווירקליכקייט.

16. די קוואַליטעט פון די שטראַלען איז אומענדליך
פאַרשידען, נאָר צוויי סאָרטען שטראַלען איז לייכט צו
דערקענען. איינער, וואָס קען אַנטדעקט ווערען דער
היינטיגער מענשהייט; דער צווייטער, פאַסט אין זיך די
שטראַלען, וואָס פאָדערען פון מענשען צו פאַרשטיין דעם
גייסט און אָהן דער אייגענשאַפט קענען אָט די שטראַ־
לען זיין צושטערענד.

יעדער שטראַל קען באַווייזען אַ שוץ בלויז אין די גרע־
ניצען פון זיינע געבורטס־פאַרבען.

אויב פאַר אַ פּיאָלעטענעם שטראַל איז אַפילו אַ הויכער
געלער אומאַנגענעם, ווי זשע צורייצט שוין דאָס אוי־
סערליכע הייטעל פון דער אָרע די פאַמילע פון יעדען
רויט. ביי דער פאַרפולקאָמונג באַווייזט זיך אַ נייע

באַשיצונג, ווען מיר דערגרייכן פאַרשידענע שטראַלן, פאַרשלינגענדיק זיי מיט דעם אייגענעם שטראַל. מיר זיינען, גלייך מיר וואָלטן זיך פאַרשטעלט פון מידקייט פון די פאַרשידענע אויפבראָזונגען מיט אונזער גאַמע פון פאַרבן.

צום ביישפּיל: אימיצער, וואָס טראָגט אַ פּיאַלעטענע אורע וועט אָנהייבן זען אַלץ אין די כוואַליעס פון פיאַלעט און בלאַ, דאָס הייסט, אַז זיין שילד פאַרפעסטיגט זיך. דאָס הייסט, אַז אָנשטאָט צו שטעכן און צו פאַרוואונדען, פאַרגיסט ער מיט זיין אַקעאַן, און פרעמדע קאָלירן ווערן אַזוי ווי דערטרונקען אין די אָנהויפונגען פון זיין אורע. נאָר די שווערקייט פון אָט די אָנהויפונגען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קענען נישט געשיקט ווערן פון דרויסן און קענען אַרויסגערוקט ווערן נאָר פון אינעווייניג. און דערפאַר איז עס אַ גוטער צייכן, ווען דאָס פייער פון גייסט ליכט מיט זיין קאָליר.

יעדע איינפאַרביגע אורע שליסט אין זיך איין דריי כוואַליעס, וואָס ענטפערן די דריי הויפּט־נאַטורען — דער קערפּערליכער, אַסטראַלער און מענטאַלער.

17. מיר זעען דאָס פאַרבייגיין די באַשערטע פּאַסירונגען און די דערשיינונג פון שטילע פיגורען, גלייך זיי וואָלטן פאַרבייגעגאַנגען אויסער דעם לעבן. כאָטש מיר שעצן זיי אָפּ לויט דער העלדענטאַט. אָבער זייער לעבן פליסט עפּעס צווישן אַנ׳אָפּגאַנג און אַ העלדענטאַט, וועלכע באַווייזט זיך, ווי פון אַ פונק אין דער פינסטער.

די פאָלגענדיגע און די פריערדיגע געשעענישען פליסען פאָרביי גאַנץ אומבאַמערקט. דער אַלטאַר אָדער די צעל פונ׳ם קלויסטער און דאָס ווינקעל פונ׳ם שוסטער האָבען נישט קיין באַטייטונג, די פון פריהער אָנגעזאַמעלטע אורע באַגלייט אָט דעם לעצטען וועג. פאַרשטייט זיך, זי וואַקסט און דעקט אַזוי ווי צו די אומערהערטע עמפּפינד־ליכקייט, נאָר איר קוואַליטעט בייט זיך שוין נישט און פון די פריהע יאָרען אַן קען מען אונטערשיידען אָט די אייגענאַרטיגע קינדער, וואָס טראָגען זייער וועלט פונ׳ם גייסט׳ס אַנטפּלעקונג.

זייער זעלטען, כמעט קיינמאָל נישט, באַגרעניצען זיי זיך מיט איין ספּעציאַליטעט. טאַקע די אָפּוועזענהייט פון ספּעציאַליטעט איז כאַראַקטעריסטיש, די הענט זיינען אַזוי ווי אויסגעשטרעקט צום כוס.

איבערקוקענדיג פאַרגאַנגענע לעבענס, קען מען זען אַ פאַר־שטעהער פון רעליגיעס, פון קעניגרייכען, פון וויסענשאַפטען, פון קונסט און מעכאַניק, וואַרטענדיג און קלייבענדיג זיך אין וועג אַריין און גרייט יעדע שעה אַוועקצוגיין אַהין באַדויער.

די קאָמבינאַציע פון ריכטיגער אָפּשאַצונג פון דער שיינ־קייט פון מאַטעריע מיט דער גרייטקייט זיך צו פּאַרטי־פען אין דער דערגרייכונג פון גייסט, מאַכט אַ העלדענ־טאַט אַזוי ווי רייף. די סומאַטאָכע פון לעבען ציט נישט צו מער, און נאַטירליך קומט דאָס באַוואוסטזיין, אַז ווייטער קען עס אַזוי נישט גיין. העלדענטאַטען זיינען פאַראַן פאַרהעלטניסמעסיג קורצווייליגע אָדער מאָמענטאַלע. די

אייגענשאַפט פון דער נויטווענדיגקייט אויסצודריקען אַ באַשטימטע טאַט איז געבראַכט פון אַמאָל און ווערט איינפאַך געטאָן אַלס אַ לעבענס־שריט.

און אַזוי איז דאָס שווערסטע צו פאַסען די אַנטציקונג פון דער מאַטעריע און די דערשיינונגען פונ׳ם גייסט. און וויפיל וואונדערליכע פאָרשונגען זיינען פאַרהאַלטען געוואָרען דורך דעם באַדויערען וועגען מאַטעריע אָדער דורך גייסטיגער אָפּגעזונדערטקייט! טיילמאָל איז לייכט זיך פאָרשטעלען די פאַרוואַנדשאַפט פונ׳ם גייסט מיט דער מאַטעריע, דאַמאָלס דאַרף מען זוכען די אורזאַך אין פאַרגאַנגענע אויסגעוויילטע לעבענס. דער פיינסטער נזיר, וואָס פאַרשטעלט די שיינקייט פון דער וועלט, פאַרמאַכט פאַר זיך די טויערען. פונקט אַזוי דער געלערטער, וואָס פאַרגעסט אָז דעם קוואַל, רויבט פון זיך די דערגרייכונגען אין באַזיגטען לאַנד. קינדער וועלען פאַרשטיין אָט די איינפאַכע באַדינגונג, נאָר דערוואַקסענע מאַכען זי אַוועק, אַלס אַ נאַרישקייט.

בלויז מיט באַזונדערע פאַרקערס־וועגען קען מען זיך באַוועגען אינ׳ם צוג פון דער העלדענטאַט. און וואַרטען אויף דעם, וואָס דער גייסט באַרעכענט און קען לויט דער צייט, איז אָפט אַזוי ווייטאָגליך, גלייך די צייט וואָלט געבליבען שטיין און עפּעס אַ פייער וואָלט פאַרניכט דאָס אָנגעקליבענע רייכטום.

אין דער אמת׳ן האָט קריסטוס געזאָגט: „איר ווייסט נישט די שעה, נישט דעם טאָג“. ער האָט אויך געעבענט אָנ׳אַנדערע פאָרמעל, ווען ער האָט געזאָגט:

„פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט, האַר?", האָבענדיג איז זיין דאָס וויסען פון גייסט, ווייל אין לעצטען מאָמענט פאַרטיפען מיר זיך אַזוי ווי אין אַהן־לופטיגען רוים — אַזוי טרעפט עס פאַר'ן ענדיגען דעם ערדישען קרייז. כדי באַלד אויפצופלאַקערען מיט אַלע פייערען פון אַנ־זאַמלונג. דורכ'ן פאַרהאַלטען דאָס באַוואוסטזיין פון דער פאַרגאַנגענהייט קומט אַרויס אַ שפּרונג איבער'ן תהום.

18. די דערשיינונג אפילו פון ערדישע זאַכען באַהאַלט אַרום זיי אַ באַזונדערע אַטמאָספערע.

נאָך פאַר'ן לעזען קענט איר זיך דורכדרינגען מיט דער וועזענטליכקייט פון דער שטימונג פונ'ם דאָקומענט. דאָס לערנען וועט אים באַדייטענד פאַרטיפען, ווען מען קען פריהער פאַר אַלץ איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דער דערשיינונג. איך פאַרזיכער, זייער גיך קען מען זיך היימיש מאַכען מיט די געפיהלס־אַפּאַראַטען. דאָס געפיהל אַנטוויקעלט זיך נאָרמאַל, ווען מען לאָזט צו דעם גייסט.

באַזונדערס זאָגען מענשען אָפט — „מיר וואונדערען זיך איבער קיין זאַך נישט מער" — און וואונדערען זיך באַלד איבער'ן ערשטען אומפאַרשטענדליכען רויש.

איצט וועט איר פרעגען, צו וואָס דאַרף מען די איינזאַמ־קייט פון דער לעצטער פאַרקערפערונג? אָט די באַדינ־גונג איז זייער שווער קלאָר צו מאַכען פונ'ם שטאַנד־פונקט פון דער ערד, נאָר עס איז אומפאַרענדבאַר און איינפאַך אַזוי ווי איר גייט נאָר אריבער די ליניע פונ'ם זיין אויף דער ערד. אַפילו ביי דער געוויינליכער דער־

שיינונג פון צוגיין צו א פּאַרט קען מען באמערקען אַז ענליכע דערשיינונג. דאָס לעבען פון א שיף הערט אויף — עס ענדיגט זיך די דערשיינונג פון וועג און די פּאַסאַזשירען זיינען פאַרנומען מיט דער פראַגע פון אויספּאַקען זיך און די באַשעפטיגונגען, וועלכע מען האָט נאָרוואָס געהאַט צוזאַמען, ווייזען אויס ווי זיי וואָלטען נישט עקזיסטירט.

וויפיל גרעסער נאָך איז דאָס געפיהל פון'ם אָרגאַניזם, וועלכער דערנענטערט זיך צו פאָלשטענדיג געענדערטע באַדינגונגען. און דאָס געפיהל פון'ם שטראָם פון שטרעבונג צו די אויסדרוקס־מיטלען פון דער לעצטער טאַט.

19. און נאָך טרעפט, ווען פאַר'ן אָוועקגיין אַלע קולות ווערען פאַרשטומט, און אפילו וויסענדיג דאָס געזעץ, באַפאַלט א פּחד.

אין די עגיפּטישע מיסטעריעס איז באַשטימט א מאָמענט, ווען מען שטעלט דעם איינגעווייטען פאַר דער שוועל פון פולשטענדיגער פינסטערניש און ער מוז, נישט פאַרלאַנגזאַמערענדיג זיינט טריט, אריינגיין אין דעם אומבאַקאַנטען.

באַזונדערס איצט, ווען קריסטוס האָט זיך אַפּגעזאָגט פון נסים, דאַרף מען אָט דעם מאָמענט אריינגען אין דעם אומבאַקאַנטען אויף א באַזונדער אופן. דערפאַר ווייל די קומענדיגע עפּאָכע דאַרף אָפּווישען די גרעניצען פון די וועלטען. און די עגיפּטישע מיסטעריעס האָבען זיך איבערגעשאַפען אין א פאָרמעל: ד ו ר ד מ ע נ ש ל י כ ע פ י ם .

20. אַ פֿאַרצוימענדיגע נעץ דאַרף אַרומרינגלען דעם קערפּער. עס איז זייער וויכטיג, אַז די אָורע זאָל זיך ענדיגען מיט אַ נעץ פֿון לעבענס־פֿעהיגע פֿונקען, דערפֿאַר דאַרפֿען אַפּילו פּיאַלעטענע און בלאַע אָורעס האָבען רובּי־נענע פֿונקען אין דער אומגעבונג. די דערשיינונג, פֿון בלויז פֿון דער ערד דערווייטערטע טענער, מאַכט דעם באַזיצער צו עמפּפינדליך צו די דערשיינונגען פֿון דער ערד. די ברייטקייט פֿון דער אָורע וואַקסט אָפּט, אַרויס־שטופּענדיג די צייכענס פֿון דער ערד. טעראָס און טאַמאַס דאַרפֿען אַרבּייטען, אַזוי ווי ברידער, ווייל די פֿאַרשטעהער פֿון טאַמאַס און טעראָס דאַרפֿען זיין נישט צוטיילט.

דער גייסט פֿילט אָן מיט אויסשטראַלונג, נאָר די נעץ מאַכט אים קאָמפּאַקט. מיט׳ן באַוואוסטזיין פֿון דער נעץ, קען מען באַגרעניצען די אויסשטראַלונגען, נאָר פֿאַרציען די נעץ אָהן טעראָס׳ן קען מען נישט, ווייל זיין שטראָל דאַרף אַזוי ווי אַ לאַמטערן היטען אַ דורכרים. דערפֿון קען זיין דאָס נישט איינשטימען פֿון באַרירונג מיט דער אויסערליכער וועלט. אָט מיט דער איינפאַכער לאַגע דאַרף מען זיך באַזונדערס היימיש מאַכען. ווייל די נעץ ווערט רעגולירט מיט׳ן געוויינליכען באַוואוסטזיין און מיט׳ן באַפֿעל פֿון ווילען.

אויפ׳ן ערשטען בליק דערמאַנען בלויז די שפּרינגענדיגע פֿונקען וועגען דער באַוועגונג פֿונ׳ם אַפּאַראַט, אָבּער זיי זיינען די היטער, וואָס זיינען גרייט אָפּצושטויסען דעם שונא.

VI

1. מען קען זאָגען, פאַרוואָס עס איז באַשלאָסען זיך אָפּצוזאָגען פון נסים. דער וועג פון נסים איז דער ווייטסטער פון האַרמאָניע. אויב דער נס איז פאַרפאַלען, איז ער איינפאַך שעדליך, אָדער ער וואַרפט אַרויף דעם מענשען אויף אַ שטופע, וועלכע עס קען נישט האַלטען די אַרומיגע אַטמאָספערע, אָדער, פאַלענדיג אויף די אויגען פון קנאה'ניקעס, ברענגט עס שלעכטס. דרייסט וויסען די מעגליכקייט דורכצודרינגען דאָס גאַנצע ליכט און באַוואוסטזיניג פאַרשטעלען די אומגעוויינליכע דערשיינונגען, הייסט דערנענטערען די האַרמאָניע. גיין מיט'ן וועג פון פאַרברייטערען דאָס באַוואוסטזיין, הייסט דערנענטערען זיך צו דער אמת'ער טאַט.
דער שטראַל פון פאַרשטיין פון דער באַשערטער אומפאַסבאַרקייט פון די דערשיינונגען פון מאַכט, קען פאַראייניגען פאַרטיגע נשמות און אָהן דער פאַרטיגקייט ווערט יעדעס נס פאַרוואַנדעלט אין נייגעריגקייט.
מען קען האָבען כחות אין באַפעלען, נאָר נישט פאַר דעמאָנסטראַציע, נאָר פאַר קאָנסעקווענטע טאַטען. ווען די מאַסע זעט נישט דעם תוך און ער דערוועקט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער איז פאַרשטעלט מיט די פאָלגען, וועט אַזאַ תוך דורכדרינגען אין באַוואוסטזיין פון פאָלק, צוגעוואוינענדיג דאָס פאָלק צו אַ האַנט־באַשאַפענעם פאַקט. אויף אַזאַ אופן וועלען די פאָלגען פון העכערער גייסטיגער שאַפונג זיין האַנט־געשאַפענע טאַטען. דעם גייסט פאַסט צו זיין אַלעמאָל אין גייסט. זאָל די האַנט

אַנטפּלעקען אַנ׳ערדישע ריכטונג, דאָס האַנט־געשאַפענע ערוועקט נישט קיין האָס.

אין אַלטערטום, איבערגעבעניג גאָט׳ס ווילען, האָט מען פאַרשטעלט דאָס פּנים, דערנאָך איז מען געגאַנגען צוברעכן די מאַטעריע מיט דערקלערונגען פון נישט־באַזיגטע כחות. פאַרשטייט זיך פון דעם איז געבוירען געווארן די אינקוויזיציע. דער תוך פון אינקוויזיציע איז די פאַרפאָלגונג פון דעם אומגעוויינליכען.

מאַכען דאָס אומגעוויינליכע באַשערט, אָלס דער רעזולטאַט פון קאָאָפּעראַציע, וועט צווינגען אַפילו די טעמפּסטע עס אָנצונעמען. דערפאַר זאָלען נסים בלייבען אינ׳ם באַוואוסטזיין פון ווייניגע, וואָס זיינען פעהיג אריינצוקוקען אינ׳ם אין סוף.

עס באַקומט זיך דער היפּוך פון אַלטערטום — אַמאָל האָבען די פּריסטער באַהאַלטען די נסים פאַר דער מאַסע, אַצינד זיינען נסים פאַר די פּריסטער.

די שטרעבונג צום אמת׳ן קאָאָפּעראַטיוו ליגט אין דער גרונדלאַגע פון עוואָלוציע. פאַרניכטען דעם וועג פון אומוויסענהייט קען מען נאָר דורך דערוועקען שעפּפערישקייט. זאָלען זיינע פאָרמען אַפילו זיין אויסטערליש, זאָל מען אַפילו אויף די הינטערהויפען פון שפּליטערס מאַכען אַ זון. נאָר דער קאָכעדיגער שטראָם וועט זיך דורכשלאָגען דורך די ווענט פון מאַטעריע. נייע געפינסען וועלען שאַרפער מאַכען דאָס אָנזאַמלען. אַנשטאָט בערזען־שפּיל, זאָל זיין די שטרעבונג צו געפינען, וואָס עס ווערט אונטערשטיצט פון קאָאָפּעראַטיוו.

2. דער כאַאָס פון אַפּפאַל קען פאַרשטאַנען ווערען דורך דער שיינקייט. וואָס פאַר אַנ׳אַנדער מאָס קען פּאַ־סען צו דער בונטקייט פון דעם גרונט פונ׳ם געדאַנק? און ווען איר וועט געפינען אַ הויפען גוטסקייט, גרייטקייט און באַוועגליכקייט, קענט איר בלויז מיט אַ קנופּ פון שיינ־קייט צוטרעטען. דאָס וואונדערליכע פייער ליגט אין פאַרקערען מיט׳ן פאַלק.

די אומצופרידענקייט איז בלויז דאָס וויסען פון מעגליכ־קייטען. צופרידענקייט איז דער טויט פון גייסט.

3. אהין, וואו דאָס פאַלק וואַרט, שיקען מיר אונזערע אויסדערוויילטע. איבער די שטראַלען פון דער ערד ברע־נען די שטראַלען פון גייסט. פאַרברענט די קליידער פון געוועזענעם טאָג. דער קראַט איז נישט קיין באַגלייטער אויפ׳ן וועג. ביז דער אַנטפּלעקונג, האַלט איך, וועלען אַלע קראַטען פון דער וועלט קיין גרוב נישט אויסגראָבען. אַוועק די הענט, אַוועק די הענט, אַוועק די הענט! אונ־זער שילד ווערט געשמידט מיט ערדישע הענט. די אַנט־פּלעקטע מאַכט וועט קומען דורך מענשען, מען דאַרף נישט קיין מלאכים, מיט טראָמפּייטערס צוצורייסען די אויערען, ווען עס געפינען זיך מענשליכע הענט, וואָס זיי־נען פעהיג אַנצונעמען דעם כוס.

4. מען דאַרף קלוג אַרומגיין דעם סטאַנדאַרט פון לעבען. בעסערע מענשען האָבען געלעבט פאַר זייער צייט אין אַ וועלט, וואָס איז מיט וואָלקענס באַשווערט.

דער וואָס וויל דערגיין אין נייעם לאַנד, דאַרף נישט נאָר

אוועקוואַרפֿען אַלע פֿאַראורטיילען. נאָר ער דאַרף אויך אַריינגיין דורך אַ נייעם וועג.
די באַשטעטיגונג פֿון לעבען דאַרף מען בויען אויפֿ'ן צו־פּאַסען אַרטיגע באַדינגונגען. אויב עס זיינען ערגעץ פֿאַראַן הונדערט שפּראַכען, דאַרף מען פֿאַרשטיין הונדער פּסיכאָ־לאָגיעס. איין אויסדרוק פֿאַר אַלע איז ענליך צו אַ קאַ־לאַנע פֿון אַ קאַזיאַנע הויז.
די איינקייט אין פֿאַרשידענאַרטיגקייט גיט דעם רעזולטאַט פֿון געזעצמעניש.
פּרובירען דאַרף מען לאָזען וואַקסען דורך אַריינברענגען נייע נויטיגע שטראָמען, דערפֿאַר וועלען מיר אָפּט רעדען וועגען נייעם לאַנד — דאָס איז דאָס אייליגסטע.
5. פֿונ'ם קליינעם ביז'ן גרויסען, פֿון דעם אַלטעגליכען ביז די וועלטען בלאַנדזשען מיר, אָבער קיינער וועט עס נישט אָנרופֿען נישטיג, און דער רעזולטאַט וועט זיך קיינ־מאָל נישט אַרויסווייזען פֿאַר אומריכטיג.
ווער עס וועט פֿרעגען — פֿאַרוואָס איז די לערע צושאַטען אַזוי ווי קערנער? ענטפֿערט — נאָר פֿון פֿאַרשידענע פֿע־דים קען מען אַ פֿאַרוויקעלטע צייכנונג באַשאַפֿען.
מען וועט פֿרעגען — פֿאַרוואָס האָט נישט די לערע אַ פֿאַרענדיגטען צושטאַנד? ענטפֿערט — ווייל אין דער פֿאַרענדיגקייט איז טויט.
מען וועט פֿרעגען — פֿאַרוואָס קען מען נישט לאָגיש פֿאַר־אייניגען די טיילען פֿון דער לערע? — ענטפֿערט, ווייל עס איז מיאוס צו דערציהען איין קאָפּ אָדער איין האַנט.
מען וועט פֿרעגען — פֿאַרוואָס נישט צוערשט אַרויסרעדען

די פֿאָרמעל פֿון הימעל און דערנאָך די באַשווערונג פֿון דער ערד? ענטפֿערט, ווייל יעדער פֿאָדים פֿון דער מור־טער׳ס קלייד קומט פֿון אויבען אַראָפּ און פֿאַרקערט.

מען וועט פֿרעגען — פֿאַרוואָס קען מען נישט מיטאָמאָל אַרויסווייזען דאָס באַשערטע? ענטפֿערט — די קאָלאָ־נעם פֿון אַ הויז שטעלט מען אין אָרדנונג. און ווען די אַרבייטער וועלען זאָגען — לאָמיר מיט אַמאָל אַוועקשטע־לען, וועט דער בויער זאָגען — זיי ווילען צושטערען. אַזוי אַנטהאַלט אַ טראָפּען די גאַנצע וועלט.

די דערשיינונג פֿון אומבאַגרעניצטע מעגליכקייטען וועט אייך געבען די רואיגקייט אויפֿצונעמען אין זיך.

ווי אַזוי שפּיגעלט זיך אין דער אמת׳ן אָפּ אַנ׳ערדציטער־ניש, פֿאַרשידענע ווינטען, שטורעמס? ווי אַזוי שפּיגלען זיך אָפּ פֿאַרשידענע אַורעס פֿון מענשען אויף געוויקסען? מען קען אַ גאַנצע נייע אינסטיטוציע אויפֿבויען.

ווירקליך, מען קען געפֿינען דעם פֿאָדים פֿון קאָסמישער קאָאָרדינאַציע, אַנטקעגענשטעלענדיג דעם פּולס פֿון פֿאַר־שידענע עלעמענטען. קיין נייעס איז דאָ גאָרנישט פֿאַראַן, נאָר די באַטייטונג פֿון דער גאַנצער וועלט־קאָאָפּעראַציע קען מען מאַניפֿעסטירען דייטליך אַפֿילו פֿאַר לעזער, וועמענס גייסט, האָט זיך אַזוי ווי הויז־ווערים פֿאַרזעצט אין די ווינקלען.

ניט ברייטער פֿונ׳ם ברייטען. באַשטימט אַ מתנה אין דער שול פֿאַר דער צאָל געשטעלטע פֿראַגען. אַמאָל האָט מען געצאָלט פֿאַר ענטפֿערס, איצט פֿאַר פֿראַגען.

6. איידער אַנ׳אַסטראַל קומט אַרויס, איז פֿאַראַן אַ

אויספלוס פון די ביינער. פארשידענע צענטרען אנטוויק־לען זיך פארשידען, און עס קומט א צייט, ווען אט די פארשידענקייט דארף נארמאליזירט ווערען דורך רואיגקייט. פונקט אזוי ווי אנ׳אנגעסטרויעטע פארטעפיאן דארף מען צייטענווייז נישט אנרירען און נישט קלאפען איבער אים מיט א מעטאלענער זאך.

אין א גאנצען פעלז ווערט א שפאלט, ווען מען גיט אי־בער אים א קלאפ מיט א מעטאלענער זאך אין א פאלשען טאן. כאטש די דערשיינונג איז גוט באקאנט, איז דאך שווער זי פארצושטעלען פאר דעם מענשליכען ארגאניזם. בלויז פון דערפארונג קען מען דאס עמפפינדען, אויף ווי־פיל טיילמאל א שעפטשען איז שווערער פון אנ׳אויפרייס. דערביי דארף מען געדענקען, אז די קאמבינאציעס פון די נערוועז זיינען אזוי פארשידען, אז עס איז שווער מיט געזעצען צו באשטימען די פאלגען.

דער פיזישער צושטאנד איז אזוי פארבונדען מיט׳ן גייסט, אז בלויז פערזענליכע דערפארונג קען אנווייזען, ווי אזוי אפצוהיטען דאס ריכטיגע אנקומען פון פייערען. פייערען זיינען די ברונעמער פון שטראלען.

7. דער וועלט־געדאנק גיט איבער דעם וועלט־פאר־קער, און דאס אויפבויען פון נייעם לאנד קען בלויז זיין אינ׳ם וועלט־פארשטיין.

נויטיגען מיר זיך דען אין שיינרעדעריי? דער וועג פון באריִרען דעם גייסט איז א סך מעכטיגער. ווען איר וועט דערזען, ווי עס ווערען מיט איין באוועגונג באשאפען גרויסע לעזונגען, דאמאלס וועט קלאר ווערען, ווי טייער

עס זיינען ווערטער נישט לויט זייער צאָל און נישט מיט דער אויסערליכער פאָרם, נאָר מיט זייער אינערליכען אמת. מען דאַרף נאָך קורצער רעדען. דער שמיד דאַרף נישט קריצען מיט׳ן האַמער. קריסטוס׳עס לערע קען פאַרשריי־ בען ווערען אויף דער האַנט.

8. דער פליה פונ׳ם גייסט ווערט נישט געציילט אויף שעה׳ן, — די דערשיינונג איז אויסער צייט, ווען דער גייסט יאָגט דורך די פּלאַנעטען, עס איז בלויז אַ מאָ־ מענט, ווייל ער קען נישט פאַרלענגערט ווערען, אַז נישט קומט די דערשיינונג פון אויפּריים צווישען דעם פאַר־ לייבטען קערפּער און דעם מענטאַל. אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז דער גייסט, ווירקענדיג אויסער צייט, דער־ גרייכט אויך אָהן צאָל. און ביז׳ן פּערצענטען געהער דער־ גרייכט דער גייסט, אין דער צייט וואָס אויף דער ערדי־ שער ספערע קען מען דערגרייכען בלויז דאָס ניינטע.

די שטופען פונ׳ם געהער דערלויבען פאַרשידענע עלעמענ־ טען צו ווערען דעם מענשענ׳ס מיטאַרבייטער. דאָס גע־ רויש פון אַ רעגען איז אויך נישט אָהן באַטייטונג. אַ סך וועגען וועט די ערדישע שאַפונג באַרייכערען.

9. פינסטערניש קען מען צוטרייבען, איבערבייטענדיג די ריכטונג פון די געדאַנקען. נישט ווערטער, נאָר די לוי־ פער פון געדאַנקען וועבען די אורע.

מיר ווילען מאַכען אונזערע טאַטען צוגענגליך אינ׳ם גייס־ טיגען און מאַטעריעלען זין. איך פאַרזיכער, אַז די קוואַ־ ליטעט געדאַנקען האָט פאַר דעם אַ גרויסע באַטייטונג. מען דאַרף אונטערשטרייכען די גליקליכע און נוצליכע פאַר־

איינגונג און וואָס עס איז אַ נאַרישקייט שעצען מיר אָפּ אויסגעצייכענט. פאַרשטייט זיך, אין אַ גרויסער טאַט, וועט די נאַרישייקט אויך אַ וואוינונג געפינען, נאָר נישט אין אַנ׳אויבערשטען שטאָק.

לעבען קען יעדער, נאָר די צוקונפטיגע וועלט נויטיגט זיך אין באַלייכטען דאָס באוואוסטזיין, און נישט אין דעם אַרויסבורטשען הויכע רייד.

מיר שעצען מער אַ געשעפטליכען געלט־חשבון, איידער די זאַמלונג פון שיינע רייד. וועגען דער וועלט דאַרף מען טראַכטען, באַווייזען פּראַקטישע געדאַנקען.

איידער דער נייער טעמפּעל ווערט געשאַפען, דאַרף מען באַווייזען די ערפינדערישקייט און פּאַרוואונדערען דאָס פאָלק מיט שכל. גיין אין ווינדעלאַך איז נישט באַקוועם.

10. איך קאַוויר — עס איז גריגנער בערג אַריבערצו־שטייגען, איידער אויסצוגלייכען דעם מענשליכען עק. אונ־זער שטראַל איז אַנגעשטרענגט, פול מיט זוכעניש.

אונזער שילד דאַרף מען פאַרשטיין — מען דאַרף באמת דרייסטקייט.

11. אין אַ קלוגער רעליגיע איז נישטאָ קיין פאַר־לוירענקייט.

12. די וואָס לייקענען אָפּ גאָט, האָבען אים נישט גע־זען, אָבער ווי אַזוי זעט אויס דער גאָט פון די קרעטש־מערס? און גרויס איז דאָס אונטערקויפען קריסטוס׳ן, וועלכער באַהאַלט אונטער אַ ליכטעל יעדען פאַרראַט.

עס איז נישטאָ קיין ערגערס, ווי דאָס וואַקסענע ליכט פון געמיינהייט. קריסטוס נויטיגט זיך נישט אין אַזעלכע

פארערערס, ווייל זייערע ליכט פארדרויכערעז די קליידער. די וואסערען פונ׳ם ירדן און פונ׳ם אורדאר קענען נישט אפוואשען די שפורען פון אזעלכע קרבנות.

13. די לעגענדע וועגען בודא׳ן : איין ריינער מענש האט געוואלט דערזען בודא׳ן, איינהאלטענדיג זיין אויפ־מערקזאמקייט אויף די פארשידענסטע זאכען. זיינע הענט האבען נישט געכאפט קיין קלוגע בילדער, און זיינע אויגען האבען נישט דורכגעשפיזט קיין זאכען פון פארערונג — די דערשיינונג איז נישט געקומען.

ענדליך, קניענדיג אין געבעט, האט דער זוכער דערפיהלט, ווי אויף זיין שטערן האט זיך אראפגעלאזט דער פאדים פון א שפינוועב, ער האט אים אפגעווארפען און עס האט זיך דערהערט א קלארע שטים : „פארוואס טרייבסטו אפ מיין האנט ? מיין שטראל האט דיר נאכגעפאלגט, ער־לויב דיך ארומצונעמען״ .

דאמאלס האט אינ׳ם מענשען אויפגעציטערט די זוניגע שלאנג און ער האט געפונען דעם אפגעווארפענעם פאדים. און אין זיין האנט איז ער פארוואנדעלט געווארען אין פערציג פערעל, און יעדער האט געטראגען בודא׳ס פנים. אין מיטען איז געווען א שטיין און איבער אים אנ׳אויפ־שריפט: געוואגטקייט, פארצווייפלונג, פרייד. בודא׳ס נאכפאלגער האט באקומען פרייד, ווייל ער האט געוואוסט דעם וועג צו איר.

איך טראכט וועגען פליגלען. טאמען האבען באמת פליגלען. פערד שניידען די ערדישע רוימען און שעפ־

פערישע שטרעבונגען טראַגען זיך ווי אַ ווייכער. צום קאַמף, צום קאַמף, צום קאַמף! אין אמת'ן איז גראַנדיעז דאָס בילד פונ'ם אַקעאַן פון גייסט! עס פייפט און קלינגט דער קלאַנג פון רוף אין די וואָס האָבען אָנגענומען דאָס געווער פון גייסט, שטרעבען צום טראָן, ווייל די יונגפרוי פון דער וועלט האָט געענדיגט דאָס דעקטוך פונ'ם גייסט.

צום קאַמף, צום קאַמף, צום קאַמף! איך הער דעם רוף און איך בויג מיין קאָפּ פאַר דעם באַפעל פונ'ם הערשער פון גליק.

14. מען דאַרף רעדען וועגען די, וואָס שטערען און דראַהען מיר. עס איז לייכטזיניג צו האָפען, אַז אַ ריס אין דעם געוועב פון דער וועלט קען לייכט פאַרצירעוועט ווערען. אפילו אַ פּראַסטער קלאַנג ברענגט פון ווייטען אַנ'אומדערוואַרטען ווידערקלאַנג. אויף וויפיל טיפער נאָך דרינגט דורך דעם רוים אַ שליחות פונ'ם גייסט. און די וואונדען זיינען כמעט אומהיילבאַר.

די האַנט, וואָס האָט פאַרוואונדעט דעם פּלאַן פון די אַלמעכטיגע, שטויסט אָפּ דעם שילד. מען קען צושטערען אַ הויז, מען קען צוהאַקען אַ בוים, אָבער שטערען דעם פּלאַן פון די אַלמעכטיגע?!

איך שרעק נישט, נאָר איך דערקלער אַנ'איינפאַכען רעזולטאַט. אויב אַ מענש האָט זיך צוגערירט צום קאָסמישען ווייכער, וועט יעדע אַפּנויגונג ארויפציען די נעכסטע כוואַליע.

פאַלען אונטער איר איז ווי אונטער'ן קנאַפּעל פון אַ ריז.

מיט גוטען בעטען מיר, נעם נישט אַוועק די פירענדיגע האַנט. אַנדערש, ווײ צו דעם, וואָס בלייבט פון הינטען.

און וואָס פאַר אַ כבוד איז עס מיך צו פאַרוואונדען, פריער גיב אַוועק אַלץ, וואָס דו האָסט פון מיר באַקומען, אָבער דאָס וועסטו נישט טון אַפילו ווען דו וואָלסט צוגעלייגט די לעבער און דאָס האַרץ.

ווי אַזוי־זשע וועסטו אַ זעץ טון דעם, וואָס האָט דיר טאַלאַנט געגעבען? וואו זשע וועט זיין דער אונטערשיד פון'ם רויבער ? די האַנט, וואָס האָט געגעבען, פאַר־פּאַטשקע נישט, ווייל די בלאַטע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין דיין מצורעת, דערפאַר פערערט אונזער ברודערשאַפט דאָס באַוואוסטזיין פון דאַנקבאַרקייט, דערפאַר זאָלסטו פאַר־שטיין דיינע נוצען !

15. מען האָט אייך שוין געגעבען די לערען וועגען קרבן. אַ קרבן איז הערשאַפט, הערשאַפט איז מעגליכ־קייט. הייסט עס, יעדער קרבן איז פריער פאַר אַלץ אַ מעגליכקייט.

עס איז צייט אַפּצולאָזען היפּאָקריטסטווע, גלייך אַ קרבן וואָלט געווען אַ פאַרלוסט. מיר נעמען נישט אָן קיין פאַרלוסטען, נאָר מיר גיבען מעגליכקייטען.

מיר ווילען זען וואָסערע מעגליכקייטען עס ווערען גע־בוירען פון אַזויגערופענע קרבנות. וואו איז דער אמת'ער קרבן, וואָס קען דערנידריגען ? אין אונזער אוצר־קאַמער זיינען צונויפגעקליבען אַ סך קרבנות, און יעדער איז גע־

ווען נוצליך דעם, וואָס האָט אים געבראַכט. נישט אונ־
זערע רייך וועגען קרבנות, נאָר דער קרבן אַליין איז די
באַקוועמסטע אונטערנעמונג.
קליינהענדלער האָבען ליב צו וויינען וועגען פאַרלוסטען
און מאַכען זיך באַליידיגטע. נאָר דער אמת'ער סוחר
פון לעבען וועט רעכענען יעדע הוצאה בלויז אַלס אַנ־
אַריינלייגונג אין זיין געשעפט. איר האָט פאַרלוירען
נישט אויפ'ן קרבן, נאָר אויפ'ן רויבען.
קריסטוס האָט געראַטען צו צוטיילען גייסטיגע רייכ־
קייט. אָבער אַזוי ווי די שליסלען דערפון זיינען ווייט,
האָבען די מענשען אַריבערגעטראָגען די עצה אויף צו־
טיילען אָנגערויבטע געלט. צונ'ערשט אָנרויבען און דער־
נאָך מיט אַ טרער אָוועקגעבען און אָנטציקט זיין פון רער
אייגענער גוטסקייט.
פונקט אַזוי, רעדענדיג וועגען צוטיילען, האָט דער לערער
געקענט אין זינען האָבען שטולען און אַלטע פוטער־מאַנט־
לען. רייכקייט וואָס מען קען נישט אָפּוועגען, האָט
אָנגעוויזען דער לערער. בלויז די גייסטיגע געבונג קען
אַ ריך טאָן די וואָגשאָל.

מיר וועלען באַטראַכטען די ריי מיטאַרבייטער — צו האָט
נישט אימיצער עפּעס פאַרלוירען ? ניין — אַלע האָבען
נאָך געוואונען. איז דען נישט קיין געווינס צו ווערען
דער הערשער פון אַ נייעם קעניגרייך ? אַזוי רייך איז
דאָס קעניגרייך, אַז אָהן באַזונדערען שאַדען קענען מיר
צוברעכען אַ טייל פונ'ם געפעס. איינפאַך די הענט
וואַקסען אויס און דאָס בוך פון דאַנקבאַרקייט קען אי־

בערגעקוקט ווערען. איך ראט די סוחרים פון לעבען פאר אלע שטעלונגען צו האבען שטעלפארטרעטערס. אין גרויסע אונטערנעמונגען שטייט דאס געשעפט אויף געשעפט, נישט אויף פערזענליכקייט.

און ווער קען באשטעטיגען, וואס ער האט אוועקגעבען? מיר ווילען עפענען אונזערע האנדעלס־ביכער און מיר ווילען באווייזען, וויפיל ווער עס האט באקומען, און דערפאר איז שוין גארנישט אזוי גרינג מקריב צו זיין, ווען א קרבן איז מעגליכקייט. און מעגליכקייט איז נוצען. און נוצען איז פארשטענדיגע מיטארבייטערשאפט. און מיטארבייטערשאפט איז אלאטירדער שטיין, וואס אדער ער וועט מאכען אויפשטיין תחית־המתים אדער ער וועט פארברענען.

נאר זעלבסט־פארשטויסונג קען עפענען די טויערען פון פארשטיין און דער אוראלטער קרבן פון אומנויטיגע זאכען וועט זיך וויגען אויף איין צווייגעל מיט זעלבסט־ליבע.

16. יעדע פארקערפערונג טראגט א פארבינדונג מיט א געוויסען כאראקטער, לויט דער צייט־פארבינדונג, וועלכע איז נעענטער.

דאס קענען פארגאנגענע דערשיינונגען, קען העלפען וואכזאמע גייסטער, נאר די פארשלאפענע איז עס נישט נוצליך. א לבנה'דיג לעבען דארף מען צולעבען.

17. וועגען דער אומפארענדערליכקייט און וועגען דער באוועגליכקייט פון פלאן. אט די באדינגונגען זיינען באזונדערס שווער צו באגרייפען, כאטש זייער גרעניץ איז

קלאָר אָנגעצייכענט מיט'ן פאַרשטיין דעם שטראַל פון זוניגען באַוואוסטזיין. דורכצופירען דעם פּלאַן אין לעבען, דאַרף מען יעדע שעה זיין גרייט צו באַוועגליכקייט.

וויפיל מאָל האָבען מיר, גייענדיג קיין מצרים, זיך גאָר געפונען אין מאָנגאָליע. וויפיל מאָל, געפינענדיג אַ מאַנוסקריפּט, האָבען מיר אים צוריק פאַרמאַכט. וויפיל מאָל אָנהויבענדיג צונויפצולייגען די ווענט, האָבען מיר גאָר געמאַכט אַ קופּע פון זיי. וויפיל מאָל, אומווענדענדיג דאָס פערד אַהיים, האָבען מיר עס צוריק אויסגעדרייט צו דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ווייל איבערנעכטענדיג אין דער היים וואָלטען מיר אָפּגענומען פון דעם פּלאַן די אומפאַרענדערליכקייט. דאָס וואָס זעט אויס ווי אַנ'ענדערונג, איז נישט מער ווי אַ וויבּרירונג פון לעבען. די וועגען צו די מילשטיינער פון דער אומפאַרענדערליכקייט אָטעמען און פאַליען זיך אַזוי ווי כוואַליעס.

באַשטימענדיג דעם פּלאַן, איז אונזער וועזען שוין גרייט צום קורצסטען וועג. נאָרוואָס, אָנטוענדיג דאָס אייראָפּייאישע קלייד, זיינען מיר גרייט אַרויסצונעמען דעם מאָנגאָלישען קאַפּטאַן. נאָרוואָס באַשטימענדיג אַ וואוינאָרט, זיינען מיר גרייט אָפּצושווימען. אַזאַ באַוועגליכקייט קען באַשאַפען ווערען בלויז פונ'ם באַוואוסטזיין פון דער אומפאַרענדערליכקייט פון פּלאַן. נישט דער אייביגער וואַנדערער, נאָר דער שליח וואָס שטרעבט איז אונזער וועג. די אומפאַרענדערליכקייט פונ'ם פּלאַן באַלייכט דאָס באַוואוסטזיין פון דער דערשיינונג פון קראַפט. איבער אַלע הענגענדיגע בריקען וועלען מיר אַריבערגיין.

אויב דאָס ליכט פונ'ם פּלאַן וועט קלאָר זיין. מען דאַרף אַזוי פאַרשטיין די אומפאַרענדערליכקייט פונ'ם פּלאַן, אַז קיין זאַך זאָל אים נישט פאַרטונקלען. דער פּלאַן איז אומפאַרענדערליך, וועלכער איז נוצליך פאַר אַלעמען.

מיר זעען נישט ווען עס איז נישט נוצליך דער פּלאַן פון נייעם לאַנד און דערפאַר וועלען מיר גיין מיט אָפענע אויגען אַפילו אין דער פינסטער. אויב דער לערער וועט זאָגען: „לויף דורכ'ן שטראָם!" — הייסט עס, אַז דער באָדען איז אויסגעפּאָרשט, נאָר טרעף מיט אַ פוס אויף אַ שטיין.

איינער וועט אָנהייבען בויען אַ בריק, דער אַנדערער וועט דינגען אַ שווימער, דער דריטער וועט זיך זעצען וואַרטען ביז דער טייך וועט אָפּפאַלען, אָבער עס וועט זיך געפינען אימיצער, וואָס וועט שפּינען דעם זילבערנעם פאָדים פון גייסט און וועט איבער אים אַריבערגיין אָהן דער שווערקייט פון קערפּער, ווייל איך וועל אויף זיך נעמען זיין שווערקייט.

אַזוי לעבען אונטער איין דאַך די אומפאַרענדערליכקייט און די באַוועגליכקייט — צוויי שוועסטער פון דער העלדענטאַט.

די פּרעכטיגע שטרעבונג ברענגט צום העכערען ליכט.

18. דער וואָס האָט פאַרשטאַנען אַלע גלויבענס, ווער עס איז דורכגעגאַנגען אַלע פעלקער, דער זאָגט: איך וועל יעדען צוטיילען לויט זיין וואוקס. יעדער וועט זיך אויסוועבען זיין בייטעל. יעדער וואָס האָט מורא, וועט מיר באַצאָלען לויט'ן חשבון. אַ שמייכעל פאַר מיין

שונא וועט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ גרימאַסע, ווייל לאָזט מײנע שונאים צו מיר.
ווער עס טראַכט פֿאַלש וועגן זײן ברודער, וועט צובינדען אַ פֿוד צו זײנע אייגענע פּיס. קראַפּיווע וועט פֿאַרהילצערן דעם גייסט. איך קען נישט שיטען קיין גאָלדשטיקער אין דער קראַפּיווע. פֿאַרפּלאַנצען אַ גאָרטען פֿון באַליידיגונגען איז נישט קיין גרויסער כבוד. ווער עס וועט בעסער דערזען, דער וועט שניידען רייף.
די וואָס איך האָב באַגעגענט און האָבען געענטפֿערט, גיט מיר אָפּ מײן טרויער און מײן פֿרייד וועגן אייך. מיט דער קראַפֿט פֿון קריסטוס, מיט דער קראַפֿט פֿון בורא, מיט דער קראַפֿט פֿון משיח, וועלכער איז פֿאַראויסגעזאָגט געוואָרען פֿון די נביאים פֿון אמת.
אַלץ וואָס איז גרויס באַווייזט אונז און שעמט אייך פֿאַר דעם קליינעם ווארים, וואָס ברענגט אונטער די ריכטיגע וואָג. דער וואָס גיט, קען באַקומען.
רעכענט איבער, ווער עס האָט וויפֿיל געגעבען. לאָמיר ריכטיג רעכענען.
לינקס — שרעק, זעלבסטליבע, זשעדנעקייט, פֿאַרדאַכט, פֿאַרקלענערונג, רחמנות צו זיך, דאָס שלעכטע אויסטייטשען פֿון דער לערע, שמוציגע שעפּטשערייען, פֿאַרראַט דורך טאַט אָדער אין געדאַנק.
רעכטס — דאָס אַוועקגעבען, רחמנות צו אַנדערע, דרייסטקייט, פֿורכטלאָזיגקייט, איבערגעבענקייט, אומפֿאַרענדערליכקייט, קלאָרער בליק, באַוועגליכקייט, דאָס באַוואוסטזײן פֿונ׳ם שילד, דער וועג און דאָס ליכט פֿון דער העלדענ־

טאָט, די באַשיינונג פון'ם טעמפּעל פון גייסט, די גע־
רעכטיגקייט פון פאַרשטיין, די דערהויבונג פון גליק.
לינקס היזק און צאַלונג. רעכטס — דאָס באַקומען.
יעדער וועט אַליין אָפּמעסטען, ווייל מיר זעען און מיר
הערען. ווייל עס איז נישטאָ קיין טאָג, נישט קיין נאַכט.
און דער שליח זאָמעלט שוין דאָס פערד. איך שיק אייך
מיין גליקוואונש, וואָס איז דורך יאָרהונדערטערטער פאַר־
שלאָסען, דעם שליסעל דערצו האַלט ריין, אַזוי זאָלט איר
אָנזאָגען.

19. דער משל וועגען דעם, וועלכער האָט געפרעגט:
דגול נאַרר'ן האָט מען גערעכענט פאַר דעם קלוגסטען.
ער האָט געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַ לערער פון'ם
הייליגען אונטערערדישען לאַנד, נאָר ער האָט נישט געהאַט
קיין צונג און קיין רעכטע האַנט.

דער שטרעבענדיגער תלמיד האָט געשטעלט אַ פראַגע
און דער לערער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. דער
תלמיד האָט געשטעלט צוויי פראַגען און דער לערער האָט
צוויי מאָל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. באַלד האָט דער
תלמיד אָהן אויפהער געשטעלט פראַגען און דער לע־
רער האָט כסדר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דריי יאָר האָט
געדויערט דאָס פרעגען און דריי יאָר האָט דער לערער
מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט. „הייסט עס, לויט דיין דער־
פאַרונג, טרעפט אַלץ?" און דער לערער האָט נישט נאָר
צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, נאָר האָט זיך אויך פאַרנייגט
צו דער ערד, אָפּדעקענדיג זיין מאַנטעל ביי דער ברוסט.
האָט ער געוויזען אַן'אָפּבילד פון'ם געבענשטען, וואָס

גיט מיטביידע הענט. אזוי איז באשטעטיגט געווארען די חכמה און עס איז געגרויסט געווארען די שעפּפונג פון לעבען.

אין דער אמת׳ן אין אנ׳איינציגען זיפץ פארשטייען מיר דעם רוים. און קיין שום ווארט וועט נישט איבערגעבען די אומאומפאסבארקייט. און קיין שום געדאנק וועט נישט אריינגעמען אין זיך דאס ליכט.

נאר אויפשטייענדיג פאר דער זון און ביי איר אויפגאנג און אננעמענדיג א שטראל אין דעם זוניגען צונויפוועב, קען מען דערפילען דעם זיג איבער דעם אקעאן, ווייל מען קען זיך צורירען מיט ליכט צום ליכט פון גייסט.

אבער דאס באוואוסטזיין איז בלויז אין גייסט, וועלכער קען זאגען — „איך האב אלץ אפגעגעבען, כדי אלץ אנצונעמען". און דערפאר האט נישט דאס פארלייקענען, נאר דאס באשטעטיגען — בורא׳ס האנט איבער זיך.

20. פליהונגען פון לייכטען קרעפּער זיינען פאראן צוויי־ערליי: אדער זי פליסט ארויס פון די פיס און בלאנקעט אהן א ציל, אדער, דורכגייענדיג דורך די אויבערשטע צענטרען, פליט זי איבער גייסטיגע אויפגאבען. אויגענבליקליך טראגט זי זיך אריבער איבער אקעאנען, לערנט מענשען, פילט אן אורעס.

מען מוז זאגען, אז בלויז אויסערגעוויינליכע אנשטרענגונגען און ערפינדערישקייט קענען צווינגען צו קאנצענטרירען די באריהרונג אויף א פיזישער זאך. ווייל דער גייסט שטרעבט געוויינליך צו ווירקען אויפ׳ן גייסט, נישט איינ־

זעענדיג, אז זאכען קענען זיין אויסגעצייכענטע פירער.

נישט נאר דער אסטראל, נאר אויך דער מענטאל ווירקט. פארשטייט זיך, אויך דער אסטראל גייט ארויס, נאר מיר שעצען נישט די ווירקונג פונ׳ם אסטראל. פאר אונז איז דאס באוואוסטזיין פונ׳ם מענטאל וויכטיגער. שארפער מאכען דעם שפיץ פון דער קראפט איז נישט אזוי איינפאך.

21. צופרידענקייט און וואכזאמקייט זיינען די צוויי מיטרייזענדע פון אונזערע טאטען. ווען מענשען וואלטען געקענט זען דעם רעזולטאט פון זייער אומצופרידענקייט! ווען מענשען וואלטען געקענט פארשטיין דעם טויט פון דרימלען, וואלטען זיי אויסגעמידען צוויי הויפט־מיטארבייטער פון פינסטערניש. די ביטערע גיפט־צונג פון אומצופרידענקייט דרינגט דורך אפילו אין די בעסטע ערטער. דאס טעמפע דרימלען פארנעפעלט דעם קאפ פונ׳ם זיגער.

ווען איר קענט די זארג וועגען זיך, וועט איר זי דען אפברענען מיט אומצופרידענקייט, וועלכע האט צושפאלטען גרויסע טאטען און האט ארויסגערופען דעם בלייץ צו דעם וואס האט זי געשיקט.

געדענקט, ביי אונז זיינען נישטא קיין אומצופרידענע. און אויך נישט קיין דרימלען, מיט וועלכען עס באשפריצט אייך א פינסטערע קראפט.

איז דען אין די גיפטיגע ארא‌מאטען נישט באהאלטען די פארשטיינערונג? די פארשלאפענקייט איז נישט

אונזער שוועסטער. די וואָס רירען זיך צום ליכט, וועלען זיך נישט דורכשטעכען מיט דער אומצופרידענקייט און וועלען נישט פאַרשטיינערט ווערען.
די פאַרשלאָפענקייט, די דערשיינונגען פון שטויב דאַרף מען אויסמיידען. די דערשיינונג פון שילד דאַרף מען הויכ־שעצען.
נאָך איינמאָל וועל איך איבער׳חזר׳ן, נאָר מער קען איך נישט, ווייל דאָס געזעץ פאַרביט איבערצו׳חזר׳ן צו טויבע.

VII

1. זאָגט די נייע, מען דאַרף באַקענען די פאַראַנט־וואָרטליכקייט פאַר געדאַנקען.
אַמאָל איז מען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר טאַטען, דערנאָך האָט מען פאַרשטאַנען די באַטייטונג פון וואָרט, איצט איז צייט צו וויסען די שריפה פון געדאַנק. עס איז בעסער צו קענען שווייגען און אָפּצוריינציגען די געדאַנקען.
קען דען דאָס ברומען פונ׳ם טיגער זיין ערגער פון פאַר־רעטערישע געדאַנקען ? נישט נאָר פאַר טאַטען, נאָר אפילו פאַר געדאַנקען זאַמעלט די מענשהייט אָן אַ שווערע קאַרמאַ. פאַר אַ געדאַנק ערוואַרבט זיך דער גייסט פיין, ווייל עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישען וואָרט און געדאַנק.
אומזיניג איז דער, וואָס וועט אָננעמען די וואָרנונג פאַר אַ דראָאונג. קיין דראָאונג עקזיסטירט נישט, נאָר מיר

האָבען בלויז ביישפּילען און זאַרגען. יעדער איז פריי צו שפּרינגען אין תהום אריין, נאָר מען דאַרף וואָרענען.
איך מיין, אז איצט איז נישט נויטיג מער איבערצו־חזר'ן וועגען דער באַטייטונג פון געדאַנק.
כאָטש די צייט איז אַ מיסטיגע, לאָמיר בעסער טראַכ־טען וועגען דער צוקונפט.

2. יעדער וועט אַליין אָפּוועגען. מען קען פון'ם בעס־טען פּלאַן מאַכען אַ הינערשטייג.
אָפּמעסטען גאָלד און זילבער איז נישט אונזער באַשעפטי־גונג. מען דאַרף פארגעסען אַלע באַדינגונגען, דאַמאָלס צינדט זיך אָן דאָס ליכט. יעדער פריידיגער פאַרלוסט איז אַ געווינס אָהן אַ מאָס.
די דרייסטקייט פון פאַרצווייפלונג איז זעלבסטאָפּפערונג.
נאָר די העכערע דרייסטקייט וואַרט נישט אויף קיין לוין.
פאַרצווייפלונג וואַרט נישט אויף קיין לוין.

אויף אונזער שפּראַך איז פאַרצווייפלונג דער נאָמען פון דער גרענעץ. די העלדענטאַט איז נאָנט צו אַט דער גרע־נעץ. מען קען איר הויז אָנ'אייזערנעם ריגעל צושרויפען.
איך קלאַפּ אויפ'ן רעגען, פאַרוואָס האָט מען בלויז מורא פאַר'ן בליץ?
טיילמאָל אַנטהאַלט דעם בעטלער'ס טאָרבע אַ גרעסערע שרעק.

3. „די לעגענדע וועגען קריסטוס'ן". עס איז שוין אָוועקגעגאנגען. קריסטוס איז געזעסען אויף דער שוועל. איז פאַרבייגעגאַנגען דער בוד־מענש און האָט

געפרעגט: „פארוואס זיצסטו אויפ'ן דורכגאנג?" האט קריסטוס געענטפערט: — „ווייל איך בין די שוועל צום גייסט. אויב דו ווילסט אריבערגיין, גיי אריבער איבער מיר".

האט א נייער בוד־מענש געפרעגט: „איז דאס אמת, אז דוד'ס זוהן זיצט אויף א הינטיש ארט?" האט קריסטוס געענטפערט: „אמת, דו לעסטערט דוד'ן, מיין פאטער".

עס איז פינסטער געווארן און א דריטער בוד־מענש האט געפרעגט: „וואס זיצסטו, אזוי ווי דו וואלסט מורא גע־האט פאר דיין אייגען הויז?" האט קריסטוס געענט־פערט: „איך ווארט, אז די פינסטערניש פון דער נאכט זאל מיך באפרייען פון דיין פנים. באמת פינסטער־ניש. גיי אוועק אין דער פינסטערניש. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען און האט אנגעוויזען אויפ'ן בארג מוריה, וואו דער טעמפעל איז געשטאנען. — מיין זיידע האט באשאפען א שטיינערנעם טעמפעל, נאר ער זיצט אונטער דער לייוונט פון זיין געצעלט.

האט געזאגט דער בוד־מענש: — נאר, ער פארערט שלמה'ן גלייך ער וואלט געלעבט. און זיי זיינען אוועק אין אומוויסענהייט.

דערנאך איז מרים ארויסגעגאנגען פון הויז, און דערזעענ־דיג קריסטוס'ן, האט זי געזאגט:

„צוטייל, לערער, אונזער אווענטברויט".

קריסטוס האט געענטפערט: „די מתנה פון הארץ לייכט אין דער פינסטער".

4. „די לעגענדע וועגן קריסטוס'ן". איינער פון די סנהדרין האט געפרעגט קריסטוס'ן — „וואלסטו געקומען צו אונז, ווען מיר זאלן דיך רופן?" קריסטוס האט גע־ענטפערט — „איך וועל בעסער גיין אויפ'ן בית־עולם, ווייל דארט איז קיין ליגן נישטא".

האט דער פון די סנהדרין ווייטער גערעדט: — „פארוואס אנערקענסטו אונז נישט, ווען אונזער מיטגליד האט אפילו דיין פאטער חתונה געמאכט".

„ווארט ביז אייער הויז וועט חרוב ווערן, דאמאלס וועלן מיר קומען".

„צו וואס וועט איר קומען, צושטערן אדער אויפבויען?"
„נישט קיין צושטערונג, און נישט קיין אויפבויאונג, נאר די אפרייניגונג, ווייל איך וועל מיך נישט ווענדן צו קיין אלט אש".

„וואס־זשע מיינסטו, דו גיסט נישט אפ קיין כבוד דיינע אבות?"

„נייע געפעסן דערלאנגט מען אויף דער סעודה, אפגע־בענדיג כבוד דעם זיידן, טרינקט מען נישט פון זיין כוס".

5. „די לעגענדעס וועגן בודא'ן". א פאסטוך האט דערזען אונטער א בוים א מענש, וואס איז געזעסן פאר־טראכט. ער האט זיך צוגעזעצט נעבן אים און גע־פרואווט זיך פארטראכטן, נאכטוענדיג דעם מענשן. ער האט אנגעהויבן איבערצוציילן זיינע שעפסן און איבערוועגן איז געדאנק די פארדינסטן פון זייער וואל.

ביידע זיינען געזעסען שווייגענדיג, ביז דער פּאסטוך האָט געפרעגט:

„האָר, וועגען וואָס טראַכסטו?" — האָט יענער געזאָגט: „וועגען גאָט".

האָט דער פּאסטוך געפרעגט: „ווייסטו וועגען וואָס איך האָב געטראַכט?"

„אויך וועגען גאָט". — „מאַכסט אַ טעות, וועגען דעם, צי עס לוינט זיך צו פאַרקויפען מיין וואָל".

„אין דער אמת'ן אויך וועגען גאָט, נאָר מיין גאָט האָט נישט וואָס צו פאַרקויפען, און דיין גאָט דאַרף צו ערשט גיין אויפ'ן מאַרק. אָבער קען זיין, אַז ער וועט אויפ'ן וועג באַגעגענען אַ גזלן, וואָס וועט אים העלפען ווענדען זיך צו דעם בוים".

אזוי האָט געזאָגט גאוטאמא: „גייט אין מאַרק אַריין, באַטראַכט זיך גיכער, און קומט צוריק".

אויף אַ שיף איז געפאָרען אַ הענדלער פון מאַלפּעס. ווען ער האָט צייט געהאַט, האָט ער זיי אויסגעלערענט נאָכמאַ־כען די מאַטראָזען, ווי אַזוי זיי האָבען צולאָזט די זעגלען. אָבער עס איז אָנגעקומען אַ שטורם, די מאַטראָזען האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צוצוקלייבען די שטריק. די מאַל־פּעס אָבער, וויסענדיג בלויז ווי אַזוי צוצולאָזען די זעג־לען, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען און האָבען אָנגעצויגען די שטריק. די שיף איז אונטערגעגאַנגען, ווייל דער לערער האָט פאַראויסגעזען בלויז אַ קלאָר וועטער. אזוי האָט געזאָגט בודא — דער באַנייער פון'ם לאַטאַס פון לעבען.

6. איר וועט פרעגן, פאַרוואָס איך רעד געגען כשוף, ווען איך ווייז אַליין אַז אויף דער צעמענטירונג פונ׳ם רוים, אויף דער באַטייטונג פון דער ווירקונג פונ׳ם קרייז און אויף אַנדערע באַדינגונגען, וואָס דערמאָנען כשוף.
אָבער דער אונטערשיד איז אין דעם, וואָס כשוף שטעלט פאָר אַ סוראָגאַט פון לעבן, מיר אָבער לערנען צו פאַרבעסערן די עקזיסטענץ, אַרויסגייענדיג פון די מעגליכקייטן פון לעבן אַליין.

7. עס איז גוט צו זאָגן: „לעזט בעסער די אַלטע באַפעלן. איך לערן דאָס נייע, ווען דאָס אַלטע איז שוין באַנוצט. איך לערן דאָס נוצליכע, ווען מען איז אַריבער אין אַ דורכגעטראַכטער, אָנגעוויזענער און אָנגענומענער קאָאָפּערירונג.
דאָס פאַרציִנען קומט בעסער פאָר, ווען דאָס פייער ברינט נישט אָפּ. דער ערפאָלג פאַרצינט זיך, ווען זיין הייטעל איז פאַרענדיגט אין גייסט.
עס אַרבייט דער האַמער און עס סקריפּען די קייטן און די גראָע מענשען האַלטן ווייטער אין געפינען פאַרגעניגען אינ׳ם כוס פון לעסטערונג. און זיי וויסן נישט, אַז אומבאַמערקט האָט זיך איבערגערוקט דער ווייזער פונ׳ם זייגער, און אַז מאָרגן וועלן זיך פאַרמאַכן די טירען פון זייערע דורכגעטריבענע פאַרגעניגענס און מיין טויערהיטער וועט זיי זאָגן:
„אין דער פרי האָט מען אויפגעבויט אַ מזבח דעם הערשער פון דער אַלוויזהייט.“ און די גראָע וועלן אַוועק. שטרענג און אומבויגזאַם שטייען מיינע היטערס, עס איז

ניִשט צו פֿאַרגלייכן דאָס שטאָל פֿון זייערע קאַסקעס מיט'ן גאָלד פֿון די גראָע.

8. די צושיידונג קומט פֿאַר דער באַגעגעניש, די באַגעגעניש קומט פֿאַר דער צושיידונג, דערפֿאַר איז קליגער צו פֿרייען זיך מיט דער צושיידונג.

אַ באַפֿעל צו אַלע קריגער. — ווען אימיצער פֿאַלט אַרויס, דאַרף מען דאָך גיין אין דער פֿריריגער ריכטונג. ווען די פֿאָן פֿלאַטערט לויפֿן נישט די קריגער. ווען די נאַכט־פֿייערן ברענען, דרוקען זיך נישט די קריגער און פֿאַרנעמען נישט קיין פֿרעמד אָרט ווען דער צייכן פֿאַר'ן נאַכט־מאַרש איז געגעבן, קלאַגן זיך נישט די קריגער און זיי גייען פֿאַרזיכטיג.

פֿאַר יעדער דערשיינונג האָט איר באַמערקט אַזוי ווי אַ מאָמענט פֿון פּוסטקייט אָדער פֿון קאָסמישער שטילקייט. פֿון קליינע ביז גרויסע איז אָט דער מאָמענט פּראָפּאָרציאָנעל. פֿאַרשטייט זיך, אַזוי ווי עס שפּאַרט זיך אָן די פֿיזישע וועלט, דורכלאָזענדיג דעם גייסטיגן אויסשאָס. דערפֿאַר איז עס אַ שווערע דערשיינונג אַרויסצופֿירען די פֿיזישע וועלט פֿון אינערציע.

9. אונזער אידעאַל איז נישט צו זיין לערער, נאָר מיטאַרבעטער. אָבער צו דעם איז נויטיג אַ פֿעסט באַוואוסט־זיין, אַז פֿולשטענדיג אַלץ וועט געגענזייטיג געבראַכט ווערען צונוצען. ווען די סמנים פֿון אַזאַ ברענגען זענען באַוויזען, דאַמאָלס אַנטשטייט די באַהערשונג פֿון דער פֿיזישער וועלט. אין די ערדישע קירכען רופֿט מען קריסטוס'ן און מען וואונדערט זיך איבער זיין שווייגען. אין דער צייט פֿילט

איר, ווי מען קען אים באַלעבן אין מיטן דעם ערדישן לעבן, נישט אַנטוענדיג קיין זאַך. און נישט אויפטרייסלענדיג דעם רוים מיט אומצופרידענקייט, אַזוי ווערן געשמידט די פּלענער.

10. אַזוי ווי פאַרשידענע ים'ען האָבן פאַרשידענע כוואַליעס, אַזוי דאַרף די צוציהונג פונ'ם רוים באַפעסטיגט זיין אויף פאַרשידענע אופנים. נישט נאָר מיט'ן אינהאַלט, נאָר אויך דאָס באַנוצען ווערט אַ סך פאַרשטאַרקט.

11. דאָס שרעקליכסטע איז צו זאָגען — מיר האָבען שוין דערגרייכט. דער לערער אַליין וועט קיינמאָל נישט זאָגען אָט די צושטערענדיגע פאָרמעל.

מיר קענען דעם פּלאַן און מיר דערגרייכען אָהן אויפהער איינצעלהייטען.

12. פאַרוואָס פיל איך דעם גייסט פון אויבען ? דער לערער שיקט זיין שילד.

דער לערער וויל זען איר זאָלט בערג באַשאַפען.

דער לערער שטרעבט צו זען, ווי קיין זאַך זאָל אייך נישט אַנטווישען.

דער לערער פילט ווי בראַוו איר מוזט גיין.

דער לערער וועט אַנווייזען, ווען אַנ'ערנסטע געפאַר וועט אָנקומען.

דער לערער ראַט צו האַלטען גרייט די דרייסטקייט.

דער לערער וועט העלפען ווי אַפילו אַ בייזע האַנט צו באַנוצען.

דער לערער חזר'ט נישט אומזעסט איבער די לאַנג־באַקאַנטע געדאַנקען.

דער לערער קוקט פאראוים.

דער לערער ווייזט אז צו האלטען דעם גייסט אומבויגזאם.

דערש לערער וויל פארטרייבען די מורא.

דער לערער וויל אייער גורל מאכען רוהיג.

דער לערער האלט אפ הארצווייטאג פון אייד.

דער לערער ראט די מוטיגע איינפאלען צו טראכטען ווי אמאל.

דער לערער זארגט זיך וועגען אייער געזונט.

דער לערער שיקט פארען.

דער לערער האט גענוג געווארענט.

13. לערענענדיג וועגען קרבן באקומט איר מאכט. נאך א קרבן קומט דערפאלג. זיין לערע איז דויערהאפט, ווייל זי איז געגרינדעט אויף א קרבן. דער דערפאלג איז נישט עפעס אנדערש ווי דער צוריק־קלאפ פונ׳ם קרבן. אויף־בארג קען דער דערפאלג געשיקט ווערען פאר דעם קרבן, נאר גרויזאם איז דער גורל פונ׳ם בעל חוב. אויב מעז קען היינט צאלען מיט קליינעם, וואקסט איבעראיאר דאס געצאלט. א יאר וועט נישט פארביי, ווי דער בעל חוב וועט גיין איינגעבויגען.

איך וועל אנווייזען מיט א משל, — דער געפאנגענער האט אפגעהאלטען צו אנערקענען פארברעכען, נאר אין דער היים איז געווען א פארלאזען רייכטום, וועלכעס ער האט אומערווארט באקומען. דאס גערויש פון יעדען שריט האט אים דערמאנט פארגעבונג, ער האט געשיקט שליחים, אוועקצוגעבען דעם שופט דאס רייכטום. נאר דאס איינפאכע בא־

וואוסטזיין וואָלט אים באַפרייט און וואָלט אים אָפּגעהיטען דאָס רייכטום.

אָבער עס איז גרינגער פאַר אַ מענש צו זיצען אין תפיסה, איידער אַרויסצורעדען רעטענדע ווערטער פון מודה זיין זיך. ווען אַ ריכטער באַפרייט, דאַרף ער הערען דעם רע־טענדרען — יאָ. איר דאַרפט באַגערען אַוועקצוגעבען.

14. די רינגען פון ראיה און געהער. — דאָס ערשטע האָט צו טאָן מיט נאָנטע מענשען און דערשיינונגען פון דער צוקונפט. דאָס צווייטע באַגרעניצט זיך מיט די טאַטען פון דער געגענוואַרט און דער נאָנטער צוקונפט. דאָס דריטע — נעמט אַרום די פאַרגאַנגענהייט, וואָס באַרירט די נאָנטע. דאָס פערטע נעמט אַרום פאַרגאַנגענע געשעענישען. דאָס פינפטע — אין די גרעניצען פון דער היינטיגער וועלט. דאָס זעקסטע — באַווייזט די צוקונפט פון וועלט־שטראָמען. דאָס זיבעטע — שליסט איין אַלע סמנים.

מען קען זיין אַ שטאַרקער אינ׳ם ערשטען רינג אָהן דער מעגליכקייט צו באַהערשען דעם נעכסטען, דערפאַר איז בעסער צו אַנטוויקלען דעם זיבעטען רינג, ווייל אים זענען צוגענגליך אַלע דערשיינונגען, אָבער אָהן דער פּערזענליכער צוציהונג — אָהן דער באַגרעניצונג מיט דער פּערזענליכער, כמעט ענגער ספערע. נאָך בעסער, ווען מען קען נאָך אַ פּערזענליכען ציכען באַקומען וועגען דער באַוועגונג פון לענדער אָדער דורכבליצען פון דער קאָסמישער אָרדנונג.

מען דאַרף וויסען, אַז דאָס באַוואוסטזיין פון שיינקייט לעבט זער זעלטען צווישען דער גייסטיקייט. דאָס שכל׳דיגע פאַר־

שטיין איז די זעלטענסטע אייגענשאַפט, וועלכע די אַלהער־שער וועלען שעצען העכער פון אַ סך אַנדערע.

עס איז בעסער שווערער צוצוגיין צום שווערען, איידער לייכט צו באַהערשען דאָס קליינע.

מיט אַ ריי היסטאָרישע ביישפּילען וועלען מיר ווייזען דעם וועג פון אַנטוויקלונג.

15. דער צושטאַנד פון אָפענע אוצרות ווערט אָנגערופען אין די אוראַלטע קולטען, ווען די פּריסטעריין האָט זיך שוין געפונען אין אַכטען שטאָק, וואוהין דער איינגאַנג איז געווען פאַרבאָטען, און די שטיגען זענען געווען איינגעהילט אין דער פעל פון אַ לעמפּערט, אַז קיין קלאַנג זאָל נישט דערגיין. דעם צושטאַנד פון אָפענע אוצרות האָט מען אַזוי ווייט געערט, אַז דאָס שטערען די רוה איז באַשטראָפט געוואָרען אַלס אַ רעליגיעז פאַרברעכען.

אַלץ וואָס איז אומהאַרמאָניש שטערט באַזונדער, דערפאַר איז דער קלאַפּ פון אַ דונער ווייניגער געפערליך, איידער דאָס פּיסטשען פון אַ נייגעבוירענעם. דאָס איז אַנ׳איינפאַכער אמת, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרשריבען געוואָרען. מען קען אַבסאָלוט נישט דורכפירען טעאָרעטיש קיין גרעניץ פאַר האַרמאָניע, ווייל די טאָנאַרט פונ׳ם געבוי פון גייסטיקייט איז אינדיווידועל.

די אוראַלטע האָבען געוואוסט, אַז אוצרות חזר׳ען זיך נישט איבער און האָבען זיי געהיטען פון צופאַלען. אין מיטען עפענען די אוצרות, האָט דער לעצטער פון טעמפּעל אַכטונג געגעבען, וואָסערע גאַמע קלאַנגען עס האָט מער באַרירט. אַ

קלאַנג איז באַגלייט געוואָרען פון אַ באַשטימטען קאָליר —
אַזוי האָט מען געפונען באַדינגונגען פאַר יעדען פאַל.

16. דער שמייכעל פון אַנטשלאָסענקייט איז דער בעס־טער פירער. מען דאַרף אַנערקענען דעם ציל און אַריינלייגען זיך אין פּלאַן פּונ׳ם לערער.

יעדער באַגער איז שעדליך, נאָר די שטרעבונג צו אַ העל־דענטאַט איז נויטיג. אַ באַגער איז נישט קיין העלדענטאַט. אַ העלדענטאַט איז דאָס אַנערקענען אַ נויטווענדיגקייט. אַ באַגער קען וואַקסען. פון אַ באַגער קען מען זיך אָפּזאָגען אָדער אים ענדערען. אַ שטראָם שטרעבט נישט לויט זיין באַגער, נאָר דורך דער אומפאַרמיידליכקייט פון דער נויט־וועגדיגקייט.

דער גייסט ווייסט וואו די אָנשטויסען פון באַגער זיינען און וואו עס איז דער פעלז פון נויטוועגדיגקייטען. איך זעה, ווי דער שטראָם פון אמת טראָגט זיך, קיין זאַך קען אים נישט פאַרשטעלען דעם וועג.

ווי אָפט די הערשערס נאָמען, אויב מען רעדט אים נאָר אַרויס מיט גלויבען העלפט באַשאַפען די בריק פון הילף.
מיר זעען, אַז ווייט נישט אַלץ איז שיין. ביי דער אַרבעט איבער דער מענשהייט דאַרף מען אָפט די הענט וואַשען.
און ווען עס איז אייך אַמאָל שווער, לייגט עס נישט אַרויף אויף זיך, נאָר געדענקט וועגען די כוואַליעס פון דער וועלט־ווירקונג.

בלויז מיט׳ן באַוואוסטזיין פון פאַלשטענדיגער נויטוועגדיג־קייט וועט איר אַריבערשווימען.

אָט איז אַ מוסטער פון דער אַרבעט פון די פינסטערע —

צוערשט איינצופלאנצען אומגלויבען, דערנאך צו דערטרינקען מיט באגערען און צובלאזען זיי אין פארברעכענס און צוזאַמענקלייבען א טאפעלטע גערעטעניש.

טראכט צו, ווי אזוי פארשטענדליכער צו זיין דער מענשהייט. מיר האבען, א חוץ דער הייליגער שפראך, א שפראך פון שווייגען.

די פארשאלטענע שפראך פון אפזאג און אפלייקענונג רייסט די ברעגען פון די קליידער.

17. ווענדענדיג זיך רעכטס, זייט גרייט צו גיין לינקס, און צוקומענדיג צו א ברעג, זייט גרייט אפצושווימען, ווייל יעדער באפעל איז צום גליק און צום פארשנעלערען.

פילענדיג שטילקייט, האלט איין דעם אטעם, ווייל טריט קענען זיך דערהערען.

עס איז בעסער עטליכע אומאנגענעמליכקייטען, אבער דערפאר די דערנענטערונג פון פאסירונגען, בעסער איז נישט די לאנגע פארמאטערונג, נאר דערפאר איז דער צוגאנג צום לערער נאנט. עס איז בעסער די פארטיפונג אין שטויב, אבער דערפאר די אפרייניגונג פון גייסט. עס איז בעסער דער אפזאג פון די קאנווענציאנעלע מאסען, אבער דערפאר די באהערשונג מיט'ן ליכט. עס איז בעסער צו באדויערען דעם שטראל, אבער דערפאר דאס ליכט פון קריסטוס'ן. עס איז בעסער צו געבען אנדערע, אבער דערפאר די הויכע אנטציקונג פונ'ם גייסט. עס איז בעסער דעם גייסט אונטערצוווארפען דעם באפעל, אבער דערפאר דאס צוגיין צום לערער אליין. אין אמת'ן דארפט איר קענען היטען און אפהיטען.

און ווען איר פילט א וואונדער־מעשה׳לע, דאמאלס רעדט אייער גייסט דעם אמת. און ווען איר פירט איבער א שטריך פונ׳ם צוקונפטיגען לעבען — לייכט אונזער שפיגעל. און ווען איר ציילט די טיילען פון דער וועלט — ציטערט אונזער פאן. און ווען איר קוקט מיט אנ׳אדלער אויג איבער׳ן רוים — קלאפט אן דאס ליכט אין מיין טורעם.

אט פארוואס, ווען איר טראכט פון אלגעמיינער באהערשונג אדער וועגען אויסהייבען די מענשהייט, פילען מיר פליג־לען. יאגט אוועק קלייניקע געדאנקען, זיי דערשטיקען אונז.

18. אזוי ווי אין א קארטען־שפיל קענט איר באקומען די בעסטע קארטען, אבער פון אייך אליין העננט עס אפ אויסצונוצען זיי אמבעסטען.

איך רעד וועגען די בילדער פון דער צוקונפט — אין פאר־גלייך מיט דער קוואליטעט פון די אורעס זעגען אט די בילדער רעאל און עקזיסטירען אין א געוויסער ריכטונג.

פארשטייט זיך, דער בייזער ווילען קען א שטוים טאן דעם וואנדערער אין אנ׳אנדער ריכטונג, און דאמאלס וועט ער דערזען צייכענס פון אנ׳אנדער אייגענשאפט.

דערפאר באקומענדיג די בילדער פון דער צוקונפט, איז וויכ־טיג צו געדענקען ביי וועלכען צושטאנד פון גייסט זיי זענען געגעבען. צו א שטראל ווערט געגעבען א געהעריגע מעגליכ־קייט, אנדערש וואלט די גערעכטיגקייט אנגערירט געווארען. פונקט אזוי דארף מען פארשטיין די באשטימטע צייטען.

צו די קאסמישע צייטען ווערען באנוצט באשטימטע געפעסען און זיי טראגען די קייט פון די מיטארבעטער און דערפאר

ווערט דער איבערבייט פון די מיטארבעטער געמאכט נאך דער דערקלערונג פון די אויסדערוויילטע.

אויב מיר באמערקן די הינקענדיגקייט פונ'ם מיטארבעטער, פארבייטען מיר אים דאך אלע נישט אהן דעם פארלאנג פון די עלצטע. אויב אבער דער גייסט פון די אויסדערוויילטע אנערקענט די פארעטערישקייט פון דער ארבעט, דאן זאל ער זיך ווענדען צו אונז, זאגענדיג — גאראנטירער אונזערער פארבייט דעם מיטארבעטער — דאס וועט הייסען, אז דאס רינגעל פון דער קייט האט זיך געעפענט און דאס באוואוסטזיין פון די אויסדערוויילטע וועט זיך באפרייען פון די פאלגען פון דעם אוועקגעגאנגענעם'ס אורע. ער אבער נעמט אויף זיך זיין שיקזאל, ווייל יעדער איז פריי צו בויען זיין אייגענע הויז.

מיר קענען רופען, מיר קענען ווייזען בילדער פון דער פאסיגער ריכטונג, אבער דאס באנוצען אונזער רוף ווערט איבערגעלאזט צום גוטען ווילען.

בלויז איבערגעבענקייט אוי דאס באוואוסטזיין פון פארשטענדעניש פונ'ם פלאן פארזיכערט די רעאליטעט פון די בילדער פון דער צוקונפט.

פון די בערג זעט מען ווייטען, דער באגער אריינצוקריכען אין א גרוב קען בלויז באוויינט ווערען.

אין די פארגאנגענע יארהונדערטען האט זיך א בעל חוב אריינגעווארפען אין א גרוב, וואס האט געהייסען גהינום — צו וואס אריינקריכען אהין מיט'ן גוטען ווילען! אזוי וועלען מיר פארענדיגען וועגען דער לעבעדיגקייט פון באשטימטע צייטען אין די שפיגלען פון דער צוקונפט.

איך וויל זען אַלע אויף זייערע ערטער — מער באוואוסטזיין פון העלדענטאַט אַהן דער דערוואַרטונג פון פערזענליכע נוצען. הייסט דען ווירקליך אַ העלד דער קריגער, וואָס גייט אין מלחמה אריין, פול מיט ערוואַרטונג צו באקומען אַ באַלוינונג ?

אין פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטען איז מאָהאַמעט'ן דעם לערער אויסגעקומען צוצוזאַגען די קריגער פון איסלאַם פאַרגעני־גענס אין גן עדן, וועט מיר טאַקע אויסקומען צוצוזאַגען דאָס פינקלען פון רובינען ? מען דאַרף גיין אַהן דערוואַר־טונג, אַז נישט איז ביטער פאַר דער פאַרלווירענער צייט פון דער איבינגער עוואָלוציע.

19. א י צ ט ו ו ע ל ע ן מ י ר ע נ ד י ג ע ן ד אָ ס ג ע ז ע ץ פ ו ן ג ל י י כ מ אָ ס י ג ק י י ט. דער בויער דאַרף וויסען מיט וואָס אָנצופאַקען די זיילען פון הויז.

פון אומגלייכמאָסיגקייט קומען פאַר — חורבן, לעסטערונג, ליגען, פאַרראַט און אַלע מיאוסע דערשיינונגען.

קען דען איינשטיין אַ געביידע וואו מען שרייבט צו אַ פלוי די אייגענשאַפט פון אַ גיגאַנט. וואו אַ קאַטשערע זוכט מען מער ווי גאָט. וואו אַ שטורעם־ווינט ווערט פאַרגליכען מיט'ן פליה פון אַ קאָמאַר ?

די באַדינגונג פון ברודערשאַפט איז די פולע גלייכמאָסיגקייט פונ'ם געדאַנק און פון אויסדרוק — דאָס איז דער גרונט פונ'ם אמת פון שיינקייט. איינאיבען זיך אין לעבען איז גרינג אָהן פאַרשווייגען און איבערטרייבונג.

מיר שפירען נאָך אויפמערקזאַם די מיטאַרבעטער, אַז זייער

אויסדרוק זאָל זיין גלייך צו זיין באַדייטונג. בלויז אויף אַזאַ אופן קענען מיטאַרבעטען פאַרשידענע באַשעפענישען.
לויט שיינקייט וועט זיין דער בעסטער אורטייל, ווייל עס איז נישט שווער צו זאָגען — „איך וועל אריינלאָזען דעם גיגאַנט אין אַ שאַכטעל אָדער דער אָדלער שוועבט ווי אַ הון“.
ווי אָפט ווערען צושטערט די בעסטע אַפּאַראַטען דורך אומגלייכמאָסיגקייט, וועלכע עס איז לייכט אויסצומיידען ביי קליינער אויפמערקזאַמקייט.

20. לעזענדיג די פאַרגעלייגטע ביכער, וועט איר געפינען פונקען. אין איין קעסטעל לייגט צונויף די אָפּשפּריצלאַך פון פאַרערונג פון מאַיטרעיאַ. אַזוי ווי איבער'ן פנים פון דער ערד האָב איך פאַרלייגט די אָפּשפּריצלאַך פונ'ם איינציגען שטיין. דער נייער נס וועט צוזאַמענעמען די פעלקער. אונזער שטראַל וועט פאַרטרייבען דעם צווייפעל.
די קנופּען פון העלדענטאַט זענען ענליך צו דער אַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע. עס ציטערט נישט די האַנט אָפּמעסטענדיק די פּראָביר־פליסיגקייט, ווייל דער אויספאָרשער ווייסט, אַז דער פאַרגאָסענער טראָפען קען אויפרייסען דאָס הויז. נאָר דער גלויבען און די דרייסטקייט האַלטען די האַנט פונ'ם אויספאָרשער.

VIII

1. קריסטוסעס שטראַל איז אויך באַלערענד, אַזוי ווי אַ שטראַל פון דער זון. נאָר פאַר מאַסען איז דאָס איינפאַכע געפונען אַ זאַך שוין אַ נס. איז דען דער איבערבייט פון

ראַסען אַ נס ? איז דען דאָס קומען פון לערער אַ נס ?
איז דען די דערשיינונג פון קריסטוס׳ן אַ נס ? זאָגט מען
דען שוין פון יאָרהונדערטען נביאות וועגען דעם נס ? דער נס
שטערט די האַרמאָניע, אין דער צייט וואָס די קאָסמישע
געשעענישען באַשטעטיגען בלויז די עוואָלוציע.
חלומות און זעאונגען זענען אויך נישט קיין נסים, אָבער דער
פּאָדים פון לעבען, אָבער טאַקע דאָס באַוואוסטזיין פון דער
וועזענטליכקייט פון דעם וואָס שטייט פאַר, איז אַרויסגע־
וויזען אויף אַזוי פיעל, אַז עס זאָל נישט באַרירען די קאַרמע.

ווען מענשען וואָלטען געקענט אָננעמען חלומות און דאָס
באַוואוסטזיין אָהן פאַראורטיילען וואָלט דער וועג געקענט
פאַרבעסערט ווערען.
די דערשיינונג פון נייע בילדער ווערט אָפט מיאוס איבער־
געבראַכען. אַ שפּיגעל, אָדער ער פאַרמערט, אָדער ער ציט
איין, אַזוי ווי די אויבערפלאַך וואָלט געציטערט פון אומ־
געוויינליכען דרוק.
מען דאַרף זיך פאַרזיכטיג באַציען צו אַזוי גערופענע קאָש־
מאַרען. — זייער באַדייטונג קען זיין וויכטיג.

2. איך וויל זאָגען עפּעס זער וויכטיגס. דאָס געזעץ איז
העכער — „מיט דיין גאָט" — די באַגרינדונג פון אַ נייער
וועלט. אַמאָל האָט מען געלעזען : „און מיין גייסט האָט
זיך דערפרייט מיט גאָט מיין רעטער". איצט אָבער וועט
איר זאָגען : „און מיין גייסט האָט זיך דערפרייט מיט
גאָט — דיין רעטער".
פייערליך זאָג איך — „אין דעם איז די רעטונג". „דיין גאָט

זאָל לעבן!" אַזוי זאָגט יעדן און זיך בייטענדיג מיט גאָט וועט איר גיין צום איינציגן.

דאָרט, וואו מען קען זינקען, דאָרט קען מען ווייך טרעטן, אויב אָהן אָפּלייקונג. דאָרט וואו מען קען דערשטיקט ווערן, דאָרט קען מען דורכגיין, דערמאָנענדיג — „דיין גאָט". דאָרט וואו עס איז פאַראַן כבוד פאַר דער מאַטעריע, דאָרט קענט איר בלויז מיט איר דורכגיין, אָבער דערגרויסענדיג די ערדישע מאַטעריע ביז'ן קאָסמאָס. די הויפּטזאַך, מען דאַרף נאָר נישט קיין צוגעבונדענקייט צו דער ערד.

פאַרוואָס די לעגענדע וועגן קריסטוסעס גיין אין גהינום אַריין? דער לערער האָט זיך געווענדט אין די נידריגע שיכטן פון דער אַסטראַלער וועלט און האָט געזאָגט — „פאַרוואָס זיך אייביג צובונדן צו דער ערד מיט געדאַנקען פון דער ערד?" און אַ סך האָבן ווידערשפּעניגט און האָבן זיך העכער דערהויבן.

אַזוי זאָלט איר געפינען יעדנ'ס גאָט און גרויסן אים. מען קען פאַרשטיין מיט'ן שכל, אָבער עס איז וויכטיג אינ'ם שמייכעל פון גייסט. ווען דאָס שווערסטע ווערט לייכט, אַזוי ווי דער פליה פון פייגעל, פאַראייניגן זיך די שטיינער אליין אין אַ געוועלב — און יעדן וועט זיך אַנפּלעקן קריסטוס דער שטיינהאַקער.

3. דער סינטעז פון גייסטיגקייט איז די זעלטענסטע מתנה, אָט זי טאַקע צינדט אָן דאָס ליכט פון דער וועלט. אין פאַרגלייך מיט'ן ליכט פון דער וועלט איז גאָר נישט צו פאַרגלייכן. דאָס ליכט ברענט אָפּ, אָבער מען זוכט זיין שטראַל.

4. מאַכט נישט קיין שונאים — דאָס איז אַלעמען אַנ'אָנזאָג. קענט די שונאים, היט זיך פאַר זיי, שלאָגט איבער זייערע טאַטען, נאָר טראָגט נישט קיין כעס. און אויב אַ שונא וועט גוטוויליג קומען אונטער אייער דאַך, וואַרעמט אים אָן, ווייל גרויס איז אייער דאַך און דער ניי־אָנגעקומענער וועט נישט פאַרנעמען אייער אָרט. אויב אָבער עס איז שווער צו פאַרבייטען די אָנשטרענגונגען פונ'ם טיפען געפיל, דעקט זשע עס צו מיט אַ שמייכעל פון ליכט.

דאָס געפיל פון אַלטע אויסגעטראַכטע חשבונות איז באמת נישט צום אויסמעסטען מיט'ן פלאַן פון די אַלהערשער. ווייל ווען מען זאָל אַרויפליגען אויף דער וואָגשאָל די טאַטען מיט זייער אורשפרינגליכען קוואַל און די צוגעטראַכטע געדאַנקען, וואָס זענען צוגעטראַכט מיט די אָנשטרענגונגען פון האַס, וועלען די צוגעטראַכטע געדאַנקען זיין שווערער.

אין נאָמען פון גלייכמאָסיגקייט דאַרף מען געפינען דאָס ריכטיגע אָרט פאַר מענשען, אַז נישט וועלען מיר רעדען מיט דער זעלבער שטים וועגען דעם צענטער פונ'ם פלאַנעט און וועגען אַ טינט־פלעק.

אַ פיעסע, וואָס ווערט אָפגעשפילט אין איין טאָג רופט אַרויס אַנ'עקעל, דערפאַר רופען מיר צו פאַרשטיין די פראַקטישקייט פון גלייכמאָסיגקייט.

נאָר אויב איר באַמערקט אַ לאַנגען שמועס וועגען אַ פוסטער שאָלעכץ, שטעלט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון אייער מיטשמועסער אויף דער אומפראַקטישקייט פון נישטיגקייט. מיט אַ סך מענשען איז אָט די דיסציפלין נויטווענדיג. האָט נישט קיין מורא אויב מען וועט אייך רופען משוגעים,

ווייל פאַר אייך איז אָפּען דער וועג. פאַרגעסט נישט צו
ליבען די שונאים. לאָמיר ענדיגען וועגען די שונאים.

5. וועגען דער אומגלייכמאָסיגקייט פון באַשטימטע צייי־
טען. צוזאַמען מיט דער ים־כוואַליע זענען פאַראַן קליינע
שטראָמען פון געשעענישען.

קען מען דען צוזאַמענמישען אַ קליינעם שטראָם מיט אַ ים ?
אָבער אויף דער ערד איילט מען זיך שטענדיג צוזאַמענמישען
דאָס פערזענליכע מיט דעם וועלטליכען. די האַנט טאַפּט
אָן די דיקקייט פון׳ם געוועב, דאַרף דער גייסט אונטערשיידען
די טיפקייט פון געשעענישען.

ווערט נישט מיטגעריסען פון דער מכלומרשטער גרויסקייט
פון די געשעענישען, ווייל צווישען די גרונט־קנופּען קענען
זיין פאַרשידען־פאַרביגע גייסטער און טייכלאַך קענען צייט־
ווייליג בייטען זייער וועג.

אַ מאָמענט פון צופעליגקייט, אָדער שווייגען, אָדער פון אומגע־
זונט דאַרפען נישט אַריינגעצויגען ווערען אין דער כוואַליע.
אַזוי אַז אויב אַ וואַנדערער וועט אָפּרוהען אין וועג, הייסט דאָס
נישט, אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט פון׳ם וועג.

די דערשיינונג פון דער קנופּ־כוואַליע דערהויבט אויגענ־
בליקליך, נישט פאַר יעדער כוואַליע שטאַרבט אָפּ דאָס
שיפעל. דאָס עמפּינדליכסטע שיפעל וועט שטאַרקער אויפ־
ציטערען, ווייל דער שטויב פון אַנ׳אויפריים פילט שוין אָן
די לופט.

דערפאַר דאַרף די גלייכמאָסיגקייט פון באַשטימטע צייטען
און געשעענישען נישט פאַרגעסען ווערען.

באַזונדערס קען די פאַרשנעלערונג פון׳ם שטראָמען באַ־

איינפלוסען דעם ארגאניזם. די קאמפליצירטקייט פון געשעענישען רייסט אפילו טיילמאל אזוי ווי איבער דעם פאדעם, נאר דאס איז בלויז צייטווייליג, ווי לאנג דער ארגאניזם פארדייט די טאפעלטע מאס וועלט־פלוס. דער קאמפלעקס פון פיזישע באדינגונגען קען פארשטארקען די פיזישע עמפפינדונגען — דאמאלס דארף מען נישט מיד ווערען, ווייל די כוואליעס פון ים ווייזען ארויס, אז די ריי איז נאנט.

6. דער ערפאלג פון פארשנעלערונג, פונקט אזוי ווי פון פארלאנגזאמונג גייט אין כוואליעס, דערפאר, באטראכטענדיג די כוואליע פון פארשנעלערונג, דארף מען באווייזען ארייננצורווארפען אין איר וויפיל מעגליך מער קערנער.

7. די געזעצען פון די דערשיינונגען פון די לערער זענען אין איינקלאנג מיט'ן פלאן פון דער גאנצער קולטור. די קארמא קען מען איינוויקלען ווי א ראל און די צייכענס פון דער אוועקגייענדיגער ערדישער מאכט הויבען אן צו פארשווינדען.

די וואס ווייסען די צוקונפט איז שווער זיך צוצקוקען צו אט דעם אוועקגייענדיגען שווינדען. אזוי ווי דער נעכטיגער טאג שטייט דער מארגען. און א טראט ווערט אפגעמאסטען נישט מיט דער מאס פון א פוס, נאר מיט דער מאס פון דרייאר, קומט ארויס א טראט פון גיגאנטען, מיט וועלכען עס איז שוין נישט שרעקליך אריבערצוטרעטען איבער יארהונדערטען. אזוי רייסט זיך דורך די פסיכאלאגיע פון גייסט צו דער ערד אראפ.

פאר ערדישע הייטלאך איז יעדער יארהונדערט ענליך

צו אַ סטראַשונאַק, אָבער די בריק פון גייסט גיט פליג־לען פון אמת.

די וואָס שפּרייזען איבער דריי־יאָריגקייטען, ווייזט טיילמאָל אויס, אַז זיי לעבען נישט... דער באַזונדערס שטרעבענדי־גער באַלען ווייזט זיך טיילמאָל אויס אומבאַוועגליך, ווייל זיין אינערץ איז נישט אין איינקלאַנג מיט דעם אַרומיגען.

8. ווער עס טראָגט דאָס וויסען פון דער צוקונפט, דער קען דרייסט גיין אַפילו איבער לויזע שטיינער.

דער ערפאָלג איז, ווען דער סוף איז שיין. דער ער־פאָלג איז, ווען מען קען זיך פאַרטיפען אין דעם נייעם וועג.

דער באַגער איז שוין אַ טייל פון דער אויספירונג. איר דערנענטערט אייך דרייסט צום ליכט.

צושיידונג איז דער פאַרגליבען פון דער באַגעגעניש. אויך סערגי האָט געזאָגט : „מען דאַרף אַוועקגיין, אַז נישט קען מען זיך נישט באַגעגענען".

9. איך וויל דערמאָנען וועגען דעם קולט פון די הויכע פּריסטערינס. עס איז געווען אַ קלאַס, וואָס פלעגען אַריינגעבראַכט ווערען אין אַ הויכען צושטאַנד מיט דער הילף פון כעמישע פּרעפּאַראַטען, אַנ'אַנדער קלאַס פלעגט געבראַכט ווערען אין אַזאַ צושטאַנד דורך מאַגנעטישע שטראָמען. עס זיינען אויך געווען נידריגע שטופען פון באַשווערען און מעכאַנישען דרייען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען די זעלבסט־פאַרטיפונג אויף דער שוועל פון שלאָף אָדער ביים פאַרטיפען זיך אויף אַ שיינענדיגער זאַך.

פאר'ן העכסטען וויסען האט זיך גערעכענט דאס, וואס איז געקומען פון אינווייניג אהן שום געזעענע באדינ־גונגען.

דער וועג פון דער וועלט־עוואלוציע, וואס קומט פאר פאר אייערע אויגען, שטעלט צו טייל מענשען באדינגונ־גען און עס קומט א צייט, ווען מען דארף שטארק פארקורצען די פסיכישע קרעפטען אויפ'ן חשבון פונ'ם גייסט. די נידריגע שיכטען פון דער נאטור האבען אויף אזוי וויט באהערשט די נידריגע פסיכישע דערשיינונגען פאר די לעצטע צען יאר, אז עס אנטשטייט א געפאר פאר דער עוואלוציע.
נישט מיט די נידריגע שיכטען פון גייסטער און אנ־הויפונגען, נאר מיט דער קאאפעראציע פון די העכערע פלאנען.

10. איצט וועגען די רינגען פון אויפנעמונג. אויב די זעהונגס־קרייזען גייען קרייזפארמיג, גייען די אויפ־נעמונגס־רינגען קרייז־שטרעבענדיג. פון סימבאלען און געפעלדיגע אויפצייכנונגען שטרעבען זיי ספיראל צום שארפען פאקט. דער העלרוף, די העלזעאונג, דאס העל־הערען, דאס העלפארשטיין, די ליכטיגע העלדענטאט, דאס העלוויסען.

מען דארף פארשטיין, אז אין קלאס פונ'ם רוף גייט נישט אריין דער פאקט, ווייל אין דעם קלאס קען די שארפע טאט אמאל נישט פארשטאנען ווערען און קען בלויז פאר־שטארקען די געפאר.

איך וויל קיין דערנידריגענדיגס נישט זאגען וועגען יענע וועלכע דארפען דעם רוף, נאר דער פאקט אין זייערע הענט

וואָלט ענליך געוועז צו דער קויל פון אַ געווער, ווען מען ווייסט נישט ווי אַזוי מיט דעם געווער אומצוגיין.

פאַרשטייט זיך, די גרענעץ פון רוף איז זעהר רעלאַטיוו, נאָר ווען מען קען אַריבערגיין צום רינג פון פאַרשטיין, פרייען מיר זיך זעהר.

יעדער רינג איז ענליך צו אַ קאַראַוואַן. פאַרשטייט זיך, אַ קאַראַוואַן פירט מער פון אַ פערד, אָבער דערפאַר קען איין פערד איינהאַלטען די גאַנצע באַוועגונג. שרעקעדיג־קייט אָדער דאָס אויסגליטשען זיך, קען אַראָפּפירען פונ׳ם וועג. דערפאַר איז דער באַגריף פון דער העלדענטאַט און פון דער ליכטיגער העלדענטאַט זעהר פאַרשידען. דעם אויפבּרויז פון העלדענטאַט קען מען אָפּשטעלען, אָבער דאָס פייער פון דער ליכטיגער העלדענטאַט אוממעגליך. דער פלאַם פון דער ליכטיגער העלדענטאַט קען ציטערען פון קאָסמישע ווירבעלווינטען, אָבער אַראָפּנעמען אים פון קאָפּ איז אוממעגליך. אַזוי וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס דער סימבאָל איז ביז אַ געוויסען גראַד נויטיג, אַלס אַ קאָנווענציאָנעלער צייכען, נאָר דערנאָך ווערט ער אומ־ערטרעגליך, און הויבט אָן אַפּצופאַלען ווי אַ שאָלעכץ.

אַזוי ווי מוזיק פון די ספערען קלינגט דאָס וואָס איז פאַ־ראַן אויף די וועגען פון דער אומענדליכקייט און אומאַרויס־רעדבאַרקייט.

אַזוי ווי אַ פויגעל וועט צו ערשט אַ פלאַטער טון מיט די פלי־געל און דערנאָך פליען, אַזוי וועט דאָס וואָרט אַ שפּריץ טאָן פון אונזער שמעלץ־טאָפּ און דערנאָך קען עס בלויז באַשטעטיגט ווערען. אַקולטיש איז דער ערשטער מאַ־

מענט וויכטיגער פון דער איבער'חזר'ונג. נאָר ווען מען קען אויפכאַפּען דאָס זידען פונ'ם שמעלץ־טאָפּ, לייכט עס מעכטיגער פון אַ באָפעל.

11. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז די מוטער פון דער וועלט באַהאַלט איר נאָמען. איך האָב אייך שוין געוויזען ווי אַזוי די מוטער פון דער וועלט באַהאַלט איר פּנים. איך האָב שוין דערמאָנט וועגען דער מוטער פון בודאַ און פון קריסטוס.

פאַרשטייט זיך, אַז איצט איז די צייט אָנצואווייזען, אַז די אַלגעמיינע מוטער פון די הערשער איז נישט קיין סימ־באָל, נאָר די גרויסע דערשיינונג פונ'ם פרויען־אָנפאַנג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די גייסטיגע מוטער פון קריס־טוס'ן און בודאַ'ן.

די, וועלכע האָט זיי געלערענט און געבענשט צו דער העל־דענטאַט. שוין פון אַמאָליגע צייטען שיקט די מוטער פון דער וועלט צו דער העלדענטאַט. לויט דער געשיכטע פון דער מענשהייט פירט איר האַנט אַנ'אומאיבעררייסבאַרען פאָדים.

ביים סיני האָט איר קול געקלונגען. דאָס בילד פון קאַלי איז געווען אָנגענומען דער גרונט פון איזידאַ, פון איס־טאַר. נאָך אַטלאַנטידאַ'ן, ווען דער קולט פון גייסט האָט באַקומען אַ קלאַפּ, האָט די מוטער פון דער וועלט אָנגעהויבען אַ נייעם פאָדים, וועלכער וועט איצטער אויפ־לייכטען.

מען קען אָנרופען אַ סךביישפּילען, ווען אַפילו הויכע מכשפים האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזט אומערוואַרטע שפּו־

רען און א באגער צו געפינען אַנ׳אַנלען אין די נידריגע שיכטען פון דער מאַטעריע.

אַזאַ פאַרקריפּלונג האָט געקענט הייסען דער קאַנאַל פונ׳ם אינטעלעקט און לאַנג אָפּהאַלטען דעם פאַרקער מיט אַנ־דערע וועלטען.

איצט זוכט מען שוין מעכאַניש דאָס גייסטיג באַשערטע.

די לערע פון דער צוקונפטיגער עפּאָכע וועט זיין די פאַר־איינינונג פונ׳ם גייסט מיט דעם אינטעלעקט.

דאָס פליען פון די פּלאַנעטען דערלויבט צו פאַרשנעלע־רען דאָס קרייזען צווישען די וועלטען און די אַנטוויקלונג פונ׳ם מענשליכען גייסט וועט גיין אויף נייע וועגען.

12. די הימעל־לייכטער דערלויבען צו פאַרשנעלערען דעם וועג פון דער מענשהייט. און איצט נאָך וועגען דער מוטער פון דער וועלט. — די מוטער איז שיינקייט. — די וועלט — זעלבסטאויפּאָפּפערונג. אָט מיט די צוויי גרונטלאַגען עפענען זיך די טויערען.

די בריק צווישען די פּלאַנעטען, די פאַרקלענערונג פון די ראַסען־רינגען ליגט אין אָט די צוויי גרונטלאַגען.

צו וואָס דער וועג פון שטופענווייזקייט, אויב איין באַ־שטראַלונג דערהויבט איבער די גרעניצען.

דער וואָס האָט דעם וועג צו דער ווייטער וועלט, טרעפט געוויינליך דעם שליח נאָכ׳ן אוועקגיין פון דער ערד. אָט צו דעם שליח זאָגט דער באַפרייטער — צי ציט ער פאַר־אַנצונעמען דעם נייעם וועג, צו וועט ער אויפסניי העלפען דער ערד. פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך ציען פאַר דעם נייעם וועג,

אבער עס זיינען דא אזעלכע, וואס באשטימען דעם וועג דא.

אין אמת'ן איז בעסער איבערצואווארטען אינ'ם געוויקסען־קעניגרייך און אויסמיידען די אינזעקטען.

מען קען אפילו אויסמיידען א גאנצען פלאנעט.

13. איצט אין די שווערע טעג פון מארסעם דערנענטערונג, ווען די נידריגע פארגאנגענע שטראמען באאומרואיגען, טראכטען מיר בלויז וועגען דער צוקונפט.

די אומדערהערטע אפנויגונגען פון די פלאנעטען העלפען דער דערוואכונג פונ'ם באוואוסטזיין. דער רוים באקומט קערפער און דער שטראל פון מארס וועט פארטרונקען ווערען מיט דעם ליכט פון דער מוטער פון דער וועלט.

14. היילער, זאג די חולאים: דאס געברויכען וויין פארקלענערט אויף א העלפט אייער דערפאלג, דאס איינעמען נארקאזען, וועט אוועקטראגען דריי פערטעל לעבענספעהיגקייט.

פארשטייט זיך, מיין אפטייק טויג נישט פאר קיין נארקאטיקער. פאר דעם איינעמען היילמיטלען דארף מען פריער דריי יאר פארברענגען צווישען פראנע.

15. מ... האט איבערגעלאזט א סך מאגנעטען אויף דער ערד, דערפאר זאג איך, אז מיט מיין וועג איז גרינג צו גיין. די ארבייט צו פאראייניגונג מיט די העכערע פלאנעטען פאדערט, אז אויף די פלאנעטען זאלען די גייסטער זיין צוזאמענגעשטימט אין באוואוסטזיניגער ארבייט. געוויינליך איז די פראגע פון אונטען און דער ענט־

פער פון אויבען. וואס העכער אלץ מער פאראייניגונג. די באשאפענע איזאלירטקייט דארף, סוף כל סוף, אריינגעפירט ווערען אין דעם באשערטען קרייז. אנדערש שטייט נישט בלויז אפ פון אנטוויקלונג די ערד, נאר אויך דער מארס און דער סאטורן.

פארוואס גייען אויפ'ן יופיטער בלויז געציילטע, אין דער צייט וואס די אטמאספערע אויף דער ערד איז אבסאלוט פארלייגט?

עס ווילט זיך זאגען — ליבע וואנדערער, טוט א קוק ארויף און אויב, אנשטאט דער אילוזיע פון דער ערד, וועט איר ווענען פליען ווייטער, וועלען אויך פליגלען אויסוואקסען. דערוייל האט איר מיט די אייגענע נעבעכדיגע כאטקעס פארלייגט דעם גאנצען אסטראלען פלאן. די אייגענע לעסטערונג, דאס אייגענע גייסטערהאפטע רויכערען, נאר איר האט פארגעסען, אז פון אייערע גייסטער גייט א טשאד. די שטראלען פון דער זון ווערען טונקעלער דורך אייערע סעודות פון טעמפ ווערען. פוסטע הייטלאד באשאפען פוסטע הייטלאד.

נאר שטעלט אייך פאר, ווען גייסטער וואלטען זיך געצויגען צו דער באשאפונג פון א פרעכטיגער באוועגונג. וואלטען זיך די שטראלען פון די סאניטארען פארוואנדעלט אין שטראלען פון ליכט.

בלויז א געדאנק שאפט אריבער די גרעניצען פון דער ערד, דערפאר לערענט אייך ריכטען מיט די געדאנקען.

16. פאר א באוואוסטזיניג אנטוויקעלטען גייסט, וואלט די צייט פארווייזלונג אינ'ם אסטראלען פלאן געקענט זיך

באגרעניצען מיט דעם פארלויף פון פערציג טעג, נאר פארשידענע ערדישע באדינגונגען האבען פארלענגערט אט די צייט ביז אומענדליכקייט. ביי די אוועקגעטראגענע פון דער ערד בינדט זיי צו אנ'אומגליקליך רחמנות.
בעסער פון אלעם זיינען די פאלגען פארגעשטעלט אין דער לעגענדע וועגען לוט'ן. צוליב דעם נייעם לעבען זיינען זיי ארויס פון שטאט. בלויז איין באדינגונג האט מען זיי געשטעלט — נישט אומצודרייען זיך, אבער לוט'ס ווייב האט זיך אומגעדרייט און האט זיך צוגעבונדען צו דער ערד.

די רעליגיע זאגט: דער, וואס גייט צו די פאטערס, וועט מיט זיי בלייבען. ווער עס גייט צו די מלאכים, וועט מיט זיי בלייבען. ווער עס גייט צו גאט, וועט מיט אים בלייבען. הייסט עס, ווער עס צייכענט זיך אן די גרעסטע באוועגונג, דער באקומט די בעסטע דערגרייכונג. דערפאר וועט פאר דעם, וואס גייט פון דער ערד — זיין די בעסטע צידה לדרך — אייל זיך, נישט אומקוקענדיג זיך.

ווי אזוי־זשע מיט די נאנטע? אבער וואס העכער דו וועסט דיך שטעלען, אלץ בעסער און נענטער וועסטו זיי דערזען. פארשטייט זיך, אז געוויינליך איז דער אפהאלט אין די לעצטע נאנטע, דערפאר הענגט אפ די פארקירצונג פונ'ם אסטראלען פלאן פון ריכטיגער קאאפעראציע.

וואס העכער אלץ אנגענעמער איז דאס זיין און אויף דער גרעניץ פונ'ם מענטאל, קען דער גייסט אפרוען,

ווייל דארט איז דער גייסט שוין אונטערוואַרפען די הויכע צוציאונגען. נאָר מען דאַרף באַוואוסטזיניג אויסמיידען די נידריגע שיכטען. מען דאַרף, אַז דער אויפריים פונ׳ם באַוואוסטזיין זאָל קענען איבערוואַרפען דעם קערן פונ׳ם גייסט, וואס מעגליך ווייטער. דערפאַר איז אַזוי וויכטיג דער מאָמענט פון איבערגאַנג, זיך צו שיקען צו די העכערע שיכטען. זייער שווער איז, פאַרטשעפּענדיג די נידריגע שיכטען, דערנאָך זיך אויפצוהייבען.

אויב דער צושטאַנד פונ׳ם גייסט דערלויבט, איז אַ סך בעסער צו באַנוצען דעם לעצטען אויפברויז פון דער עמאַנאַציע פון די נערוועןפאַר׳ן פלי, אַזוי וועלען די נידריגערע שיכטען שיטערער ווערען. עס איז וויכטיג צו פאַרניכטען די אַטמאָספערע פון די נידריגערע שיכטען, וועלכע וועט נישט דריקען אויף דער ערד. די קאָאָפּעראַציע פון אויבען און פון אונטען וועט געבען די שנעלסטע פאָלגען.

עס איז ריכטיג באַמערקט וועגען דעם איבערגאַנג אָהן באַוואוסטזיין. צו דעם איז זעהר לייכט צו העלפען, אויב עס זאָל פריער פאַרפעסטיגט ווערען דער פאַרלאַנג פון אַ הויכען פלי, דאַמאָלס ווירקט די עמאַנאַציע פון די נערוועןכמעט אויטאָמאַטיש. זייער גוט זיינען תפילות וועגען בלאַנדזשעינשען פון דער נשמה, נאָר איינס איז אין זיי נישט ריכטיג — זיי באַהויפּטען וועגען באַרואיגונג, ווען עס וואָלט געווען ריכטיגער צו באַהויפּטען — אייל זיך. איבערלעזען און געדענקען דאָס דאַרף יעדער, ער וועט העלפען נישט נאָר זיך, נאָר אויך דעם וועלט־פּלאַן.

IX

1. די דערשיינונג פון אַרבייט פאַר דער צוקונפט וועט איבערשאַפן די געגענוואַרט. ווען מענשן וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז בלויז די צוקונפט עקזיסטירט — וואָלט זיך די קאָאָפּעראַציע דערנענטערט. עס זיינען פאַראַן צווייערליי וויסנס — איינס, וואָס ווערט דורך ווער־טער אויסגעדריקט; דאָס צווייטע, דאָס געניע, וואָס ווערט מיט׳ן גייסט פאַרשטאַנען, נאָר וואָס ווערט אין ווערטער נישט אַריינגעלייגט. מען קען עס אַפילו נישט דערקלערן מיט ווערטער, ווי אַזוי דאָס פאַרשטיין קומט פאָר, נאָר עס איז באמת פּרעכטיג.

אונזערע דערפאַרונגען און פליאונגען ברענגען דאָס געפיל פון וויסן. און אויב דער פיינער קערפער פון גייסט שטערט דורכצודרינגען ווייטער פון די באַקאַנטע ספערען, באַרירט זיך די אילומינאַציע פון גייסט מיט אַ סך אַ ווייטערדיגען לייכטען פונ׳ם קאָסמאָס.

עס וואָלט געווען נאַריש און גראָב איבערצוגעבען אין רויע ווערטער דאָס ליכט פון וויסן. פונקט אַזוי לעכערליך ווי אומגעלומפערט עס זיינען די קאָנווענציאָנעלע באַ־צייכנונגען.

איינס קען איך איינרוימען, אַז ריכטיג איז וואָס איך שטייט אויף געגען דער דערנידריגונג, פאַרפילענדיג די מעגליכקייט פון וויסן דורך דעם פענסטער פון פער־זענליכע פליאונגען.

2. איך רעכן, מען קען דערקלערן דאָס וואונדער פון סטיכישע גייסטער. זייער פאָרם הענגט אָפּ פון

די באַדינגונגען פון די אַנשטרענגונגען, אַריינפאַלענדיג אינ'ם קרייז פון מענשליכען בליק, ווערען זיי פאַרשלונגען פון דער מענשליכער פאָרם. דער מענש ווערט זיי דערזען אין אַ מענשליכער פאָרם. חיות ווערען זיי דערזען אַלס חיות, ווייל זיי האָבען נישט קיין הייטעל.
איך פאַרזיכער, אַז שרעקליכע אָדער פּרעכטיגע פאָרמען הענגען אָפּ פונ'ם רעפלעקס פון די נערוועז. דער פּאָטענציאַל פון סטיכיעס איז אַלעמאָל גרייט צו ענטפּערען מיט אַ פאַרגרעסערטער אָפּשפּיגלונג און צו פאַרשטאַרקען אונזער שליחות אין אַ באַשטימטער ריכטונג.
מען דאַרף נישט מיינען, אַז סטיכישע גייסטער זיינען אונזער באַשאַפונג. עס איז ריכטיגער אַנצורופען זייער מאַניפעסטירונג אַ פונק ביי דער באַרירונג מיט'ן רעזערוואואַר פון דער אַנשטרענגונג פון דינאַמיט, און דאָס באַוואוסטזיין פון דעם פונק צינדט זיך אָן פון דער באַרירונג פונ'ם מענשליכען גייסט. פאַרשטייט זיך זייער שטופּע איז פאַרשידען, ווי פאַרשידען עס איז די אַנשטרענגונג פון דינאַמישער ענערגיע.
מען קען מעכאַניש אַרויסרופען די אַנשטרענגונג פון אָט דער ענערגיע, נאָר מיר זיינען דערפאַר געגען אָט דעם כשוף, ווייל ער רירט אָן די רעגעלמעסיגקייט פון די סטיכישע כוואַליעס און איז פול מיט געגען־קלעפּ. מען קען זיך באַנוצען מיט אָט דער ענערגיע א ו י ס ע ר ד י ג ע ו ו י י נ ל י כ ע ע ר ד י ש ע ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן. שטראַלען קענען אַריינברענגען אין אַ גלייכגעוויכט די כוואַליעס פון די סטיכיעס.

פֿאַרשטייט זיך, איר באַנוצט זיך אויך מיט זיי, נאָר ווי לאַנג דאָס איז אַ ווירקונג פֿון'ם גייסט, איז עס ווייניגער געפֿערליך.

עס איז לייכט צו פֿאַרוואַנדלען אַ סך פֿאַבריקען אין מאַגישע קונצען.

פֿאַרשטייט זיך, עס איז שווער איבערצוגעבען מיט געווייַנליכע ווערטער די קאָאָפּעראַציע פֿון סטיכיעס. אויף אַזאַ אופֿן האָט אי דער מאַטאָר, אי דאָס פֿאַרשאָלטענע ראָד אַ וויסענשאַפֿטליכע באַגרינדונג. פֿאַרשטייט זיך, מענשען אַרבייטען איצט אַזוי פֿלייסיג אין די מינעס פֿון שלעכטס, אַז עס איז אוממעגליך צו דערלאָזען צו זיי נאָנטע מעגליכקייטען.

דער צוזאַמענשטוים פֿון צוויי אורשפּרונגען איז אומפֿאַרמיידליך, און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער.

3. די גייסטער פֿון די סטיכיעס גייען צו פֿאַראייניגען זיך מיט דעם מענש. זיי גייען פֿאַרביי דאָס באַוואוסטזיין פֿון נידריגע פֿאָרמען אין סטיכיעס און דערפֿאַר זיינען מעגליך זעלטענע פֿאַלען פֿון וואוקס ביז דעם מענשליכען באַוואוסטזיין. פּונקט ווי אַ מענש אין אויסנאַמס-פֿאַלען קען אויסמיידען אַ גאַנצען פּלאַנעט. נאָר פֿאַרשטייט זיך, פּלאַנירענדיג שטרענג, קען מען איינפּאַסען די הויפּט-מאַסע אין עלעמענטאַרע פֿאָרמען.

איר ווייסט ווי פֿאַרשידען עוואָלוציעס זיינען. מען קען ברייטער אָננעמען דעם באַגריף.

מען קען ווידמען די סטיכיעס אַ באַזונדער שמועס — דער ענין איז זייער אַ שיינער.

4. דער וועג פון בויען ציט אריין, נאר מען קען פאר־זיכערען, אז די שטופען פון זעלבסט־פארגעסען וועלען אויך ברענגען פרייד. טאקע די שיינקייט פונ׳ם קאס־מאס דערנענטערט אינ׳ם באוואוסטזיין די זעלבסט־פאר־געסונג.

דאס באוואוסטזיין פון קאסמישער איינזאמקייט איז בלויז דאס באוואוסטזיין פון גלייכע וועגען, ווייל בלויז מיט אט דעם באוואוסטזיין קען דער מענש פליען אין אנדערע וועלטען, העלפענדיג אנדערע בלויז צוליב זיי.

5. זאלען ווירבעלווינטען פון טאיפונען פארטונקלען די לופט, פון זייערע גרונטען לייכט ארויס דאס געבוי־רענדיגע זילבער, וואס באגייסטערט די פארבען פון דער ערד.

אונטער׳ן דרוק פון אומרוען קענען זיין שווערע מינוטען, ווייל דער וואולקאן פון א גאנצען וועלט־טייל איז מעכ־טיג.

פון אוראלטע צייטען האט מען אין א צייט פון אומרו פארגעלייגט צו זאגען א קורצע תפילה און מיט קלעפ פון איבער׳חזר׳ונג אפשפיגלען די כוואליע פון וויר־קונג. דערנאך איז אט דאס מיטעל פארוואנדעלט גע־ווארען אין אנ׳אומזיניגער איבער׳חזר׳ונג פון רעליגיעזע ווערטער, — און דאך בלייבט אט דער פרינציפ. נאר טיילמאל פארדערט אונזער גייסט געוויסע איבער׳חזר׳ונ־גען אדער איבערדערציילונגען.

אין די בעסטע צייטען פון פריסטערטום זיינען אויסגע־קליבען געווארען ווערטער: „אדני, איסטאר, הללויה און

אום". — אויך האט מען באנוצט דאס איבער'חזר'ן דעם אלף־בית אדער ציפערען. פארשטייט זיך, אז פראקטיש איז נישט די קראפט אין די ווערטער אליין, נאר אינ'ם באשאפען די כוואליעס.

די זאך איז די, אז טיילמאל לויט דעם רופען דעם גייסט קען מען באשאפען א נוצליכע כוואליע. נאר געוואוינהייטען זיינען ענליך צו אפשטארבונג און אפילו א שטארק מיטעל הערט אויף צו ווירקען.

טיילמאל אין א צייט פון ווירבעלווינטען קען מען באשאפען די אייגענע אומשעדליכע כוואליע.

ווען דאס גיפטיגע אטעמען איז גרייט זיך צוצורירען, איז בעסער אויסצואטעמען. אויך קען מען מיט'ן ווילען באשאפען אזוי ווי א שיצענדיגען וואאל. אין די צייטען פון מיסטעריע האבען זיך פריסטערינס איינגעהילט אין אנ'אומגעזעענעם וואאל אויף אזויפיל, אז זיי האבען אויפגעהערט הערען און זען, ווי זיי וואלטען איבערגעהאקט דעם פאדים פון עקזיסטענץ, אזא ארט אפרייניגונג ווען די לופט איז געווען פול מיט אומרו.

איך דערמאן ווענען דער מיסטעריע פון דער באשיצונגס־כוואליע, ווייל זי האט געהאט איר אנפאנג אין אזיע.

עס זיינען נויטיג נייע ווענען פאר דער מענשהייט און דאס פענסטער צו דער אסטראלער וועלט דארף זיין געעפענט. דעם חכם איז קאלט אויף א ווינטיגער ערד.

6. איך האב געזאגט, זאג און וועל זאגען — העלפט בויען מיין לאנד. און געדענקט אט די בקשה אונזערע

נישט אין וואַרימקייט און צופרידענקייט, נאָר אין קעלט און אין אַ שווערער מינוט.
עס איז געזאָגט געוואָרען, עס וועלען זיין געלעגענהייטען צו באַנוצען דרייסטקייט, עס וועלען זיין שאַרפע אַפּריסען און אַריבערגיין זיי קען מען בלויז מיט דעם נאָמען פון'ם לערער.
מען וועט זאָגען: „עס איז וואַרים ביים פייער", — ענטפערט: „איך אייל זיך אין דער קעלט".
מען וועט זאָגען: „אַ פוטער־מאַנטעל איז גוט". — ענטפערט: „ער איז צו לאַנג ביים גיין".
מען וועט זאָגען: „פאַרמאַכט די אויגען". — ענטפערט: „מען טאָר נישט אויף דער וואַך".
איר קענט אַ בריק אַריבערגיין מיט אַן'אומבויגזאַמער קראַפט און אין אַ מינוט פון שווערקייט געדענקט אונזער בקשה, ווייל דער פּלאַן איז פּרעכטיג ווי דאָס לייבטען פון די סטיכיעס.
די סטיכיע איז אַ וועזען פון'ם רוים, נישט צו וועגען און נישט צו מעסטען. האַלב־פאַרמלאָזע קרישטאַלען איז דער פאָרם פון אַזוי־גערופענע סטיכישע דערשיינונגען. די סובסטאַנץ פון אַ נישט־אַנטפּלעקטען גייסט פילט אָן דאָס וועזען פון'ם רוים.
וועגען דעם מענש זאָגט מען — ער ווערט געבוירען און שטאַרבט. וועגען דעם סטיכישען גייסט קען מען זאָגען: ער וועט אויפפלאַמען און וועט פאַרלאָשען ווערען. אַזוי ווי אַ פייל שפּיזט זיך אַריין דאָס באַוואוסטזיין פון דעם אַנטפּלעקטען גייסט אין דעם וועזען פון

די סטיכיעס און, אזוי ווי א מאגנעט, זאמעלט עס צו־נויף די צושמאלצענע סובסטאנץ. די געבורט פונ׳ם סטי־כישען גייסט הענגט אפּ פון דער באַרירונג פון דעם אנט־פּלעקטען באוואוסטזיין. עס איז אין אמת׳ן נישט אומ־צופּאסען מיט׳ן אויג די קאַפּערירונג!

אי די קוואַליטעט, אי די אויסערליכקייט, אי די דינאמיש־קייט פונ׳ם גייסט הענגט אפּ פונ׳ם גייסט פון דעם באשאפער. דערפאַר ווערט דער בייזער געדאנק באשול־דיגט, אלס דער אורבאשאפער פון דער מיאוסקייט. די קראַפט פון באוואוסטזיין רופט ארויס דעם געהעריגען רעפלעקס אין דעם וועזען פונ׳ם רוים. און די אויפגע־פלאַמטע קונצען פונ׳ם רוים בלייבען נאָנט צו דעם, וואָס האָט זיי באשאפען. דאס נישטיגע באוואוסטזיין וועט געבוירען אויסגייעענדיגע פונקען, נאָר דאָס פּאטענציאל־וואקסענדיגע באוואוסטזיין קען באשאפען גיגאנטען. דאס איז א פאבריק פון גוט און שלעכטס, דערפאר איז אזוי טייער די קוואליטעט פון געדאנק.

אזוי האָבען מיר אויסעהאקט דאָס בילד פון דער עוואָ־לוציע פונ׳ם לעבען פון רוים און מיר קענען בעטען די מענשהייט — זייט בעסער און פאַרברודיגט נישט די כוואַליעס פון דעם פרעכטיגען ליכט. די ספערען פון די סטיכיעס זיינען בלענדענדיג שיין און איינשמירען זיי איז ווי צו פארניכטען א וואונדערליך בלימעל. און דער צושטאנד פונ׳ם וועזען פון רוים, וואָס איז דורכגעדרונ־גען מיט קאמבינאציעס פון נייע שטראַלען, דערלויבט אנ־

צופאַנגען אַ נייע ערא. מען דאַרף דאָס גאַנצע גליק צו־נויפזאַמלען.

7. דער געבענשטער האָט געזאָגט דעם משל: „ווענגען דעם ראַד פון געזעץ" — „צום קינסטליכען איבערשרייבער איז געקומען אַ בכבוד'יגער מענש, און האָט איבערגע־געבען איבערשרייבען אַ רוף צו גאָט, פאַר וועלכען ער האָט געבראַכט געגוג פאַרמעט".

נאָך אים איז געקומען אַ מענש און געבראַכט איבערצו־שרייבען אַ בריף, פול מיט סטראַשונקעס, און האָט אויך געגעבען אַ פאַרמעט, איילענדיג מען זאָל עס שנעלער ענ־דיגען.

כדי אים צוליב טאָן, האָט דער איבערשרייבער געבראַכען די ריי און האָט זיך צוגעאיילט מיט זיין ארבייט, דער־ווייל אין איילעניש האָט ער געכאַפּט דעם פאַרמעט פון דער ערשטער באַשטעלונג. דער, וואָס האָט געסטראַ־שעט איז געבליבען זייער צופרידען און איז געלאָפען אויס־גיסען זיין כעס.

דערנאָך איז געקומען דער ערשטער באַשטעלער און קו־קענדיג אויפ'ן פאַרמעט, האָט ער געזאָגט: „וואו איז דער פאַרמעט, וואָס איך האָב געגעבען?"

געוואָר־ווערענדיג אַלץ וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט ער זיך אָנגערופען: „דער פאַרמעט פאַר תפילות האָט גע־טראָגען די ברכה פון דערפילונג, אין דער צייט וואָס דער פאַרמעט פאַר סטראַשונקעס טראָגט נישט קיין באַלוי־נונג. אַ מענש אַנ'אומערליכער, שטערענדיג דאָס געזעץ פון באַשטימטע צייטען, האָסטו אָפּגענומען פון אַ תפילה

די קראַפּט, וואָס האָט געזאָלט העלפען אַ קראַנקען, אָבער נאָך ווייניג דאָס, האָסטו פאַרווירקליכט סטראַשונקעס, וואָס זיינען פול מיט אומדערהערטע פאָלגען. פאַרפאַלען איז אַרכאַט׳ס מי, וועלכער האָט געבענשט מיין פאַרמעט, פאַרפאַלען אַרכאַט׳ס מי וועלכער האָט אָפּגענומען ביים שלעכטס די קראַפּט. דו האָסט אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט אַ בייזע קללה און זי וועט אומפאַרמיידליך זיך אומקערען צו דיר. דו האָסט בלויז אַראָפּגעשטויסען פון וועג דאָס ראָד פון געזעץ און עס וועט דיך נישט פירען, נאָר עס וועט איבערשלאָגען דיין וועג.

שרייבט נישט קיין געזעצען אויף אַ טויטער לעדער, וועלכע דער ערשטער גנב קען אַוועקטראָגען. טראָגט די געזעצען אינ׳ם גייסט און דער אָטעם פון גליק וועט פירען פאַראויס פון אייך דאָס ראָד פון געזעץ, פאַרגרינגערענדיג אייער וועג.

די פאַלשקייט פונ׳ם איבערשרייבער קען אַריינשלעפּען די גאַנצע וועלט אין אַ צרה.

8. מיין שטראַל אַנטפּלעקט אַ צייכען פונ׳ם גייסט און פילט דעם גרויזאַמען קאַמף.

מען קען די נייע וועלט פאָרשטעלען אַלס דער גורל פונ׳ם גייסט. מען קען זי דערקענען לויט דער באַטייטונג פון ווייסען. די שפּרינגפעדער פונ׳ם גייסט טראָגט געזונט. יאָרען טראָגען זיך, טראָגענדיג אַ פּוסבענקעל דעם גייסט. דער גייסט רופט און פאַרוואַנדעלט דעם צייכען פון פּריסטערשאַפט אין אַ גייסטיגער פאַרוואונדערונג פאַר דעם מענשען׳ס שיקזאַל.

9. פריינט! לייגט אַוועק פיר שטיינער אַלס גרונט פאַר אייערע טאַטען. דער ערשטער — פאַרערונג דער הערארכיע. דער צווייטער — דאָס באַוואוסטזיין פון פאַראייניגונג. דער דריטער — דאָס באַוואוסטזיין פון גלייכגעוויכט. דער פערטער — דאָס אויספאָלגען דאָס געזעץ — „מיט דיין גאָט".

כדי צו באַשטעטיגען דעם ערשטען — רופט אייער גאַנצע ליבע. דערמאָנט אייך פון אַייער קינדהייט די בעסטע שמייכלען, די ליכטיגסטע שטראַלען פון דער זון און דאָס ערשטע ליד פון די פייגעל הינטער'ן פענסטער.

פאַר'ן צווייטען — גורט אייך אָן מיט דעם געוועהר פונ'ם טאָג, קריגט דאָס געוועהר פון אַייערע טאַטען און פרישט אויף דאָס אויפנעמען מיט אַ שלוק ניכטער וואַסער.

פאַר'ן דריטען — קלייבט אויס אין אייער אַרבייטס־צימער די העכסטע און ווערטיקאַלע ליניע און רופט זי אָן די מאָס פון אַייער פלאַן. אַלע אומצופרידענקייטען, צורייצענישען און פאַרמאַטערונגען לייגט צו אין געדאַנק צו דער מאָס פונ'ם וועלט־פלאַן און, פאַרגלייכענדיג, וועט איר נישט געפינען אַפילו דאָס קלענסטע אָרט פאַר גייסטערהאַפטע שטימונגען.

פאַר'ן פערטען — שטעלט אייך פאַר די גאַנצע אומענדליכקייט פון דער שטערען־וועלט. אין אמת'ן האָט דער פאָטער אַ סך הייזער, וועלכעם פון זיי וועלען מיר באַפעלען? דערמאָנענדיג דאָס געגעבענע געזעץ.

שטעלט אייך פאר ווי איר גייט ארויס פון א פארמאכט הויז צום ליכט. אזוי וועט קומען צו אייך אלץ אין וואס איר נויטיגט אייך.

צייכענט אן אויפ'ן ערשטען שטיין — א ט ו י ב. אויפ'ן צווייטען — א ק ר י ג ע ר. אויפ'ן דריטען — א ק א ל א נ ע. אויפ'ן פערטען — ד י ז ו ן.

10. איר האט געקענט באמערקען אין מיינע ווערטער עפעס ווי אומקלארקייטען אדער באזונדערע ווערטער, אומקלארע פאר'ן היינטיגען טאג; געדענקט די באדינגונג פון פירערשאפט נישט צו באַרירען די קארמא.

דאס געפיל פון גליק דארף אונטערזאגען, ווי אזוי צעשטעלען די מילשטיינער ביי די זייטען וועג.

11. עס איז בעסער צו שטערבען, יעדער האט זיין וועג. עס איז נוצליך אנצוסטרויען דעם ארגאניזם אויפצונעמען די לערע פונ'ם לערער.

אונזער שטראל ארבייט כסדר, עס איז נישט נויטווענדיג די קאנצענטרירונג פונ'ם גייסט. עס איז בעסער צו זוכען די אנווייזונגען פונ'ם לערער אין פארשידענע דערשיינונגען פון לעבען. עס איז גוט צו קענען תפילה טאן. תפילה אדער א גייסטיגער שמועס איז א העכערע דערשיינונג. עס זיינען נישט נויטווענדיג די אינטעלעקטועלע פיינקייט און גייסטיגע פעסטקייט.

דאס וויסען פון באהעפטונג איז געפערליך און קען ציען נאך זיך אנ'אפשוואכונג פונ'ם ארגאניזם, ענליך צו נארקאטיקער.

12. מענשען האבען אפט נישט גענוג דיסציפלין פון

גייסט און געפיל פון מאָס. דער שליסעל צו קאָנסעק־
ווענטע דערגרייכונגען איז דער שווערסטער שטאַפּעל אויפ׳ן
וועג. דערפאַר האַלטען אַ סך אָנפאַנגער אַדעפּט׳ס וועג
פאַר אַ קאַטאַרגע. נישט קיין שמייכלענדיגע מיינונג.
נאָר איך צי פאַר די שטרענגקייט פונ׳ם באַפעל פון
גייסט.

די פאַרצווייפלונג פון גייסטיגער פוסטקייט פאַר דער זאַל־
בונג איז גוט באַקאַנט צו די, וואָס זיינען איינגעווייט אין
די מיסטעריעס פון איזידאַ.

אין דער נאַכט פון דער זאַלבונג האָט זיך דער געווייטער
פאַרמאַכט אין אַ באַזונדער חדר, וואו ער האָט איבערגע־
לעבט דעם גאַנצען בעכער פאַרצווייפלונג און האָט גע־
ריסען זיינע קליידער, פילענדיג מיט׳ן גייסט אַ טויטליכע
בענקאַשפט.

פאַרטאָג איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ מאָדנער פאַרשטאַ־
רונג און אין פרימאָרגען, ווען די זון האָט באַלויכטען די
זיילען פונ׳ם טעמפעל און די הייליגע דינער האָבען גע־
זונגען דאָס מאָרגען־געבעט, האָט דער הויכער פריסטער
געעפענט די טיר, האָט אויפגעוועקט דעם געווייטען און
האָט אים אַריינגעפירט אין דעם בלענדענדיגען חדר, וואו
ער האָט באַקומען אַ נאָמען און איז געבוירען געוואָרען
פאַר דער אַנטציקונג פונ׳ם גייסט.

X

1. אַ ריין אָרט איז נויטווענדיג אויף געוויסע שטו־
פען. די היגיענע פונ׳ם גייסט מיינט אויך די היגיענע

פונ׳ם קערפער. די מענשליכע אויסדערפּפונגען זיינען שעדליך פאר א געוויסער זייט פונ׳ם גייסטיגען לעבען. ריטואלע בעדער דארפען פארשטאנען ווערען בוכשטעבליך און סימבאליש.

דער העכסטער און לעצטער אקט פון אלע מיסטעריעס האט זיך אויסגעצייכענט מיט דער אבוועזענהייט פון צערע־מאניעס. אפטמאל האט דער איינגווייענדיגער פריסטער גע־זאגט צום נעאפיט: „אט ביזטו געקומען צו מיר אנ־געגורט מיט דעם סוד, אבער וואס קען איך דיר געבען, ווען דער פארפולקאמענדיגער קראנץ האלט זיך אויף אין דיר אליין. זעץ דיך, עפען די לעצטע טויערען, און איך וועל דיר מיט א תפילה לייכטער מאכען די לעצטע אויפשטייגונג.

2. זאלען די בעסטער קריגער פונ׳ם הייליגען גראל זיך צונויפזאמלען אויף א העלדענטאט. אמהעכסטען פון אלע פריידען איז דער שמייכעל פון דער העלדענטאט. שמייכלענדיג, נעמט אן די טויפונג פון דער העלדענטאט. שמייכלענדיג, רעדט ארויס דעם שטרענגסטען באפעל. דער לערער גייט הינטער אייך. אין קאמף וועט ער אויפ־האלטען אייער האנט און ביי דער בעראטונג וועט ער אנווייזען א לעזונג.

אומעטום גייט א וואך הינטער אייך. די צייט פליט, איילט אייך צו פארזארגען זיך מיט וויסען. מיט פרייד נעמט אן די שטרענגקייט פון דער העלדענטאט.

3. פריידיג ציטערט די לופט פון דער פארטאגיגער שעה, ווען בורא האט דערגרייכט די גרויסקייט פונ׳ם

קאָסמאָס און דער הערשער קריסטוס האָט תפילה געטאָן אינ'ם גאָרטען פון געטסימאָן.

4. עס איז פאַראַן ווייניג אַרבייטער. די מענשען — אויף דער יאָגד נאָך דעם וואונדערליכען — האָבען פאַרלוירען די פירענדיגע האַנט. מיר גייען ווידער צו דער וועלט. ווידער טראָגען מיר דעם באַווייז פונ'ם גייסט.

5. עס איז בעסער צו קענען די שוואַכקייטען פון דער מענשהייט, איידער צו שפּייזען זיך מיט בילדער, וואָס זיינען באַשאַפען דורך געדאַנקען. דער אמת איז שווער, אָבער עס איז צייט צו וויסען, אַז די וועלט איז באַפעלקערט מיט שאַטענס. פאַר אַ קאַטאַסטראָפע גייען אַלעמאָל אַרום בלויז שאַטענס. דער האַמער איז אויפגעהויבען, שרעקליך איז דער טאַנץ פון שאַטענס, וועלכע פאַרגעסען דעם גייסט. שאַטענס, אומווִיסענדיגע, שאַטענס, וואָס האָבען פאַרלוירען, וויסען נישט וועגען דער נייער וועלט. איך פיל, עס פאַלט דער פיינדליכער לאַגער, איך פיל דאָס גאָלד פון די צירונגען וועט פאַרטונקעלט ווערען. איך פיל דער טעמפּעל פון פרייליכקייט וועט פאַרהאַסט ווערען. ליכטיג איז אונזער וועג.

6. דער מענשליכער מעכאַניזם איז קאָמפּליצירט — אַ באַזונדערס באַוואוסטזיניגע עוואָלוציע. פון מאָמענט אַן ווי דאָס באַוואוסטזיין ווערט געבוירען איז נישטאָ קיין אַלגעמיינע עוואָלוציע. אַלץ איז געבויט אויף דער אומענדליכער פאַרשידענאַרטיגקייט פון גאָט. אַלגעמיינע געזעצען ווערען שווער איינגעאָרדענט. אפילו אַזעלכע גרונט־געזעצען, ווי דאָס געזעץ פון פולקאָמענהייט און

דאס געזעץ פון פארגעלטונג, קענען נישט אויסגעדריקט ווערען אין איין פארמעל.

ביכער־ערקלערונגען זיינען נישט אזוי איינפאך אין דער ווירקליכקייט, בלויז אן'אויסערגעוויינליך באלויכטענער פארשטאנד קען דורכדרינגען אין דעם געבוי פון דעם מענשענ'ס עוואלוציע. א סך שפיזען זיינען צובראכען געווארען איבער דער פראגע. אנקלאפען מעג מען.

7\. איצט איז שווער זיך פארצושטעלען דאס פאלען פון אלעקסאנדריע. עס איז בעסער אפילו נישט צו דערמאנען די יארען פון דער איבערגאנגס־צייט.

א שרעק כאפט אן פאר דעם גייסט פון רעליגיעזען אבערגלויבען פון יענער צייט, אריגען איז נאך געגאנגען איבער די הייסע קוילען פון דער אלטער וועלט.

קענענדיג יעזוס'עס צואה, האט ער געקרענקט, זעענדיג דאס אומפארשטיין פון דער מאסע.

קענענדיג די סודות פון די אלטע מיסטעריעס, האט ער געקרענקט זעענדיג דאס אומפארשטיין פון דער איינציגקייט פונ'ם קוואל. קענענדיג די איינפאכקייט פון יעזוס'עס לערע, האט ער געקרענקט, זעענדיג די באשעפונג פון קירכען.

ער האט איינזאם געארבייט, ליידענדיג אליין פון צו גרויסע ווידערשפרוכען פונ'ם גייסט. ביי דער אומגעוויינליכער קלארקייט און איינפאכקייט פון גייסטיגער דערקענונג, אנ'אומגעוויינליכע קאמפליצירטקייט פונ'ם גאנצען וועזען.

אריגען האט אויסגעליטען אין זיך דעם שטורעם פונ'ם

פריהען קריסטענטום. זייענדיג אַ גרויסער אָנהענגער פון
וויסען, האָט אים טרויעריג געמאַכט דאָס פאַלען פון ווי־
סען צווישען די דינער.

8. איך זאָג נאָכאַמאָל — פאַרברעכעריש איז די זאָרג־
לאָזיגקייט פון דער וועלט. באַמערקט מען טאַקע נישט
די געפאַר? די פלאַמען־צונגען באַצייכענען דאָס אָנ־
קומען פונ׳ם שטורעם פון גייסט, אַבער מענשען ווילען
נישט פאַרשטיין אונזער סיגנאַל.

9. עס קראַכען געשעענישען. איך באַמי זיך איינצו־
האַלטען די צוים פון אומזין.

ווען מען וואָלט געזען אַלע באַגאַנגענע פאַרברעכענס!
אָבער מיר ווילען נישט דערלאָזען דער פאַנטער אַ שפרונג
צו טאָן. די, וואס זוכען דעם גייסט, וועלען באַקומען אַ
פירענדיגע האַנט. די, וואָס זוכען וויסען, וועלען באַ־
קומען די לערע. די, וואָס פאַרברענגען אין ליידען, ווע־
לען באַקומען אַ טרייסט. די, וואָס הייבען אויף דעם
שווערד, וועלען געשלאָגען ווערען. די חוזק־מאַכערס וועלען
באַזייטיגט ווערען. די, וואָס באַגייען שלעכטס, וועלען
געשלאָגען ווערען. אַזוי פאַרקינד איך.

וואונדערליך, ווי די וועלט ווערט חרוב! די צושטערער
און די צושטערטע וועלען אָפגעמעקט ווערען. נייע, נייע,
נייע קומען. פון ריינע ערטער וועלען זיך באַווייזען נייע
— דער נאָמאַד און דער אַקערמאַן, יתומים און אָרומ־
שלעפער, דער מאָנאַך און דער פאַרשיקטער, דער גע־
לערטער און דער זינגער, מיט איין וואָרט אַלע שטאַרקע

אין גייסט — אזא ארט לעגיאָן מיט'ן פאַרשטיין דעם גייסט.

אָבער מען דאַרף וויסען, אַז צווישען די אויסגעשטויסענע מענשען זיינען פאַראַן אמת'ע פּערל. נעמט אויף יעדען וואָס וועט קומען צו אייך און זאָגען אַ וואָרט וועגען גייסט. אפילו אין די געראָנצעלטע אויגען פון'ם מערדער לייכט אַמאָל אַ געדאַנק וועגען העלדענטאַט. און אפילו אַ פאַרשיקטער קען מקריב זיין אויף דער וואַך.

איך וויל זען אייערע לעגיאָנען אַלס אמת'ע וואווינערטער פאַר שטאַרקע גייסטער. געדענקענדיג, אַז קריסטוס האָט תפילה געטאָן צווישען מערדער, און בודאַ האָט אַנטפּלעקט פאַר דעם מערדער דעם סוד. אַזוי זאָלט איר פאַרשרייבען.

XI

1. עס פרייט מיך, ווען איר זייט פול מיט באַטייטונג פאַר דער צוקונפט. אַצינד איז אַ באַזונדערס וויכטיגע צייט. די אַלטע פאַראורטיילען שטעלען מיט זיך פאַר אַ באַרג מיספאַרשטאַנד. טונקעל זיינען די מענשליכע וועגען. אין אמת'ן קען בלויז אונזער אַנשטרענגונג ענדערען דעם לויף פון די געשעענישען. די טירישע געוואוינהייטען האָבען אַנגעפילט די רוציית פון דער מענשהייט.

קריסטוס האָט געלערענט רחמנות, און צוטראַטען איז דאָס געזעץ פון ליבע.

גאַטאַמאַ, וועלכען מען האָט גערופען בודאַ, האָט נעבעטין אויף דרייסטקייט און ענערגיע און זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך איבערגעגעבען דער פוילקייט.

קאָנפוציוס האָט געלערנט וועגן געאָרדענטער רעגירונג און זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפען.

עס איז שווער צו זאָגן וועלכעס פארברעכען עס איז ערגער, דערפאר טאָר מען נישט רעדען וועגן פעלקער. מען קען בלויז רעדען וועגן פערזענליכקייטען. פוילקייט איז אַ שרעק און קען זיך גרעניצען מיט פארברעכען. עס איז שווער צו דערזען די פאָלגען פון פוילקייט, נאָר זי פארוואנדעלט דעם מענשען אין א חיה.

איך וועל זאָגן — זי איז איינע פון די הויפטשטערונגען אויף׳ן וועג. טיילמאָל איז אַ מערדער רירעוודיגער אויף׳ן גייסטיגען פלאַן.

די אונטערקויפונג נעמט אויך אָפּ ביי אַ מענשען דעם צו־טרוי פון דער ברודערשאפט, ווייל דער פארראַט פון אזעל־כע מענשען איז גרויס. אויך די אָבוועזענהייט פון רחמנות מאַכט אַ מענשען אומפעהיג צו אַ העלדענטאַט. ווייל אזעל־כע נשמות פארמאָגען נישט קיין דרייסטקייט.

2. פארשטייט זיך, דער גאנצער אוניווערס באַשטייט פון פילפארמיגע אָנפאַנגען. אונטער אָנפאַנג פארשטיי איך אַ ריי גרונט־עלעמענטען.

אָנפאַנגס־עלעמענטען רופען מיר אָן יענע עלעמענטען, וואָס געפינען זיך אין אַ פרייען צושטאַנד, דאָס הייסט די עלע־מענטען, וואָס האָבען נאָך נישט אריינגעטראָטען אין אַ נעגענזייטיגער פאראייניגונג. איינער פון די הויפט־שטרי־כען פון דער קראַפט פון באַשאַפונג איז די נויטווענדיג־קייט פון פאראייניגונג.

פאַר אונז איז דער וועלט־אָנפאַנג דאָס גרונט־געזעץ פון׳ם

קאָסמאָס, וועלכער קען בלויז אין טיילן אויסגעפאָרשט ווערן. פאַרשטייט זיך, עס איז שווער, אָבער מעגליכ־קייטן זיינען פאַראַן. אַ סך פון אונז האָבן גייסטיג דערגרייכט, אָבער אויסדריקן עס אין אַן׳אַלגעמיינער לאָ־באָראַטאָרישער פאָרמעל איז אוממעגליך ווי לאַנג עס זיינען פאַראַן אומאויסגעפאָרשטע ציקלען.

אַזוי ווי אַ פילגראַניגער קרישטאָל שפּילט דער קאָסמאָס. דער פאַרשטאַנד איז פעהיג אַנצוכאַפּן בלויז איין פינקעל פון׳ם קרישטאָל. נישט אומעטיג נאָר פריידיג. פאַר־שטייט זיך, פליישהאַקערס קענען נישט איבערגעבן די גאַנצע פיינקייט פון די באַגריפן.

3. און זיי וועלן פאַרגעסן די אָפּרו און וועלן אָנ־הייבן פּלאַפּלען זייער נאַרישקייט. ווייניג פאַרשטעלונג, ווייניג פאַרשטיין, ווייניג וויסן, ווייניג געפיל פון מאָס, נישטאָ קיין שיינקייט, נישטאָ קיין העלדענטאַט, נישטאָ קיין פאַרלאַנג זיך אָפּצוזאָגן פון באַקוועמע געוואוינהיי־טען.

זייט גרייט צו זען אויך די קאָמישע פיגורען. מען דאַרף קענען פירען, מען דאַרף, מען דאַרף, מען דאַרף!

אויב איר וואָלט געוואוסט ווי אָפט עס קומט אונז אויס צו לויבען זאַמדיגע הויפענס, אַנרופענדיג זיי שלעסער. פאַרשטייט זיך, עס פרייט אונז, ווען דער בויער שיינט מיט באַגייסטערונג פון לויב און איז גרייט צו בויען נייע הויפענס. געדענקט דאָס.

4. דיסציפּלין איז דער אָנהויב פון אַלעם.

XII

1. לאמיר רעדען וועגען דעם הערשער בודא. מענ־שען מאַכען זיך נישט קלאָר דעם גרונט פון דעם געבענש־טען׳ם לערע. דער גרונט איז — דיסציפּלין.

גייסטיג און קערפּערליך האָט דער מאַנאַך פון דער קאָ־מונע געשטרעבט זיך אַנצוהאַלטען אויף׳ן וועג. די ערשטע יאָרען האָט ער געטראָגען שווערע לערניאַר. אים איז פאַרבאָטען געווען זיך צו הרג׳ענען מיט די אַסקעטישע איבונגען — נאָר עס איז פאַרגעשריבען געווען צו פירען אַ קאַמף מיט דעם איינציגען אַנהויב פון גייסט. אַזוי שטרענג האָט בודא געלערענט די תלמידים. אין אמת׳ן האָבען זיי בלויז אין גייסטיגען קאַמף געקענט פריי־, דערפאַר רעדט מען וועגען דערנער אין וועג.

בלויז ווען דער ווילען פון׳ם אַסקעט איז געבוירען געוואָ־רען אַזוי ווי אַ לייב און די זילבערנע צוים פון׳ם גייסט האָט געפינקעלט אויף די געפילען פון׳ם תלמיד. בלויז דאַמאָלס האָט דער הערשער אויפגעהויבען דעם פאַרהאַנג און געגעבען אַנ׳אויפגאַבע.

דערנאָך האָט זיך שוין דער תלמיד שטופּענווייז אריינ־געלאָזט אין די סודות פון וויסען.

2. דער געבענשטער האָט געזאָגט: „דער אמת איז דער איינציגער קוואַל פון דרייסטקייט". — דער ריכטיג־פאַרשטאַנענער אמת איז דאָס שענסטע און דאָס קלוג־סטע קאַפּיטעל אינ׳ם בוך פון׳ם קאָסמאָס.

3. דערווא כאָן איז נישט קיין אומבאַדינגטער צו־

שטאנד. דעווא כאן איז ענליך צו א רעזערוואר פון כחות, אין אים קומט פאר א באנייאונג פונ׳ם גייסט.

אבער א סך נשמות האבען א גרויסען זאפאס כחות און נויטיגען זיך נישט אין אים. זיי ווארטען אויף דער צייט פאר א נייער דערשיינונג, דערפאר איז וויכטיג צו דערגרייכען די אמת׳ע לערע וועגען Skandhas

דאס געזעץ פון באשטימטע צייטען איז פונקט אזוי וויכטיג, ווי דאס געזעץ פון קארמא. דאס געזעץ פון באשטימטע צייטען פירט די פאראייניגונג פון Skandhas

דער גייסט קען ענדערען די פעלערען פונ׳ם פיזישען קערפער — הויפטזעכליך דער גייסט.

קיין אויסטערלישער זכרון עקזיסטירט נישט, עס איז בלויז פאראן די פעהיגקייט ארויסצורופען פאקטען און בילדער.

דער אסטראל איז נאך פיל מיט ערדישע מעגליכקייטען, אבער ווייטער הערשט דאס ווילען פונ׳ם גייסט, דאס וואוסטזיין אבער איז נישט דאס ווילען פונ׳ם גייסט. דאס הייטעל. אינ׳ם אסטראל איז נאך פאראן דאס איבערבלייבעכץ פונ׳ם פערזענליכען באוואוסטזיין. דאס באוואוסטזיין אבער איז נישט דאס ווילען פונ׳ם גייסט. דאס באוואוסטזיין איז אנ׳אפגעשלאסען ווילען פונ׳ם גייסט. דאס ווילען פונ׳ם גייסט פארמאגט קלארקייט פון פארשטעלונג, אבער אקטיוו ארויסווייזען זיך, קען עס בלויז ווען עס טרעט אריין אין דער פאראייניגונג פון Skandhas און באפרוכפערענדיג דאס באוואוסטזיין פון דער געגעבענער פאראייניגונג.

איך האָב איץ זיך די גאַנצע צייט גייסטער, וואָס אונטער־ליגען דער קאַרמאַ און דעם געזעץ פון באַשטימטע צייטען.

די עוואָלוציע פון פרייע גייסטער איז אַן׳אַנדערע. לאָמיר נענטער צוגיין צו דער פראַגע פון׳ם איינפלוס פון דער קאַרמאַ אויף דעם וועזען פון גייסט אין אַנדערע ספערען. דאָס איז וויכטיג צו וויסען, מען דאַרף קלאָר מאַכען דעם אונטערשיד צווישען באַוואוסטזיין און ווי־סען פון גייסט.

4. איך וועל זאָגען, גרויס איז די פאַרשטענדיגקייט אין אַנדערע וועלטען. רופט אַ מענש און איך וועל אייך זאָגען זיין אַנטוויקלונג, נאָר אַנווייזען אַן׳אַלגעמיין גע־זעץ איז כמעט אוממעגליך.

דער שטאַנד פון׳ם גייסט איז אַ שטאַפּעל צו דער העל־דענטאַט. ווען אַלע מענשען וואָלטען געוועזען קעניגען פון׳ם גייסט, וואָלט נישט געווען האַלב אַזויפיל שלעכטס.

5. איצט וועגען די באַשטימטע צייטען. דאָס געזעץ פון דער קאַרמאַ און דאָס געזעץ פון באַשטימטע צייטען איז ענליך צום צוויי־פנים׳דיגען יאַנוס — איינער געבערט דעם צווייטען.

קאַרמאַ טראָגט די פרוכט פון טאַטען און רופט אַרויס די צייט פאַר אַנטפּלעקונג.

באַמערקט — די פּערזענליכע קאַרמאַ, די גרופּען־קאַרמאַ און די קאָסמישע קאַרמאַ דאַרפען פאַראייניגט ווערען און דאַמאָלס וועט די צייט זיין די ריכטיגע. די אַנטוויקלונג פון דער פּערזענליכער קאַרמאַ ציט אָפטמאָל נאָך זיך די גרופּען־קאַרמאַ. טייל גייסטער ריכטען זיך איינגאַנ־

צען מיט דער קאַרמאַ, דאָס הייסט דאָס וויסען פונ'ם גייסט איז מינימאַל — דאַמאָלס איז די קאַרמאַ די איינציגע מעגליכקייט פון עוואָלוציע.

6. נייע, נייע, נייע — נישטאָ קיין אָרט פאַר די אַלטע אין דער נייער געביידע. צו וואָס זיך ווענדען צו די אַלטע, ווען דער מאָרגענרויט פון דער נייער וועלט באַלייכט שוין דעם האָריזאָנט? ווען דער וואַנדערער טרייבט אונטער דאָס פערד, כדי צו דערגרייכען דעם ציל און אַפילו מיר קוקען זיך איין אויפ'ן זייגער פון עוואָלוציע און צולייגענדיג דאָס אויער צום זאַמד פון דער מדבר, הערען מיר ווייטע שטימען: מען רעדט וועגען אַנ'אומגעוויינליכער עפּאָכע.

7. נישטאָ קיין באַשטענדיגקייט אינ'ם קאָסמאָס, אַפילו אַנ'איינפאַכע זאַך, איז אין צוויי זיך נאָכפאָלגענדיגע מאָמענטען פאַרשידען.

דריטער טייל

I

1. פארשטייט זיך אנ'אייגען שיפעל, כאטש א לעבער־דיגס, איז בעסער איידער א פרעמדע שיף. מיר שעצען דאס שווימען בלויז אין אנ'אייגען שיפעל.

2. פארשטייט זיך, דאס לעבען איז פרעכטיג, נאר אמאל האט מען געאורטיילט מיט די טירישע אינסטינקטען, דערפאר האט מען נישט געקענט אנווייזען די שיינקייטען פון לעבען.

עגיפטען האט געהאט א הויכע קולטור, אבער מען קען נישט זאגען, אז די איצטיגע קולטור איז נידריגער. די קולטור איז געווען קאנצענטרירט אין צפון־אינדיען, בלויז איינצעלנע מענשען האבען פארמאגט וויסען. קאסטעס האבען געשטערט דער קולטור — א נארישע דעמפיגקייט. דער הערשער בודא אליין האט געוואלט ארויסטרייבען אט דאס קלאסען־מיספארשטיין. פריידיג איז געווען דעם הערשער'ס לערע.

3. אין אמת'ן האט זיך דער הערשער בודא געקענט באווייזען. דער הערשער האט זיך אנטפלעקט צו א סך. נאר ער האט געוואלט מאכען זיין לערע פאר דעם איינ־

ציגען קוואל און דערפאר האט ער פארניכט פערזענליכע דערשיינונגען.

קיין גאט־בעטען האט נישט עקזיסטירט אין דעם הערשער׳ס לערע — עס איז געווען דאס וויסען און די פערזענליכע העלדענטאט. אט דאס איז געווען דער כאראקטער־שטריך צו דערלערנען דעם הערשער. אט דערפאר איז זיין סימ־באל געווען דער לייב. מיר רופען אפטמאל אן דעם הערשער — דער קעניג פון געדאנק!

ריכטיג האט איר פארשטאנען וועגען דער אומרעאלקייט פון דער אומגעבונגס־וועלט. ווען איך האב אייך געזאגט, גייט מיט׳ן אויבערשטען וועג אין לעבען, האב איך איבער־גע׳חזר׳ט די ווערטער פונ׳ם הערשער. ווי איר זעט, האט דער הערשער אנערקענט די רעאלקייט פון דער אומ־געבונגס־וועלט פאר דעם געגענווארטיגען ציקל און האט געלערענט זיינע תלמידים פליכט.

4. פעסט פארמאכט די קאסקעס. אויף דער גרעניץ פון געשעעניש־ען איז דאס שווייגען. ערב דער שלאכט גרייט שטיל צו דאס געווער.

אויב מען פלעגט פריער דורכגיין שטעט ביים צורופען פונ׳ם פאלק, וועלען מיר איצטער דורכגיין שווייגענדיג ביים זונאויפגאנג.

אויב עס האבען פריער געדונערט באגריסונגען, איז איצט די העלדענטאט.

אונז איז ענג פון מענשליכען כבוד.

גליק און שטרענגקייט איז איין באגריף. פריער האבען מיר געשיקט דאס צווייגעל פון פרידען. פריער איז אונ־

זער סימבאל געווען די טויב, איצט דער כוס פון דער העלדענטאט.

יא, יעדער יארהונדערט האט זיך זיין סימבאל.

5. די עפאכע פון פערזענליכען האנדעל איז פארביי. די קליינע פארקאפערס וועלען נישט זיין מער. עס איז בעסער צו טראכטען וועגען נוצען פאר׳ן פאלק.

איך האב נישט ליב צו ריידען וועגען באלוינונגען פאר מי, אבער די באלוינונג וועט גיך קומען. איך רעד וועגען דער פרייד פון ארבייט. די קאאפעראטיווע איינארדנונג איז די איינציגע רעטונג.

6. האלט טייער די ברייטקייט פון געדאנק. איך לערן אייך טייער האלטען די גיגאנטען פון ווילען.

ארום אייך וועל איך פארבינדען דעם געהייליגטען קנופ — דעם אומגעזעענעם. אונזער באפעל איז צו נעמען אויף די פלייצעס דעם באוויז פון מיין אנקומען. הויבט אויף אייער שווערען שילד פאר׳ן ווילען פון אייער שטארקען באוואוסטזיין. מיר וועלען זאגען : „הערשער, איך וועל העלפען דיין לאנד, מיין גייסט איז איינגעהילט אין פאנצער פון פורכטלאזיגקייט. העל ברענט אויפ׳ן שילד דיין שטערן. איך וועל אויפנעמען אין שילד אלע פיילען פון דיינע געגנער. איך וויל דיר העלפען“.

7. איך וויל דערציילען וועגען צוויי גענעראלען פון אקבאר. אקבאר האט געענטפערט : „דיין פארשטענדליכקייט האט און דער צווייטער זייער קורצע.

ענדליך האט זיך דער צווייטער געווענדט צו אקבאר׳ן מיט די ווערטער : „מיט וואס האב איך עס נישט פארדינט

די געגויע באַפּעלן, ווען איך האָב אַזוי פיל זיגן גע־בראַכט ?

אקבאַר האָט געענטפערט: „דיין פאַרשטענדליכקייט האָט איינגעהאַלטן דעם שטראָם ווערטער. זאָל יעדער אוי־גענבליק, וואָס דו האָסט פאַרהיטן, אָפּגעצייכנט ווערן מיט אַ בעסערער פּערל“.

דערפאַר איז גרויס די פריידן פון יענע, וואָס קענען פאַר־שטיין, אָפּהיטענדיג דאָס געטראַנק פון׳ם קוואַל.

מען קען פאַרגלייכן דאָס ווען פון דער לערע מיט דער פאָדערונג פון געוויסע מאָמענטן פון׳ם קאַמף. איך וועל נישט באַהאַלטן, אַז נאָך אַנ׳ערפאָלג זאַפּט זיך כסדר דורך אַ טונקעלע באַוואוסטקייט און מען דאַרף געבן צייט די קוילן פאַרבייצופליען באַזונדערס, ווען אַ פעסטונג איז באַצייכנט אויפ׳ן שונא׳ס קאַרטע. נאָר ווען די קוילן וועלן אויפרייסן די ערד אַרום, וועט זי בע־סער טויגן פאַר די צוקונפטיגע פונדאַמענטן. דער־פאַר וועט דער וואָס האָט געדולד קענען פאַרלייגן די צו־קונפטיגע פונדאַמענטן. ווען מיר זיצן אין שטילקייט ווערט פעסטער די פאַרבינדונג.

די דערשיינונג פון אַ נייעם אַנוואוקס באַצייכנט אַ נייע שטופּע און מיר קענען שוין די אויסגעפיינטע שונאים. אָבער הינטער אונז זיינען אַרויסגערופן נייע כחות און דערפאַר דאַרפן מיר נישט די אַלטע וועגן.

8. דער הויפּט־פעלער, וואָס די פראַגן און פּראָבלעמען פון לעבן זענען נישט פאָרמולירט. דערווייל, קען איך יעדע מינוט פרעגן און דאָס דורכגעלאָזטע חזר׳ט זיך נישט

איבער. עס איז געזאָגט געוואָרען : איר ווייסט נישט דעם טאָג, נישט די שעה.

איך בעט צו פאַרשאַרפען דעם געדאַנק, ווי אַ שווערט. לער־נען קען מען זיך אָן אַ סוף.

ווען איך בעט העלפט מיר בויען מיין לאַנד, ווענד איך זיך נישט צו סקעלעטען, נאָר צו לעבעדיגע שעפּפערישע גייס־טער. יעדען ווערט אָנגעצייכענט זיין קרבן. דער סימבאָל פון אָפענע אויגען — איז אַזוי וויכטיג.

9. העלפט בויען מיין לאַנד, דאָס ציטערען פון דער אַלטער וועלט וויל מען נישט זען. נישט שטרענגקייט נאָר די זאָרג וועגען דעם שיינעם פּלאַן צווינגט מיך דאָס צו באַ־שטעטיגען. און פאַרוואָס פון אַמריטאַ'ן מאַכען אַ לינזען־זופּ ?

יעדע שעה זאָגט צו זיך : קיין זאַך וועט נישט אָפּהאַלטען מיין לויף צום לערער. איך האָב טויזענט אויגען און מיין קראַפט וואַקסט בלויז אין באַוועגליכקייט.

די דערשיינונג פון באַוועגליכקייט און דערפינדערישקייט זענען אומצוטיילבאַר.

10. איר ווייסט שוין וועגען דעם פאַרשאָלטענעם קרייז, איר ווייסט וועגען זיין וויסענשאַפטליכער באַדייטונג. דער פּלאַן האָט די באַזונדערע אייגענשאַפט, אַז עס איז באַשלאָ־סען צו פאַרגלעטען די באַשיצונג פון'ם קרייז, ווייל זי איז די קאָסמישע שטערונג.

אַ געוויסע אַרט שרעקעדיגקייט האָט ארומגענומען די מענש־הייט מיט פאַרשידענע קינסטליכע קרייזען. איצט איז די צייט אָפּצולאָזען די קאָנווענציאָנעלע פאָרמען. עס איז צייט

מיט איין דערוואכטען גייסט צו באגעגנען די דערשיינונגג פון ערד און הימעל. עס איז צייט מיט אָפענע אויגען צו זאָגען די געבורטען פון די סטיכיעס — איך האָב פאַר אייך נישט קיין מורא! ווייל איר קענט מיר נישט פאַר־צוימען דעם אָנגעוויזענעם וועג.

עס איז צייט צו זאָגען דער וועלט — איך גיי אַלס דיין העל־פער און וועל דער זון אַליין אויסשטרעקען מיין האַנט. און ווי לאַנג דער זילבערנער פאָדים איז גאַנץ, וועלען די שטערען אַליין זיין מיין פאַנצער. אַזוי איז דער איינפאַכער וועג אָנגעוויזען דעם מענשען. און ענדליך וועלען די אָפּ־געטער פון סימבאָלען אָפּגעווישט ווערען מיט אַ שטראַל פון ליכט. און נישט געטער, נאָר מיטאַרבייטער וועט אונז דערלויבט זיין צו זיין. דאָס איז די צוואה פון איינפאַכקייט.

II

1. האָט נישט קיין מורא נאָנט צו באַטראַכטען דאָס געוועבער פון אייער ברודער. נאָר איבערקלייבענדיג מיט אַ זאָרגזאַמער האַנט אַלע רינגען פון׳ם פאַנצער, קענט איר דערקענען וועלכע זייט פון׳ם ברודער עס איז ווייניגער באַ־שיצט. דאָס געוועבער גלאַנצענדיג פון דרויסען, וועט נישט אויסהאַלטען אַפילו אַ לייכטע פייל.

דערפאַר, אויב איר וועט אַנטאַפּען אַ שוואַכען רינג, קענט איר זאָגען: „ברודער אין נאָמען פון לערער, קוק אַרום דעם פאַנצער און ענדיג דאָס פאַרהאַרטען, אַז נישט איז בעסער צו שלאָגען זיך אָהן געוועבער". — קוקט זשע אַרום דאָס גע־

ווער פאר יעדער שלאכט. גרויזאם איז דער גורל פון דעם וואס האט אפגעהיטען בלויז איין הענטעל.

באזונדערס פרייען מיר זיך, ווען די גרויסקייט פונ'ם פלאן ווערט איינגעהילט אין איינפאכקייט. געדענקט, איינפאכקייט פארמאגט א צוציהונגס־קראפט. אט דער מאגנעט ענטפערט דעם נייעם הויז.

א הארניג דיינקען לאזט די פייגעל נישט זינגען, אבער מיין גאנג איז בלויז אונטער א ליד.

2. מען וועט פרעגען: וואסער הימעל איז אייערער? זאגט — דער הימעל פון ארבייט און קאמפ. פון ארבייט ווערט געבוירען די אומבאזיגבארקייט, פון קאמפ — די שיינקייט.

יא, איך האב שוין היינט געזאגט — איך גיי אליין! טאקע מיינע פיילען פליען אין מיין לאנד און פארבינגע שפראצונגען ווארטען אויף די גערטנער.

אויף די ווענט זיינע מיינע צייכענס און אינ'ם מורמלען איז מיין ווייען. זאלען די קוסטען וואקסען ווילד, עס איז לייכטער צו צושפרייטען זיי, איידער צו פארפלאנצען. האט פאר קיין זאך קיין מורא נישט, אונזערע בלומען זיינען פארשידען, נאר מיט דער שטים פון די הערשער וועט איר ברענגען אין ארדנונג.

באמערקט, ווי עס ווערט פארוואקסען אונזער פעלד. די נויטיגע שפראצונגען זיינען גרין, די טרוקענע פאלען אפ און ווערען שווארץ. מען קען שוין צייכענען די לאנד קארטע פון נייעם קאמפ. איר וועט צוגעבען די געביטען פון גייס־

טיגען קאַמף און פאַרשווארצען די בערג פון אמאָליגען שטאָלץ.

ווי איך האָב געזאָגט — בעסער מיט ארומשלעפערס, איידער מיט היפאָקריטען. געוואוינט אייך צו זען דאָס פייער פון גייסט אין די אויגען.

אַ פּראַק פאַרמאָגט נישט דעם שטערן פון קאַמף, וואָס לויכט אויף קאַפּטאַנעס.

לאָמיר היינט געדענקען — דעם הימעל פון אַרבייט און קאַמף.

3. צוזאַמען מיט דער גלייכמאָסיגקייט דאַרף מען פאַרשטיין די נויטווענדיגקייט. אַזוי וועט די לעצטע אויספירונג זיין דער פּרואוו פון נויטווענדיגקייט, אַנדערש רעדענדיק, דאַרף יעדער אויסגעפּריווטער זאָגען, וואָס ער האַלט פאַר דעם נויטווענדיגסטען. לויט זיין באַלדיגען ענטפער וועט אויסגעמאָסטען ווערען זיין באַוואוסטזיין.

4. דער גראַד נוצליכקייט קען זיך ענדערען. די גראַדען נוצליכקייט זיינען דאַך גלייך צו דער צאָל בלעטער אויף די בוימער.

אויב מיר ווילען דאָס קומען זאָל נישט אָפּגעלייגט ווערען דאַרף מען נישט אָפּלייגענדיג אָפּרייניגען די וועגען. מען דאַרף זיך צוגעוואוינען ביי־טאָג און ביי־נאַכט צו דערפילען די באַפעלען און דורכגעדרונגען ווערען מיט די געזעצען.

איך האָב נישט ליב יעדע היפּאָקריצטווע. זאָל אַ שטראַל באַלייכטען די העלדענטאַט. וואוהין וועל איך שיקען דעם שטראַל, אויב אַ נאַסער מושלין איז פאַראַן אַנשטאַט אַ שילד.

די הויפטזאך איז דאס נישט אפלייגען און די פעסטקייט פון די הענט אינ׳ם קלאפ.

אזוי ווי איך שיק אייך יעדען שילד, אזוי זאלט איר זיך באנוצען מיט יעדען מאמענט. איר גייט דאך נישט פאר באצאלט און נישט פאר שרעק, נאר פונ׳ם באוואוסטזיין פון קאסמישער שיינקייט.

5. איך וועל זאגען, פון וואנען עס האט זיך אנגע־הויבען דער חילוק צווישען בודא׳ן און דעוואדאטא׳ן. דע־וואדאטא האט געפרעגט: „פון וואס אנהויבען יעדע טאט?“ — דער געבענשטער האט געענטפערט: פון דעם נויטיגסטען, וויל יעדער אויגענבליק האט זיין נויטווענדיגקייט און דאס ווערט אנגערופען די גערעכטיגקייט פון דער טאט“.
דעוואדאטא איז ווייטער צוגעשטאנען: „ווי אזוי אנטשטייט די זעלבסטפארשטענדליכקייט פון דער נויטווענדיגקייט?“ — דער געבענשטער האט געענטפערט: „דער פאדים פון דער נויטווענדיגקייט גייט דורך דורך אלע וועלטען, נאר דער וואס פארשטייט אים ניט, וועט בלייבען אין א געפער־ליכען פעלזענשפאלט און וועט זיין אומבאשיצט פון שטיי־נער“. — אזוי האט דעוואדאטא נישט געקענט אונטערשיידען דעם שטריך פון נויטווענדיגקייט און אט די פינסטערניש האט אים פארשטעלט זיין וועג.

דערפאר פילט א פלינק פערד אפילו מיט׳ן ברעג פון זיין קאפיטע אויף וועלכען שטיין פריער זיין פוס צו שטעלען. אזוי פילט זיך די ארדנונג פון באוועגליכקייט, גלייכמאסיג־קייט און נויטווענדיגקייט.

א סך פון אונזער היסטאָרישע פאַרצייכנונגען ווערען אַנגע־נומען פאַר אויפשריפטען פון אַמאָליגע געזעצגעבער.
אַמאָל מאַכט אַפילו קריסטוס׳ אָדער בודאַ׳ס נאָמען שווערער די לייכטקייט עס אויפצונעמען, נאָר אויפשריפטען אויף אַנ׳אומבאַקאַנטען שטיין ציען לייכטער צו די אויפריכטיגע אויפמערקזאַמקייט.
דאַרף מען דען קלאָר מאַכען, אַז די בעסטע נאָכפאָרשונג איז ווען עס פלאַמט אויף אַ פונק פון גייסט. דערפאַר זאָלט איר וויסען, ווען עס איז בעסער צו דערמאָנען דעם נאָמען אָדער עס איז נוצליכער צו געבען דאָס וועזען פון דער צואה. גע־דענקט, ווען איר וועט זיין אויף פאַרשידענע וועגען.
6. אָט וועלען מיר שיקען זיבען דינער אויפ׳ן מאַרק צו ברייגנען וויינטרויבען. וואָס זע איך? דער ערשטער האָט פאַרלוירען דאָס געלט, וואָס מען האָט אים געגעבען.
דער צווייטער האָט עס אויסגעביטען אויף שכור־וויין, דער דריטער האָט עס באַהאַלטען. דער פערטער האָט נישט דער־קענט די גרינע וויינטרויבען. דער פינפטער, פריוועגדיג צו זיי זיינען צייטיג, האָט צוקוועטשט דאָס גאַנצע שטענגעל. דער זעקסטער האָט קלוג אָפּגעקליבען נאָר האָט אַ שטויס געטאָן און זיי אומפאַרזיכטיג צושאָטען. דער זיבעטער האָט גע־בראַכט אַ צייטיג שטענגעל, און האָט געפונען בלעטער צו באַשיינען עס.
אַזוי זיינען זיבען דורכגעגאַנגען איבער איין וועג און אין איין צייט.
דאָס געזעץ פון דער נייער וועלט באַטראַכט. מיר וועלען ברענגען אי דעם גייסט אי דעם קערפער, ווייל עס איז נישט

געוועזן קיין שענערע העלדענטאַט. איך רעכען, מיר לעבען איבער די פאַרפּלאָנטערטסטע צייט. אָפּשפּיגלונגען פון געשעענישען שטופּען זיך ביי די טויערען.

איר ווייסט, ווי אַ שיף שוועבט אויף אַ כוואַליע. דערפאַר איז דער אמת נישט די שמועה, נאָר מען דאַרף שפּייזען דעם גייסט.

7. וועגען פאַרלייגען מאַגנעטען. דער מאַגנעט שמידט די פאָרטזעצונג פון דער עוואָלוציע פון׳ם פּלאַנעט. דער מאַגנעט ווייזט אַרויס אומפאַרענדערטקייט. דער מאַגנעט באַשטימט דעם מענשליכען וועג. מאַגנעט איז פאַראַן אין פאַרשידענע פאָרמען. אָדער אַנ׳אומצוקרישעלטער קערפּער פון אַ פירענדיגען פּלאַנעט, אָדער אַ טייל פון אַ קערפּער, וואָס איז פאַראייניגט מיט די איבריגע טיילען, אָדער אַ זייטיגע זאַך, וואָס האָט באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט אַ מאַגנעט דורך באַרירונג.

אַ מאַגנעט בלייבט אָדער אומגעזען, צוציענדיג דעם פלוס פון געשעענישען, אָדער ער דינט אַלס צענטר פון באַוואוסטזיניגער טעטיגקייט. אָדער ער באַלייכט דעם מענשען וואָס האָט אים געפינען.

מען קען זען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. ווי אַ נעץ מאַגנעטען, אַזוי ווי לייטענדע פייערען, האָט אויפגעפלאַמט.

ווי אַזוי זשע אַרבייט דער מאַגנעט ? ער שאַפט איבער אידעען פון רוים אין טאַט. אַ סך מאַגנעטען ליגען אונטער דעם גרונט פון שטעט. אַ סך זיינען געפונען געוואָרען. דער סימבאָל פון בריליאַנטען אין מעטעאָר, געשיקט פון׳ם רוים,

דארף, חזר איך איבער, פארשטאנען ווערען וויסענשאפטליך.

מען דארף צוזאמענקלייבען אלע מינוטען פון דער פרי און אוונט. דאס לעבען פונ'ם בעל־הבית האט זיך געענדיגט, עס האט זיך אנגעהויבען דער אויפגאנג פון דער העלדענטאט. דער גורל איז גרייט צו ענטפערען פאר אלע שוועריגקייטען, נאר נעמט אן.

א שטראל קען לייכטען דורך א פענסטער.

8. די אייגענשאפט צו זיין אומגעזען איז אפט רעטענ־דיג. די אייגענשאפט צו זיין דער היטער פון סודות איז בכבוד'יג. די אייגענשאפט צו זיין ארויסגעשטעלט צום צו־טרוי איז בכבוד'יג. די מאכט פון תפילה'דיגען שטייז מאכט גייסטיג וואקסען.

9. איך האלט אלע סיגנאלען דארף מען אנצינדען, די צייכענס דארף מען לייכט פארשטיין. יעדען פון די גערופענע וועל איך געבען צייכענס, אבער מען דארף זיי אננעמען. איך קען זאגען, ווי עס איז טיילמאל אויסגעקומען צו בא־נוצען זיך מיט איבערמעסיגע צייכענס. נאר נישט אלעמאל קען מען זיך באנוצען מיט זיי.

איך וועל דערמאנען, איינמאל האט זיך איינגעגעבען צו ראטעווען א מענשען פון א שריפה, אבער ער האט נישט געהערט די צייכענס און דערפאר האט ער דאך צובראכען א פוס.

אנ'אנדערשמאל, ראטעווענדיג פון א טויטליכער אונטער־שריפט, איז אויסגעקומען א חוץ גייסטיגער געגענווירקונג, צו באנוצען זיך מיט אזא מוסקול־קראפט, אז די האנט איז

אויף לאַנג אָפּגענומען געוואָרען. ראַטעווענדיג פון אַ גע־פערליכער חיה, איז אויסגעקומען אָראָפּצושטופּען פונ׳ם וועג. — אַזוי דאַרף מען נישט אַרויסצווינגען אויסערגע־וויינליכע קייגענווירקונגען און מען דאַרף זיך פיין צוהערען צו די רעטענדיגע וויאונגען.

10. מען דאַרף געבען אַ גייסטיגע דערהויבענקייט. ביי אונז אַכט מען דעם לערער אין טעטיגקייט. ביי אונז לעבט מען מיט דעם וואונדערליכען חלום. **ביי אונז איז דער וועג** פאַרזייט מיט פּאַדקאָוועס פון העלדענטאַט. ביי אונז איבער די געצעלטען לייכטען די שטראַלען פון דרייסטקייט. ביי אונז איז אַ פרייד צו זיין אָפּגעברענט מיט דעם פלאַם פון אמת. ביי אונז איז דער וועג פאַרדרייפאַכט, פאַרלענגערט.

איז דען נישט קיין גליק צו שטרעבען געגען דער לעבלאָזער מאַטעריע און מיט׳ן שפּיז פון גייסט אָנצינדען די פונקען פון שאַפענדיגען גייסט?

דער לערער, דער לערער, דער לערער גייט מיט דער פייל פון באַפעל. איך וואָלט קיינמאָל נישט אָנגענומען די שטילע אויבערפלאַך פון וואַסער, נאָר איך וועל אָננעמען דעם גאַנצען דונער און מיינע לוחות וועלען מיט בליצען איבערשאַפען דעם פירמאַמענט. איך וועל אַרויסלאָזען אַ טויב פאַר אַנ׳אַנ־זאָגער, נאָר איך וועל מיך אַראָפּלאָזען אַלס אַנ׳אָדלער.

אַזוי זאָל מיין יעדער קריגער צוגרייטען דאָס געווער!

11. איך ווייסט שוין וועגען אַקבאַר׳ס צוויי גענעראַלען. מיר וועלען צוגעבען וועגען אַ דריטען. ער האָט געפרעגט: „פאַרוואָס ווערט שפּעט און צו פרי אַלצאַיינס פאַרגעוואָר־פען?“ — אַקבאַר האָט געזאָגט: „מיין פריינט, עס זיינען

נישט פאראן קיין אלצאיינע גרויסקייטן. דערפאר, אויב פריצייטיגקייט שליסט איין זיך אין דערפינדערישקייט, איז איר פרייז בעסער, ווייל די פארשפעטיגקייט איז בלויז פאראייניגט מיט'ן טויט. פריצייטיגקייט קען געמשפט ווערן, פארשפעטיגקייט איז שוין פארמשפט".

12. מיין באפעל איז צו פארשטיין די באדייטונג פון דעם וואס קומט פאר. אזוי ווי איך האב היינט צוגעזאגט צו געבען א באפעל, אזוי זאלט איר אויך גרייט זיין צו דער טאט.

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף גיין אויף קעמלען — גייט!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף פליען — פליט!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף שווימען — שווימט!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף זיך פארגראבען אין א לאך — פארגראבט אייך!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף זיך באווייזען אין האלבער נאכט — באווייזט אייך!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף זיך צואיילען ביז זונאויפגאנג — איילט אייך צו!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף פארדעקען די הייליגקייט מיט דעם שילד — דעקט צו!

אויב איך וועל דערזען, אז מען טאר נישט איינדרימלען — דרימעלט נישט איין!

אויב איך וועל דערזען, אז מען דארף מיר גלויבען — גלויבט מיר!

און אייער מאנטראם וועט זיין: „איך וועל העלפען בויען

דיין לאנד אין נאמען פון דער מוטער פון דער וועלט און פון מיין פאטער!"
מיר וועלען פארשטארקען אונזער קראפט מיט'ן פייער פון גרייטקייט און מיר וועלען גיין איבער די גאלדענע זאמדען, וויל מיר גייען צו די הערשער.

13. איר קענט בעסער דערציילען וועגען מיין באגער צו זען אלע ביי דער ארבייט. מען דארף אנשטרענגען די אורע, אנדערש קען זי נישט וואקסען.
מען דארף קלאר פארשטיין, אויף וויפיל די הימלישע שטראַלען זיינען אומנוצליך, אויב עמאנאציע באגעגענט זיי נישט פון די נערוון־צענטערען.
איך האב שוין גערעדט וועגען דער פארשטימונג פון דער צונג און וועגען צובראכענע הענט, אט זיינען די פאלגען פון הימלישער קייגענווירקונג אהן ערדישען ענטפער.

14. איך וויל זען קאאפעראציע נישט אין בריף און נישט אין פארזיכערונגען, נאר אין טאטען. עס איז ריכטיג נישט צו רעדען וועגען ליבע, נאר באווייזען זי אין טאט. עס איז ריכטיג אויפצוגעבען די פארזיכערונג אין איבערגעבענקייט, זי ווייזט זיך ארויס אין טעטיגקייט. עס איז ריכטיג נישט צו רעדען קיין איבעריגע רייד זיי זיינען נויטיג אין דער טאט. עס איז קלאגענדיג, אויב קריגערס זאלען אין צייט פון אנ'אנפאל עפענען די קייטען און פארזיכערען דעם פירער אין ליבע. אין אמת'ן פליסט פארביי די צייט פון אנפאל און יעדער שטיין דארף גענומען ווערען מיט א געלונגענער באַוועגונג. לאזט פארשטענדיג ארויס די פיילען.
איך האב פריער גערעדט וועגען דער אומנוצליכקייט פון די

שטראַלען, ווען זיי זיינען נישט אין איינקלאַנג מיט דער עמאַנאַציע. מידקייט און צורייצונג קענען אָפּנעמען די נויטיגע שליחות. מען דאַרף קענען איבער דער אויבערפלאַך פון עמפּפינדונגען דערגיין צו אונז.

15. אַט וועלען מיר זיך פון קאָסמישע אָנצייכנונגען אומקערען צום טראָגען די שטיינער און אויף יעדען וועלען מיר אָנצייכענען דעם סימבאָל פון׳ם קרייץ.

איך וועל דערמאָנען ווי אַזוי בודאַ האָט אויסגעקליבען תלמידים צו אַ העלדענטאַט. אין מיטען זייער באַשעפטיגונג, ווען די תלמידים זיינען שוין מיד געוואָרען, האָט בודאַ פאָרגעלייגט די אומדערוואַרטסטע פראַגע און האָט געוואַרט אויפ׳ן שנעלסטען ענטפער. אָדער אַוועקשטעלענדיג די איינפאַכסטע זאַך, האָט ער זי געהייסען באַשרייבען מיט נישט מער ווי דריי ווערטער אָדער מיט נישט וויינינגער ווי הונדערט זייטען. אָדער אַוועקשטעלענדיג אַ תלמיד פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר, האָט ער געפרעגט, מיט וואָס וועסטו זי עפנען ? אָדער ער האָט געשיקט מוזיקאַנטען הינטער אַ פענסטער און געהייסען זינגען הימנען פון פולשטענדיג קייגענגעזעצטע אינהאַלטען. אָדער באַמערקענדיג אַ זלידנע פליג, האָט ער געהייסען דעם תלמיד איבערחזר׳ען ווערטער, פלוצלונג אַרויסגעזאָגטע. אָדער, פאַרבייגייענדיג די תלמידים, האָט ער געפרעגט — וויפיל איז ער פאַרבייגעגאַנגען ? אָדער, באַמערקענדיג די שרעק פאַר די חיות אָדער פאַר דערשיינונגען פון דער נאַטור, האָט ער געשטעלט אַ באַדינגונג צו באַקעמפען, אַזוי האָט דער מעכטיגער לייב פאַרפעסטיגט דעם שווערט־קלינג פון גייסט. געדענקט און באַנוצט דאָס !

16. מען קען ארויסווייזן דעם אושאָס פון דעם נייעם זונאויפגאַנג. די קראַפט פון ליכט פאַרברענט שוין די פינס־טערניש. מ.: — איז אַנ׳אומבאַזיגבאַרער גייסט. מיין גייסט ווייסט, ווי מאַכט ווערט געשמידט. איך שלאָג פאַר נישט תפילה צו טאָן צו מיר נאָר רופען מיך. און מיין האַנט וועט נישט פעלען צו באַווייזען זיך אין דער צייט פון שלאַכט.

ווי אַזוי זיינען מיר דורכגעגאַנגען די מדבר ? ווי אַזוי האָבען מיר געקענט באַצווינגען די שטיינער פונ׳ם שטראָם? ווי האָבען מיר געקענט איינצוימען די ווילדע פערד ? ווי אַזוי האָבען מיר געקענט שלאָפען מיט דעם פאַררעטער אונטער איין געצעלט ? ווי אַזוי האָבען מיר געקענט פאַרשטאַרקען אונזער גורל פאַר׳ן פייער פון פעדערגראָז. ווי אַזוי האָבען מיר געקענט באַצווינגען די שטיינער פונ׳ם שטראָם ־ ווי אַזוי האָבען מיר געקענט געפינען דעם וועג אין נאַכטיגען נעפעל ? ווי אַזוי האָבען מיר געקענט דערגרייכען די אומ־פאַרשטענדליכע באַגערען? ווי אַזוי האָבען מיר געקענט געוואָר ווערען דעם וועג פון לעבען ? — אין אמת׳ן בלויז מיט דער וואַכזאַמקייט פון גייסט.

יעדע מינוט זיינען מיר גרייט צו דערלאַנגען דאָס ברויט פון לעבען דעם, וואָס וועט אויסקלייבען דעם זעלבען וועג פון וואַכזאַמקייט פון גייסט.

מיין שטראַל קען באַלויכטען די טאָטען פון גייסט.

מיין שטראַל געהאָרכען וועזענס, וואָס הילען זיך איין אין דעם פאַרצוימענדיגען פורפור פון דרייסטקייט. דאָרט וואו עס איז דער שטויביגער שימעל פון מורא דאָרט פאַרוואַנ־דעלט זיך דער שווערט פונ׳ם שטראַל אין אַ בייטש.

17. ווייסט, ווי שווער עס איז אָפט צו דערגרייכען די הערצער פון מענשען, דער גייסט שלאָגט זיך נישט דורך און דאָס הייטעל ווערט דיק. ווי אַזוי זשע באַגריסען דעם, וועלכער אַזוי ווי דער אָדלער קוקט זיך אַרום און וועמען דער נעפּעל פון דער צוקונפט איז ענליך צו אַ ליכטיגען שפּיגעל.

כאָטש די געשעעענישען פון קאַמף זיינען גרויס, אָבער איינס קען איך צוזאָגען די געטרייע — אין יעדער לאַגע וועלען מיר אָפּהיטען זייער ווירדיגקייט. יענע פיינדליכע שטרעמונגען וועלען מיר פאַרוואַנדלען אין נוצען.

דער באַפעל צו מיינע קריגער חזר'ט זיך צוויי מאָל נישט איבער, מיר וועלען בעסער בויען אונזערע וועגען, באַצייכענענדיג די מעגליכקייטען.

לאָמיר נישט קיין מורא האָבען, אויב אָט די מעגליכקייטען זיינען אויפ'ן ערשטען בליק צי צעוואָרפען. גראָז וואַקסט נישט מיטאַמאָל, אָבער דאָס גליק איז אין דעם, וואָס איך זע יונגע קעפּ, ווירדיגע אָנצונעמען די אָפּגעשוואַכטע סטרונעס. איר דאַרפט זיך פאַרלאָזען אויף די, וועלכע מען ווייסט נישט און מען זעט נישט.

18. ווען מענשען פאַרען אַוועק פילען זיי אויף צוויי אופנים : אָדער, אַז זיי האָבען לאַנג געוואוינט אויף דעם אָרט, הייסט עס, אַז זייער אורע איז אַזוי ווי צוגעוואַקסען צו די זאַכען. אָדער מענשען פילען, ווי אַלץ אַרום זיי האָט זיך געענדיגט, הייסט עס די אורע רעגט זיך אויף אין שטרעבונג.

עס איז זייער וויכטיג צו אונטערשיידען אָט די צוויי טיפּען

מענשען. אפטמאל לויט אנ׳אויסערליכען סימן קען מען אורטיילען וועגען דער הויפט־צוטיילונג.

ווער זשע זיינען מיינע מענשען ? די וואס פילען נישט דאס ארט פון זייער הויז. די וואס געדענקען נישט די טייערקייט פון זאכען. ווער עס האט ליב צו גיין בארג ארויף. ווער עס האט ליב דאס זינגען פון די פייגעל. ווער עס האלט טייער די לופט פון דער מארגען־שעה. ווער עס שעצט מער די טאט, ווי די צייט. ווער עס פארשטייט בלומען. ווער עס ווייזט ארוים פורכטלאזיגקייט, נישט באמערקענדיג עס. ווער עס האט נישט ליב קיין טענות. ווער עס שעצט די דערשיינונג פון דער פרייד פון שיינקייט. ווער עס פארשטייט דאס לעבען אריבער די גרעניצען פון דעם געזעענעם. ווער עס פילט ווען מען קען נעמען א טייל פון אמריטא׳ן. ווער עס איילט זיך צו דערפילען די נבואה. אט די מענשען מיינע קענען מיין מאכט אויסגעבען.

ווי א קעניג אין א לאנד פון ווינטען, קען איך זיי שיקען א טראפען טוי פון בוים עלגאריא, וועלכער דעקט אויף דאס לעבען פון דער צוקונפט.

19. איך וועל זאגען, ווי אזוי דער פירער האט דער־גרייכט איינעם פון די העכסטע זיגען. ער האט אנגעצונדען די סטעפעס הינטער זיין ארמיי און האט די געפאנגענע גע־געבען טויזענט פערד, זיי זאלען זיך ראטעווען. זיי האבען זיך אין שרעק א לאז געטאן צום שונא און האבען פארזייט שרעק. הינטער זיי האבען זיך געטראגען די הארדעס און האבען גיכער פון די פלאמען צוטראטען דעם שונא, נישט זעענדיק קיין אנדער אויסוועג.

דער אומפארשטענדיגער פירער צינדט אן א פייער הינטער'ן שונא. אבער דער קלוגער צינדט אן א פייער הינטער זיינע.

אזוי אויך ווען עס זיינען געגאנגען די ערשטע וואנדערער פון אזיע האבען זיי הינטער זיך פארניכט די בריקען און דורכגענג, אז עס זאל נישט איינפאלען צוריקצוציען זיך.

„עס איז פאראן א רעטעניש אויפ'ן מזרח" — „זאג, וואס האט ליב צו זיין איינגעגראבען ?" — דער ענטפער — א „א קערן".

טאקע דער קערן פונ'ם פלאן דארף ליגען אונטער דער ערד, נאר ווען ער וועט אנהויבען לעבען וואקסט ער בלויז ארויף.

דער לערער זעט נייע מעגליכקייטען און די שריפה פונ'ם סטעפ טרייבט די רייטער אין איין ריכטונג.

20. צווישען פארשטויבטע מארגאריטקעס דערהויבט זיך די ליליע פונ'ם הימלישען פורפור, עס איז בעסער צו לעבען נעבען דעם הימלישען בלימעל. ווייל די ערדישע בלומען זיינען די איינציגע לעבעדיגע פארבינדונג פונ'ם הימעל מיט דער ערד.

אין דער באשאפונג פון בלומיגען שטויב ווערען אזוי ווי געזונקען די קרישטאלען פון דער פראנע. אהן שפאס קען מען זאגען, אז אין בלומען נידערט אראפ דער הימעל אויף דער ערד. ווען מען זאל אוועקנעמען די בלומען פון דער ערד, וואלט פארשוואונדען א העלפט פון דער לעבענספעהיגקייט. פונקט אזוי וויכטיג איז דער שניי און די שנייבערג שטייען, אזוי ווי לייכט-טורעמס פון רעטונג.

III

1. ווען די גרויס וואַקסט, דאַמאָלס סקריפּען די דילען און באַלקענס. עס איז זייער שווער פאַר מענשען צו פאַר־שטיין דעם אונטערשיד צווישען — עס קען אָדער עס וועט. עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז אויב עס קען זיין, וועט עס אויך זיין. אָבער וואו זשע איז די העלדענטאַט און דער פאַרלאַנג דורכצוגיין אַלע ווענט?

2. לאָמיר זיך פאָרשטעלען די ערד, אָנגעפילט מיט דראַטלאָזע סטאַנציעס. אָבער בלויז געציילטע וועלען זיין פון הויכער אָנשפּאַנונג. בלויז זיי וועלען פירען דאָס לעבען פון דעם פּלאַנעט. פונקט אַזוי עקזיסטירן גייסטער פון אַ הויכער אָנשפּאַנונג, וואָס האָבען צונויפגעליינט זייערע אַקו־מולאַטאָרס אין פריערדיגע דערשיינונגען. זייער אונטערשיי־דענדער שטריך וועט זיין דאָס פעסטע באַוואוסטזיין פון דער נישט־צולאַזבאַרקייט פון זייער אינערליכען איך — פון וואַנען עס ווערט געבוירען דער באַגריף פון העכערער פריי־הייט. און צו דער סטאַנציע פון הויכער אָנשפּאַנונג געהערט די נעץ פון קליינע סטאַנציעס, וואָס נעמען אויף אירע שטענדיגע כוואַליעס. אַזוי שפּייזט דער גייסט פון הויכער אָנשפּאַנונג דאָס ארומיגע און איז ענליך צו אַנ׳איינזאַמען טורעם, וואָס הערשט איבער׳ן רוים. דערפאַר ווערען מענשען פון די קינדעריאָרען אָן דערצויגען צו אַזעלכע מאַגנעטען, אַפילו באַשווערענדיג זיי.

אַ העלדענטאַט איז נישט קיין אָפּזאָג, נאָר זי איז דער אינ־האַלט און די באַוועגונג.

דערפאַר, ווען איך האָב געזאָגט — ד ע ר ו ו אָ ס ה אָ ט

זיך אפגעזאגט, דארף מען פארשטיין דער וואס אנטהאלט אין זיך. עס איז אונמעגליך פארצושטעלען דאס וועזען פון אפזאג, ווייל ארום נעסט זיך דער פארבאט, נאר דאס אנטהאלטען ווייזט דאס באוואוסטזיניגע פארשטיין.

ווי אזוי האט זיך די הערשערין אפגעזאגט פון די וועלטען?
— ווייל זי האט אנטהאלטען אין זיך די גרויסקייט פון דער געביידע פון דער צוקונפט און דאמאלס קען קיין זאך נישט אפשטעלען דעם וואוקס פון גייסט.

טריישאפט — איז די אייגענשאפט פון א גייסט פון הויכער אנשפאנונג און די דערשיינונג פון אנטהאלטען מאכט אנ'אמת'ע העלדענטאט פאר א פריידיג באקומען. אזוי קען זיך אנטוויקלען די העלדענטאט, ווייל דאס ליכטיגע באקומען פירט נאך זיך דאס פאלגענדיגע.

ריכטיג האט מען די אסקעטען פארגעשטעלט שווימענדיג, אזוי טראגט די כוואליע פון וועלט־ענערגיע די וואס האבען זיך געשטעלט אין איר שטראם.

ווידער דארף מען געדענקען דעם אונטערשיד צווישען דראהונג און זארג.

ווען איך האב געווארענט א בארימטען רייטער זיך אויסצולערנען ארויפשפרינגען פון פערד אין מיטען לויפען, האט ער געהאלטען, אז עס איז קעגען די מנהגים פון זיין לאנד פון סטעפעס. נאר ווען דאס ווילדע פערד האט אים פארטראגען אויפ'ן ברעג פונ'ם האסטיגען שטראם, איז אויסגעקומען אומגעלומפערט ארויפצושפרינגען און בלייבען הינקענדיג.

אָבער עס איז לייכט זיך צו פאַרבינדען מיט געטריישאַפט צו דער וועלט־כוואַליע. נאָר צו פרייד שטרעבען מיר.

3. שטרעבט צו דער צוקונפט נישט קוקענדיג אויף דער סאַזשע פון דער געגענוואַרט.

4. איר זאָלט וויסען — מען דאַרף נישט צושטערען נאָר צוזאַמענגעמען די בעסטע געדולד.

עס איז שרעקליך צו זען, ווי ווייניג עס איז די צאָל פון די וואָס וועלען גיין אויפ׳ן רוף, אויסמיידענדיג אנ׳אויסרייד און א באַקלאָגען זיך. מען קען געבען מענשען דאָס טייער־סטע, נאָר אין דער צייט פון רופען וועלען זיי פאַרגעסען אַלץ, וואָס זיי האָבען באַקומען.

ווי אַזוי זשע קען מען טראַכטען וועגען דער נייער וועלט, ווען זיי האָבען נאָך די אַלטע נישט באַגריפען. א יעזוש האָט א סך נאָדלען, אָבער קיין קיסר וועט ער מיט זיי נישט ווערען.

אונזער אָנגעוויזענע הילף קען אויפבליהען, ווען זי ווערט אָנגענומען פון די וועמען זי ווערט געשיקט. ביי אונז איז א פרייד, ווען די האנט איז נישט צוריקגעוויזען.

5. לעבט נישט אויף דער איינקונפט פון געלט. דער פראָפיט איז נישט ריין.

דאָס בעסטע איבערבייטען גליקען איז אינ׳ם אויסבייט פון זאַכען אָדער אין ערגסטען פאַל קען מען צולאָזען דעם אויס־בייט אויף געלט, וואָס ווערט צירקולירט דירעקט.

זייט נישט אומצופרידען, סיידען מיט זיך אַליין. לאָזט נישט טאָן אַנדערע, וואָס איר קענט אַליין טאָן — מיט דעם וועט איר פאַרניכטען די שקלאַפעריי פון דינערס. חזר׳ט נישט

איבער צוויי מאָל, וואָס איר קענט זאָגן איינמאָל. גייט נישט מיט איין וועג, ווייל אפילו דער שטיין פון אַ שוועל טראָגט זיך אויס. שווימט נישט, וואו מען דאַרף פליען. דרייט זיך נישט אום, וואו מען דאַרף זיך איילען. רייסט נישט אויף דאָס מויל מיט בייזע רייד, וואו מען דאַרף דורכגיין שווייגענדיג. נישט מיט שטראַלן דעקט זיך צו, נאָר מיט'ן שטאָל פון העלדענטאַט. נישט קיין זאַטעל דאַרף מען, וואו עס וואַקסן פליגעל. נישט אַ פויסט, נאָר אַ האַמער קלאַפּט אריין אַ טשוואָק. נישט דער בויגען, נאָר די פייל וועט דערגרייכען דעם ציל. נישט מיט מיין גאַט. נאָר מיט דיינעם, נישט מיט אַ גרעניץ וועט איר זיך פאַרצווימען, נאָר מיט'ן פייער פון געדאַנק.

6. טראַכט, אַז קיין זאַך געהערט נישט צו אייך, לייכ־טער וועט אייך זיין נישט צו שטערען זאַכען. טראַכט, ווי בעסער צו באַשיינען יעדעס אַרט, אַלץ זיכערער וועט איר זיך אויסהיטען פון מיסט. טראַכט, אויף וויפיל יעדע נייע זאַך דאַרף זיין בעסער פון דער אַלטער, דערמיט וועט איר באַפעסטיגען די לייטער פון אויפשטייג. טראַכט, ווי שיין דער מאָרגען איז, דערמיט וועט איר זיך צוגעוואוינען צו באַוועגען זיך פאַראויס. טראַכט, ווי גרויזאַם עס איז די דערשיינונג פון חיות, דערמיט וועט איר אָנהויבען רחמנות צו האָבען אויף נידריגערע באַשעפענישען. טראַכט, ווי קליין די ערד איז, דערמיט וועט איר פאַרבעסערען דאָס פאַרשטיין באַציהונגען. טראַכט, ווי רויט די זון איז. באַהאַלטענדיג זיך הינטער דער ספערע פון דער ערד, דער מיט וועט איר זיך אָפּהאַלטען פון צורייצונג. טראַכט, ווי ווייס די טויבען זיינען

אינ׳ם ליכט פוי שטראַל, דערמיט וועט איר באַפעסטיגען די האָפנונג. טראַכט, ווי בלוי דער הימעל איז, דערמיט וועט איר זיך אָפּהאַלטען פוי דער קעלט פון אָפּטריניג ווערען. טראַכט דרייסט וועגען די העכערע אַנגעזיכטען דערמיט וועט איר דורכפירען דעם שטריך פון אייניגקייט. טראַכט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו גיין איבער דער קאָרע פונ׳ם פּלאַ־נעט, אָנפילענדיג זי מיט׳ן באַוואוסטזיין פון גייסט. טראַכט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז דורכצוגיין אונטער די שטראַלען פון קאָנסטעלאַציעס, זייענדיג דער מיטעלפונקט פון די שטראַלען פון צענדליגער טויזענטעריאַרען.

טראַכט שטענדיג וועגען אונזער פירענדיגער האַנט, דערמיט וועט איר דורכציען דעם פאָדים פון לעבען.

7. ווען אימיצער וועט פאַרגיין דעם וועג, גיי שווייגענדיג אַוועק, אויב דו ווייסט דיין וועג. ווען מען דאַרף געפינען אַ נאַכטלעגער, ברענג אַ גוטע בשורה דעם בעל הבית. ווען די שעה פון אַוועקגייז וועט קומען, געפין אַ גרוס פאַר די וואָס בלייבען, אויב דיין וועג איז ברייט. ווען אַ בוים, וועט זיך פאַנאַנדערבליהען ביים וועג, צוברעך אים נישט, אפשר וועט ער צוגעבען פרייד דעם, וואָס גייט נאָך דיר. ווען דו הערסט אַ צורוף פון באַגריסונג, פאַרזויער אים נישט. ווען דו הערסט אַ זינגענדיגען פויגעל, טרייסעל נישט דעם בוים. ווען דו זעסט קינדער קומען אָן, זאָג — מיר האָבען געוואַרט אויף אייך. ווען דו אײַלסט זיך צו מיטאָג, גיי איבער טרוקענע שטיינער. ווען דו טראַכסט אָפּצורוען, באַפעסטיג די לאַגע פונ׳ם געדאַנק. ווען דו נעמסט אָן אָנגענעמס, פאַרשרייב עס נישט אין דיין נאָ־

טיץ־ביכעל. ווען דו טראכסט וועגען א באליידיגונג, קוק זיך אום, וואו עס איז שטויב אויף דער ערד.

8. עס איז בעסער אנצונעמען די נויטיגע שליחות, איידער זיך צו באהאלטען פון'ם שליח. עס איז בעסער נישט אויסצומאלען העל די טויערען אויף א שטויביגען וועג. עס איז בעסער צו לאזען א פערד אויף א גאר־טען, איידער אויף א שטיין. עס איז בעסער מוחל צו זיין דעם פאליציאנט, איידער צו לאדען זיך מיט'ן קאָ־מיסאר. עס איז בעסער אפצוטרעטען א מייערעל, איי־דער צו פארלירען די ארבעס. עס איז בעסער איינצו־שלאפען אויף א ברעט, איידער אויף א הויפען מוראש־קעס. עס איז בעסער צו באקומען פראקטישע פארוואור־פען, איידער צו שמייכלען צו לאקרעץ. עס איז בעסער זיך צו חבר'ן מיט אנ'אייזעל, איידער צו הערען א פוקס. עס איז בעסער צו רופען א דאקטאר, איידער צו לאזען דאס בלוט פון'ם טייוועל. עס איז בעסער זיך צו טרע־פען מיט די צרות פון דער פארגאנגענהייט, איידער צו צווייפלען אין דער צוקונפט. עס איז בעסער צו אורטיי־לען אין די פרי' און פארגעבען אין אווענט. עס איז בע־סער צו טראכטען בייטאג און פליען ביינאכט". — אזוי שטייט אינ'ם בוך „די פערל פון חלומות", געשריבען אין כינא.

9. די לערע פון נייע מעגליכקייטען פון לעבען ציט צו פראקטישע קעפ. און ווען די דערשיינונג וועט מעגליך זיין, וועט זי אנגענומען ווערען, ווי א פאטאגראפיע פון דער־ווייטענס. עס איז אנגענעם צו אנערקענען ווי צוויי וועל־

טען וועלען זיך פאראייניגען פאר די אויגען פון דער מענשהייט. די באדינגונג פון גייסטיגער ריינקייט וועט דערקענט ווערען, אלס דאס מאטעריעלע פארשטייז פון לעבען און ווידער, אזוי ווי אין די אוראלטע צייטען פון פריסטערטום, נאר אויפ'ן פאלקס אופן, וועט אויפלייכ־טען דאס פייער פון דערקענונג. די הויפטזאך, מען דארף ברענגען אין גלייכגעוויכט די קרעפטען פון דער געזעענער נאטור און די מאכט פון די אומגעזעענע קוואלען.
איינשטימען קען מען לייכט דעם אפאראט פון דער גע־זעענער וויסענשאפט מיט די לייטפעדים פון דער העכע־רער וועלט. צום ביישפיל — דאס הערען וועט לייכט פארשטאנען ווערען, ווי א דראטלאזער טעלעפאן, וואס וועט גיך איינגעארדענט ווערען. נאר טאקע דאמאלס וועט מען ווענדען די אויפמערקזאמקייט אויף די פארשידענע סארטען פארקער־וועגען און, פארגלייכענדיג די אייגענ־שאפטען פונ'ם פארמיטלער, וועט מען פארשטייז די פראק־טישקייט פון גייסטיגקייט.
אזוי ווי א פאטאגראפיע וועט קיינמאל נישט פארבייטען שאפונג, אזוי וועט דער פיזישער אפאראט קיינמאל נישט פארבייטען גייסטיגקייט.

מען קען געפינען א באזונדער שעדליכקייט פון פענאמענס. ווייל דער אויסשאס פון מיט־געוואלד־צוקנייטשטער מא־טעריע באשאפט א פארהאסטע לופט פון זיך־שליידערענדי־גע עלעקטראנען. קיין זאך צורייצט נישט אזוי דעם ארגא־ניזם, ווי אומנויטיגע פענאמענס.

10. איך פריי זיך צו זען ווי בליצען פון דערזען דאס

פֿאָלקס־גליק פינקלען צווישען אייערע געדאַנקען. מען דאַרף וואַרפען אין רוים אַט די געדאַנקען. ווען מען זאָל יעדען טאָג אָפּגעבען אַ האַלבע שעה פאַר דער צוקונפט! אונזער אמת'ע באַגריסונג וועט באַקומען דאָס פייער פון אייערע געדאַנקען.

זאָלען פאַרפאַלען ווערען די זאַכען פון הויז. נאָר זאָל דאָס לאַנד פון דער צוקונפט זיך איינוויקלען אין קערפּער פון געדאַנק.

וואָס וועט ריינער אָפּוואַשען דעם גייסט איידער גע־דאַנקען וועגען דעם גליק פון אַנדערע?

וואָס וועט בעסער פאַרהאַרטעווען דעם פאַנצער פון פעסט־קייט, איידער דער פאַרלאַנג צוצופירען אַנדערע צום ליכט? וואָס וועט אַ בעסערען שמייכעל אויסוועבען, איידער דאָס באַוואוסטזיין צו זען דאָס לעצטע קינד לאַבענדיג? אַזוי בעט איך צו טראַכטען וועגען דער צוקונפט. יעדען טאָג צוואַוואַרפען אַ פערל אין האַלזבאַנד פון דער מוטער פון דער וועלט. און דערפאַר טראַכט קורץ און נישט פאַר־פלאָנטערט, ווי אַזוי צו באַשיינען דאָס היים־פייער פון דער וועלט.

מען דאַרף נישט פאַרגלייכען מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל אַ קנייטש פון דער פאַרגאַנגענהייט איז געוויינליך אַ נעסט פון אַ פעלער. מען קען שווימען אַרום פרעמדע ברע־גען, הנאה האָבען דאַרף מען בלויז פון דער וועלט פון ליכט, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו אַלע לעבעדיגע. ליכט איז די בעסטע בריק צווישען דעם געזעענעם און נישט־גע־זעענעם.

ווען מען קען — נישט אין פייער פון אווענט, נאָר אין גלאַנץ פון דער זון טראַכטען וועגען דער צוקונפט, דאַמאָלס באַלייכטען די טראַפענס פון דער פראַגע דעם דענקענדיגען שטערן.

11. זאָלען די נייע לענדער אויך פאַרשטיין די מאַכט פון דער ווענדונג פון אַ ריין האַרץ. זאָלען זיי פאַרשטיין — די ליגנערישקייט פון די געדאַנקען איז אַ שטערונג צו דערגרייכען די ווענדונג פון גייסט.

זאָגט אַלעמען, ווער עס טראַכט צו זיין מיט אונז, אַז זיי זאָלען אָפּהיטען דעם געדאַנק. אַ העלדענטאַט ווערט געבוירען מיט ריינע געדאַנקען. קיין שום טאַט וועט נישט געבען קיין פרוכט, אויב זי איז נישט דערהויבען אויף די פליגלען פון רעגענבויגענדיגען געדאַנק.

איך פאַרשטיי, ווי שווער עס איז צו כאַפּען די פליי פון דענקען, דערפאַר זאָג איך — לופטערט דורך די קנייטשען פונ׳ם מח, אַז די קליינע שפּרינגערס זאָלען נישט האָבען קיין אורזאַך צו באַזעצען זייערע שפּראַצונגען. די מתנה פון צושויבערטען דענקען באַשאַפט די קליינע אינזעקטען און שניידט אָפּ די בעסטע וועגען. די אינזעקטען פונ׳ם קערפּער מאַכען דעם מענשען אויסמיידליך, אויף וויפיל זשע נאָך דאַרפען די אינזעקטען פונ׳ם גייסט אָפּשטויסען!

ווען די געדאַנקען פליסען ברייט, קען אַפילו זייער אומאַנגענעמע ריכטונג זיין נישט אינגאַנצען שעדליך. נאָר ווען דאָס טראַכטען איז ענליך צום אינהאַלט פון אַ טראָפּען

בלאַטיג וואַסער, דאַמאָלס איז נישטאָ קיין מעגליכקייט צו באַווייזען דאָס אַנגעזיכט פון דער נייער וועלט.
באַפעסטיגען דאַרף מען דאָס דענקען, מען דאַרף פעסט גערדענקען די פיר געגעבענע רעגלען. מען דאַרף געדענקען, מען דאַרף אויסמיידען פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען.
איך בעט זעהר אונטערצושטרייכען די שיינקייט פון הי־מעל און צו פאַרבינדען זי מיט די געדאַנקען וועגען דער צוקונפט.

12. מען קען געוואָר ווערען די באַשטימטע צייטען פון די פעלקער לויט די כוואַליעס פון פאַרשטיין רעלי־גיעס. דאָרט וואו עס איז פאַראַן אַן׳אָפענער אומגלויבען, דאָרט איז שוין נאָנט גאָט׳ס שניט. נאָר דאָרט וואו עס איז פאַראַן היפּאָקריטישע פראַכט, דאָרט איז דער שווערט גרייט. סאָוועל׳ס ביישפּיל וועט זיין די לערע.
איצט, אינ׳ם טאָג פון יערליכען יום־טוב פאַרשטייען מיר, ווי אַזוי דער אָפּגעריסענסטער ארומשלעפּער קען באַוויי־זען אַ העלדענטאַט און ווי אַ מאַנטעל קען פאַרדעקען שטינ־קענדיגע וואונדען. אזוי זעען מיר די נייע איינטיילונג פון דער וועלט. מען קען די אַרומשלעפּער אַ סך פאַרגעבען, נאָר די בלינדקייט פון גאָלדענע פּאַלאַטעס קען נישט אָראָפּלאָזען דעם כוס פון גערעכטיגקייט.

13. פאַרשרייבט די לעגענדע — איך האָב שוין גע־זאָגט, אַז פאַרשטיין די שפּראַך קען מען מיט׳ן אינערלי־כען באַוואוסטזיין. אַט די איינגעשאַפט איז אַנגעזאָגט געוואָרען פון אַ הויכער פּריסטערין און האָט געגעבען פּרעכ־טיגע פאָלגען. די שליחים פון ווייטע לענדער האָבען

געֿרעדט צו איר אויף זייער שפּראַך און זי האָט זיי פאַר־שטאַנען. איז באַשאַפען געוואָרען די לעגענדע וועגען דער אייבינגער שפּראַך.

אָבער דאָס פאָלק האָט געוואָלט אין מאַסען איבערצייגען זיך און פאַרשטיין.

עס זיינען געבראַכט געוואָרען אַ סך אויסלענדער און מען האָט די פּריסטערין אַראָפּגעפירט פון אַכטען שטאָק, נישט קוקענדיג אויף פּראָטעסטען. אָבער עס איז גאָרנישט באַ־וויזען געוואָרען פאַר׳ן פאָלק און די אויסלענדער האָבען אומזיסט געהאַלטען זייערע רעדעס.

אזוי איז פאַרלוירען געוואָרען איינע פון די בעסטע מעג־ליכקייטען.

אָבער מען וועט זיי קענען באַנוצען, אויסלערנענדיג די איי־גענשאַפט פון דער אורע, ווייל דאָס איז די בריק פון גליק און פון אָנשטעקונג.

די מעכטיגקייט פון פאַרשטיין אַפילו די מוטערשפּראַך הענגט אָפּ נישט פונ׳ם אויער, נאָר פון באַרירונג מיט אַנדערע צענטערען דורך דער אורע. דערפאַר איז בעסער צו זאָ־גען — איך האָב פאַרשטאַנען, איידער איך האָב געהערט. דערפאַר איז די פראַגע פון דער אורע נישט אזוי וויכ־טיג מיט דער פאַרב, ווי מיט דער אינערליכער אָנשטרענ־גונג.

14. מיין האַנט וועט נישט מיד ווערען צו פירען, אזוי זאָלט איר אויך גיין — יעדער מיט דער גאַנצער קראַפט. עס איז ריכטיג צוצוליינען די קראַפט צום שווערען, ווייל

אַלץ וואָס איז לייכט איז אומגלייכמאָסיג, מיט דעם צו־קונפטיגען.

וואָס זאָגט אַ מאַמע צום זוהן פאַר'ן אוועקגיין אויף מלחמה? — „לאָז דיך נישט באַליידיגען". אַזוי וועלען אויך מיינע קריגער פאַרשטיין, ווי אַזוי צו שלאָגען זיך איינציגווייז.

זאָל די קייט פונ'ם קרייז בלויז פאַרגרינגערען, אָבער די דערפינדערישקייט ווערט געפּריפט אין איינזאַמקייט.

15. זעלטען ציען מיר פאַר וואַסער־וועגען. די סטיכיע פון וואַסער איז קעגענגעזעצט צום מאַגנעטיזם פון די בערג. די פּיילען פון בליץ דרינגען דורך דאָס וואַסער אָהן דעם אָנוואוקס פון פאַלגען. מיר אָבער באַמיען זיך אָפּצוזונ־דערען יעדען שטראָם.

מעטאַלען ווערען פאַרגעצויגען נישט לויט זייער פּרייז, נאָר לויט דעם ווידערשטאַנד. מען דאַרף נישט טראָגען קיין קופּערנע זאַכען. די אַלטע האָבען געוואוסט, אויף וויפיל בראָנז איז נוצליכער. אויך צין דאַרף נישט זיין מער אין אומגאַנג. נישט נאָר די אָנשטעקונג פון באַ־רירען, נאָר דער קאַנאַל פון מעטאַל ברענגט קראַנקהייט, דערפאַר דאַרף מען פאַרניכטען קופּערגעלט, בעסער איז דאָס קלענסטע זילבער.

פאַרברעכערישע שפּעקולאַציע דאַרף מען כסדר פאַרפאָל־גען, ווייל די ערד איז קראַנק פון שפּעקולאַציע. יעדע עפּאָכע האָט איר קראַנקהייט — איצט איז די קראַנקהייט פון שפּעקולאַציע. מען דאַרף נישט מיינען, אַז די מענשהייט איז אַלעמאָל געווען אונטערוואָרפען אַט דער קראַנקהייט. נאָר זי איז דער צייכען פון אַ וועזענטליכער ענדערונג.

ווייל שטופענווייז דורכגיין קען זי נישט און עס איז נוי־
טיג דער פּאַראַקסיזם פון עוואָלוציע, צוצוברעכען די מגפה.

IV

1. תפילה איז דערקענען די אייביגקייט. אין תפילה זיינען איינגעשלאָסען: שיינקייט, ליבע, געוואַגטקייט, זעלבסטאָפּפערונג, אומבויגזאַמקייט, שטרעבונג. נאָר אויב אין תפילה זיינען איינגעשלאָסען אבערגלויבען, שרעק און צווייפעל, באַציט זיך אזא באַשווערונג צו די צייטען פון געצענדינעריי.

ווי אַזוי־זשע דאַרף מען תפילה טאָן? מען קען פאַרברענגען שעה'ן אין שטרעבען, אָבער עס עקזיסטירט אַ בליץ־טראַגענדיגע תפילה. דאַן שטעלט זיך דער מענש אַהן ווערטער אין אַנ'אויגענבליק אין דער אומאיבעררייסבאַר־קייט פון דער גאַנצער קייט אין א י ן סוף.

באַשליסענדיג צו פאַראייניגען זיך מיט דעם א י ן סוף, אָטעמט דער מענש אזוי ווי איין די עמאַנאַציעס פונ'ם עטער און אַהן דער מעכאַניק פון איבער'חזר'ונג באַקומט ער די בעסטע צוזאַמענשליסונג פונ'ם שטראָם. אזוי אין שווייגען, נישט פאַרלירענדיג קיין צייט, קען מען באַקומען אַ שטראָם אָפּרישונג.

בלויז אַנ'אַנטוויקעלטע גייסטיגקייט קען אין אַנאיינציגען זיפץ דערהויבען דאָס מענשליכע באַוואוסטזיין. נאָר מיר דאַרפען רעדען וועגען תפילה, ווייל וועגען דעם ווערט מען פרעגען.

מען דאַרף נישט קיין באַשווערונגען, מען דאַרף נישט קיין אויסבעטען, מען דאַרף נישט דעם שטויב פון

אונטערטעניגקייט, מען דאַרף נישט קיין דראָהונגען,
ווייל מיר טראָגען זיך אַוועק אין ווייטע וועלטען,
אין די היט־קאַמערען פון מעגליכקייטען און וויסען. מיר
פילען, אַז זיי זיינען אונז אַנגעצייכענט און מיר רירען
זיך צו מיט דרייסטקייט.
אַזוי פאַרשטייט די צואה: „טוט נישט תפילה אויף וועל־
כען־עס־איז אופן, נאָר אין גייסט".

2. אויב מיר וועלען אָנהויבען צעלייגען די מאַטעריע,
וועלען מיר דערזען, ווי אַזוי די אַטאָמען, באַפרייטע, ווע־
לען זיך אָנהויבען צעלייגען לויט זייער גרונט־טאָן און,
אַוועקגייענדיג אין עטער, בילדען זיי דעם רעגענבויגען,
וועלכער קלינגט מיט דער מוזיק פון די ספערען.
ווען אַ גאַנצער פּלאַנעט צעפאַלט זיך, וועט, פאַרשטייט זיך,
דער רעזולטאַט זיין — אַ רעגענבויגען. מען קען דאָס
באַמערקען ביי יעדען צעפאַלען פון געזעענער מאַטעריע.
אונזער שטראַל שיקט מיריאַדען אָפּגערייניגטע אַטאָמען,
וועלכע הילען איין דעם מענש, אויב עס איז אַרום אים
נישט פאַראַן קיין אַסטראַלער ווירבעלווינט. דאָס איז די
באַגרינדונג פון רואיגקייט פונ'ם גייסט, אַז נישט פאַר־
שטעלען די רעשטלאַך קאַרמאַ די זאַך פון שליחות.
און נידריגע גייסטער צערייסען דעם שטראַל, אַזוי ווי מאָל־
פעם וואָס צערייסען אַ קאַסטבאַר געוועב אָהן שום נו־
צען, ווייל די אַטאָמען פון דער מאַטעריע טויגען נישט
פאַר די זיך וואַרפענדיגע הייטלאַך.
מען דאַרף דאָס געדענקען, פאַראייניגענדיג אין תפילה דעם
גייסט מיט דעם א י ן סוף.

3. איצט געדענקט נאָר, אַז אין פאַל פון געפאַר, דאַרפט איר זיך אַרומגאַרטלען מיט דעם באַוואוסטזיין פון פערזענליכען אומפאַרוואונדבאַרקייט און דערנאָך שיקען דאָס באַוואוסטזיין צו באַגעגנען מיין שטראַל.

אין געדאַנק זיך פאַרצושטעלען, ווי אַייער פונק לויפט צו מיין שטראָם. אַזאַ קעגענזייטיגקייט פאַרשטאַרקט דעם שטראָם און איז גוט ביים מיד ווערען. עס קענען זיין אין וועג פאַרשידענע צופאַלען, ווען דער קעגענזייטיגער שטראָם איז באַזונדערס נוצליך. עס איז בעסער צו פאַרשטאַרקען יעדע מעגליכקייט.

4. דער געענגטער און געדראָטער אַקבאַר האָט געזאָגט צו זיינע גענעראַלען: „וואָס ווייניגער עס רעגט זיך די סובסטאַנץ, אַלץ העלער איז די אָפּשפּיגלונג פון די הויכען". נאָך דעם דורכמושטירען דאָס מיליטער, האָט אַקבאַר געזאָגט: „אַ פערט־חלק איז גוטאָ, איך האָב געזען זאַטע מענשען, — דאָס איבריגע ווילען מיר זען נאָך אַ טאָג פון היץ, נאָך אַ טאָג פון רעגען, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט".

5. איצט, אויב מען וועט פרעגען: „אַנערקענט איר אַסטראָלאָגיע?" — ענטפערט: „איר לייקענט דען אָפּ די מעדיצין?"

אויב מען וועט פרעגען: „באַשטייט איר אויף דעם לעבען פון גייסט?" — ענטפערט: „לייקענט איר דען אָפּ די אַנטוויקלונג פון מאַטעריע?"

אויב מען וועט פרעגען: „פאַרוואָס זאָרגט איר זיך ווע־

גען די אפגעלעבטע לערער?" — ענטפערט: „איז אייך דען נאך די וויסענשאפט נישט צוגענגליך?"
אויב מען וועט פרעגען: „דאכט זיך איר זייט נישט קענגען לעזען פארמעטען?" — ענטפערט: „גייט אין דער שול אריין, און דערנאך וועלען מיר רעדען וועגען דעם".
אויב מען וועט פרעגען: „ווי אזוי שטעלט איר זיך פאר די וועלט־באשאפונג?" — ענטפערט: „ווי א טראפען וואסער".
אויב מען וועט פרעגען: „פארוואס האט איר אליין דעם לערער אנערקענט?" — ענטפערט: „ווייל ער האט זיך געווענדט צו אונז צו אנטוויקלען דאס וויסען".

6. איך וועל אנווייזען די אייגענשאפטען, וועלכע דאס אלגעמיינע גליק פאדערט — דאס ערשטע — די באשטענדיגקייט פון שטרעבען. דאס צווייטע — די פעהיגקייט אויפצונעמען אין זיך, ווייל שלעכט איז דער קאמוניסט, וואס פארלייקענט, נאר דער וואס זוכט דעם אמת, איז ווערט דאס אלגעמיינע גליק. דאס דריטע — דאס קענען ארבייטען, ווייל די מערהייט ווייסט נישט דעם ווערט פון צייט. דאס פערטע — דער פארלאנג צו העלפען אהן פאראורטיילען און אייגעננוצען. דאס פינפטע — דאס אפזאגען זיך פון אייגענטום און דאס אננעמען אויף אפצוהיטען די פרוכט פון אנדערע'ס שאפונג. דאס זעקסטע — דאס פארטרייבען שרעק. דאס זיבעטע — דאס ארויסווייזען וואכזאמקייט אין דער פינסטער. אזוי דארף מען זאגען די, וועלכע, איבערוועלטיגט פון שרעק, דעקען זיך צו מיט פארניינונג.

אנווייזען דאַרף מען, אַז מיליאָנען מענשען וואַרטען מען זאָל עפענען די טויערען. די קנופּען פון לאַסט קען מען נישט פאַרבייטען מיט די קייטען פון שרעק. פאַרגלייַ־כען קען מען די שרעק מיט מצורעת, ביידע דעקען צו דעם מענש מיט דעם פראָסט פון עקעל.

דער גראָער ביז־השמשות פון דערנידריגונג האָט געמאַכט דאָס שמאָטעדיגע פאַרשטייַן פון לעבען, איצט דאַרף ער זיך ענדיגען אין׳ם שטורם און וואָלקענברוך.

7. קיין שום העלזעאונג איז נישט גלייך צום וויסען פון גייסט. דער אמת קען קומען דורך אָט דעם וויסען. דאָס פאַרשטייַן פון די נויטען פון דער צייט גייט בלויז מיט אָט דעם וועג.

דער נביא׳ישער עקסטאַז מיידט אויס די פּינקטליכקייט פון צייט און אָרט, נאָר דאָס וויסען פון גייסט זעט פאַראויס די אייגענשאַפט פון געשעעניש. און דער וועג פון גייסטיגען וויסען בליט אָהן געזעענע סמנים, נאָר ער איז באַגרינדעט אויף דעם עפענען די צענטערען.

ביי די פּריסטער האָט זיך דאָס גייסטיגע וויסען גערע־כענט פאַר אַ העכערער דערשייַנונג, ווייל עס האָט נישט געקענט דערגרייכט ווערען מיט קיין שום קערפּערליכע איבונגען, נאָר עס איז באַשטאַנען פון די שיכטען פון פריערדיגע לעבענס. דערפאַר דריקט זיך נישט אויס דאָס אומגיין אַרום דעם גייסטיגען וויסען אין איבונגען, נאָר אין דער פאַרבעסערונג פון די לעבענס־באַדינגונגען פון די געפעסען, וואָס שפּייזען די נערוועז. די הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט דאַרף מען ווענדען אויפ׳ן בלוט־דרוק, ווייל

ווען די נערוועז פארשלינגען די עמאנאציע פון די ווייסע קיילעכלאך, דאמאלס אנטשטייט באזונדערס די פאר־קערטע פאלאריזאציע.

8. נאך וועט מען פרעגען: „ווער איז גרעסער, קרים־טום צי בודא?“ — ענטפערט: „עס איז אוממעגליך אויסצומעסטען די ווייטע וועלטען. מיר קענען זיך בלויז אנטציקען מיט זייער לייכטען“. דער שטראל פון קרים־טום'ן שפייז פונקט אזוי די ערד, ווי בודא'ס רעגענבויגען טראגט די באשטעטיגונג פונ'ם געזעץ פון לעבען.

די נייע וועלט וועט ארויסווייזען די באשטעטיגונג פונ'ם דרייסטען דערקענען. דארט וועלען די בילדער פון די לערער אריינגיין אין לעבען אלס פריינט.

דער באפעל פון די לערער וועט זיין אויף דער פאליצע פון די באליבטע ביכער.

מען דארף אין דער צייט פון פארניכטונג פון געלט פאר־בייטען זיין הערשאפט מיט דער באשטימונג פון גייס־טיגער הילף.

דאס וויסען דארף ענדליך וויסענשאפטליך אויפבויען די בריק פון שטרעבונג צום גייסט.

די שענדליכע עגזיסטענץ פון געזעלשאפטען פון פסיכישער אויספארשונג דארף פארביטען ווערען מיט דעם דרייסטען און אמת'דיגען אורטיילען.

ווי אזוי־זשע קען מען זיצען מיט היפאקריטען און ליג־נער, וואס היטען אויסגעצייכענט זייער קעשענע!

א העלדענטאט דארף ארויסגעוויזען ווערען און דארף זיין פריי פון דעם שטויב פון פאראורטיילען.

קען דען אַנ׳אנשטענדיגער מענש זיך פאַרנעמען מיט אַ העלדענטאַט. ער האָט נישט גענוג אַרט אויף דער ברוסט אויפצוהענגען אַלע מענשליכע מעדאַלען. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אויפצונעמען דעם זיידענ׳ס אַלע געוואוינהייטען. נאָר אַ געוואוינהייט מאַכט אַ מענשען געוויינליך. דערפאַר בעט איך אַרויפצוקוקען צום הימעל, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל.

איך בעט דערשראַקען צו ווערען פון דעם מיסט פון שטעט, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל.

איך בעט אַ טראַכט צו טאָן וועגען קריסטוס׳ן און בודאַ׳ן, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל.

איך בעט אַ קוק צו טאָן אויף זיך, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל.

איך בעט, זיך פאָרצושטעלען די נייע וועלט, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל.

דאָס קלענסטע שטויבעלע פון אייגענטום פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, איז ווי אַ מילשטיין אויפ׳ן האַלז.

9. די אומדערוואַרטקייט איז די שוועסטער פון באַוועגליכקייט. די באַוועגליכקייט איז די שוועסטער פון דער העלדנטאַט. די העלדנטאַט איז די שוועסטער פון זיג. ווייל יעדע העלדענטאַט שליסט איין אין זיך אַ זיג, קען זיין אַנ׳אומגעזעענעם, נאָר וועלכער באַוועגט טיפע רוימען.

10. וואָס ליידט מער פון אַלעם? פאַרשטייט זיך די גלייכמאָסיגקייט!

וויפיל איך האָב שוין גערעדט וועגען איר, נאָר מען

דארף זיך אויפסניי אומקערען צו דער אלטער שפור. טייל אפילו, וועלכע פילען די באטייטונג פון דער גלייכ־מאסיגקייט, גערענקען וועגען איר בלויז אין געוויסע באזונדערע פאלען. ווען דו טרינקסט זיך, דאמאלס דער־מאנסטו זיך די בעסטע רעגלען. עס איז א סך וויכ־טיגער צו גערענקען זיי אין לעבען אין געוויינליכען אומגאנג. די קלענסטע גראנקען וועלען אוועקגעטראגען ווערען מיט'ן ווירבעלווינט פון ריכטיגען אורטייל. גוט צו שלעכט, נוצליך צי שעדליך — דאס וועט זיך אליין ארויסווייזען. ווייל דארט וואו עס זיינען פאראן גרויסע בוימער, זעט מען נישט די קוסטען.

ווען מען זאל זיך אנשטרענגען צו ענדערען די שטויביגע זארג אין א שיינער העלדענטאט, וועט זיך מיטאמאל דער צוקרימטער דארנשטרויך פארוואנדלען אין א מאסט־בוים־וועלדעל. ווען מען קען אריבערוואַרפען דעם גע־דאנק צו די גרעניצען פון נסים, דאמאלס וועלען מיר נישט רעדען לאנג וועגען א געלעכערטער פאדעשווע. איך ראט זייער צו פארניכטען די פלאפלערייען, א גאנצע העלפט פון טאג וועט דאך פריי ווערען. עס וועט בלייבען איינזאם א שאל קאווע אדער א גלאז ביר. די צייט פון עסען דארף פארקירצט ווערען, כדי אפצוהיטען דאס אויסזען פון א מענשענבילד. עס איז נישטא קיין ער־גערע אומגלייכמאסיגקייט, ווי איבערצופלאפלען ביים טיש נארישקייטען. עס איז נישטא קיין ערגערע אומגלייכ־מאסיגקייט, ווי זידלען אזוי ווי מיט דראבנע ארבעס. עס איז נישטא קיין ערגערע אומגלייכמאסיגקייט ווי ארויס־

ווייזען אַ באַליידיגונג ווי אַ קליינער קרעמער. נישטאָ קיין ערגערע אומגלייכמאָסיגקייט, ווי זיך צו באַפרייען פון פאַראַנטוואָרטליכקייט. נישטאָ קיין ערגערע אומגלייכמאָסיגקייט, ווי אויפצוהערען טראַכטען וועגען שיינקייט. גלייכמאָסיגקייט איז ענליך צו אַ קאַלאַנע, וואָס האַלט אונטער אַ הויז.

מיר זאָרגען זיך וועגען דעם אויסמאָלען די וואוינונג, וועלען מיר דען צושטערען דעם זייל, וואָס האַלט אונטער דאָס געוועלב? גרינדליך מאַכט אייך היימיש מיט דער גלייכמאָסיגקייט.

11. אויב די גלייכמאָסיגקייט ווערט נישט אָפּגעהיטען, ווערט צושטערט אויך די אַנטשלאָסענהייט. אונזער אַנטשלאָסענהייט איז ביז'ן לעצטען שטריך.

נישט יענע אַנטשלאָסענהייט וואָס גייט באַקוועם און איז אין איינקלאַנג מיט פּערזענליכע געוואוינהייטען. נישט יענע אַנטשלאָסענהייט, וואָס איז נוצליך דעם קערפּער. — אונזער אַנטשלאָסענהייט איז אַרומגעצוימט מיט די גרעניצען פון גייסט. דערפאַר איז אוממעגליך צו פאַרצוימען אונזער שטרעבונג. די קעמפער און די צונויפזאַמלער גייען מיט אונזער אַנטשלאָסענהייט.

אויב שרעקעדיגקייט שטערט איז בעסער צו פאַרברענען די איבערגעגאַנגענע בריקען. אויב קאַרגשאַפט שטערט, איז בעסער אַריבערצוואַרפען דעם בייטעל איבער'ן ערשטען טייך. אויב טעמפּקייט שטערט, איז בעסער צו לאָזען די פערד אַליין גיין. אויב אַ שלעכטער זכרון שטערט, איז בעסער אויפצוהענגען אַ סטראַשידלע פונ'ם

שונא צווישען דעם פּערד'ס אויערען. העלפען דער אַנטשלאָסענהייט קען בלויז די שיינקייט. דאַמאָלס וועט צו טראַכטען וועגען דעם געלט־בייטעל און וועגען דעם שונא זיך אויסוויייזען ווי אַ קינדערישער קאַפּריז. אַזוי ווי דער מיטען פון אַ מאַגנעט ציט צו זיך צו, אַזוי איז די גרונט־איינגענשאַפט פון דער אַנטשלאָסענהייט — אומבאַזיגבאַרקייט. פאַרשטייט זיך, די אומבאַזיגבאַרקייט פון אַנטשלאָסענהייט איבערצייגט און איז דער אומפאַרענדערליכער באַדינג פון אמת'ע מיסטעריעס. די מיסטעריע דאַרף באַטראַכט ווערען, ווי אַ טאַט וואָס פירט דאָס לעבען. אַזוי איז אונזער אַנטשלאָסענהייט צונויפגעבונדען מיט'ן פירענדיגען פאַרשטיין. ווענדט אָן די אַנטשלאָסענהייט.

12. די אַנטשלאָסענהייט מאַכט דאָס געזעץ פון אַקולטישע גרעניצען פאַר אַ באַדינגונג. אפילו אַ שטיין ארויסצואווייזען דאָס אינערליכע פייער, ווערט געשניטען אין טיילען. פונקט אַזוי ווערט דער וועג צום ליכט צוטיילט מיט דייטליכע שטריכען. פאַרשטייט זיך, אַנשטאָט טיילען קען מען אַלעמאָל איינאָרדנען דאָס צוברעקלען פון רויע שטיינדלאַך, אָבער דאָס איז זייער קלאָגעדיג.

דער קלוגער וועג צעפּאַלט זיך אויף טיילען אַרום טויזענט טעג אין יעדען. אָט די דריי־יאָריגקייטען, ענליך לויט זייער אויסערליכקייט, זיינען גאַנץ פאַרשידען לויט די איינגענשאַפטען פון גייסטיגען באַוואוסטזיין. וואָס שאַרפער דער שטריך, אַלץ פלאַנמעסיגער דער וועג.

געוויינליך איז דאָס ערשטע יאָר פון די דריי אַ צוגריי־

טונגס־יאָר, דאָס צווייטע — אַ יאָר פון טעטיגקייט, דאָס דריטע — שוין אַ טרויעריג שווערליכער פאַרגליווּבען.

לאָמיר אָנהייבען אַ נייע גרעניץ. מען קען זי אָנרופען — „די ערדישע היימלאָזיגקייט". מען דאַרף אָפּוואַרפען אַלע פריערינע באַגריפען און זיך אוועקלאָזען אין דער מדבר פון אומענדליכער שטילקייט, וואו שטורעמס און ווינטען וועלען אַרומוויקלען מיט אַ ליכטיגען קופאָל.

צווישען די שטורעמס וועט זיך באַווייזען אַ נייע געוועב. זאָל זיך די צוקונפטיגע גרעניץ רופען די ליכט־טראָגענדיגע — אַזוי וועלען מיר זי בויען.

דרייסט וועלען מיר אָפּווענדען די פערד צום נעפעל פון מדבר. דער פּרינציפּ פון היימלאָזען גיין דאַרף אַריבער־געגאַנגען ווערען. אַזוי זיינען געגאַנגען אַלע זוכערס.
מען קען באַגריסען אַט די גרעניץ, ווען די גרעניץ פון לענדער ווערט אָפּגעווישט.

13. ווענען אָקולטישען מאָרד. אומגעזעענע מאָרדען זיינען פאַראַן אומפאַרגלייכליך מער, איידער בלוטיגע. אויס האַס, אומוויסען, אויס שרעק זייען מענשען פאַר־סמ'טע פיילען, וואָס זייער קראַפט איז אָפט גרויס. איינע פון די בעסטע מיטלען פון באַשיצונג איז דאָס פאַרשטיין דעם אָקולטען קרייז. נאָר דאָס בעסטע היילמיטעל דאַרף אָנגענומען ווערען לויט געגויע אָנווייזונגען.

די מאַכט פונ'ם קרייז איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו שטערען־צייכענס קענען געענדערט ווערען. עס איז באַקאַנט, אַז דער קרייז האָט געענדערט טויט און קראַנקהייט.

די דערשיינונג פון דער באַטייטונג פונ'ם קרייז דאַרף אָפּ־געהיט ווערן, ווי יעדער אַנגעסטרויעטער אינסטרומענט. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז יעדע טאַט צווישן די מיטגלידער פונ'ם קרייז דאַרף זיין אַ פאַרזיכטיגע. יע־דער נוצען קען פאַרוואַנדעלט ווערן אין אַ שאָדן, אויב עס ווערט צוגעלאָזן צו וואַרפן שטיינער אין ברודער'ס גאָרטן אַריין.

און ווי אַזוי קענט איר וויסן וואוהין דער אומקלוג־געוואָרפענער שטיין וועט פאַלן? דער צושטאַנד פון דער אורע ווענדט אָפטמאָל אָפּ דעם שטיין און אַנשטאָט אין פוס אַריין וועט ער פאַלן אין דער שלייף. דער־פאַר איז נויטיג צו באַזייטיגן די שטיינער פונ'ם אומ־גאַנג און מיט אַלע כחות היטן דעם אוצר פונ'ם קרייז — איך האָב געוואָרענט.

14. די איינגענשאַפטן פון דער טעטיגקייט. — אויב די טעטיגקייט איז אַ קליינע, נויטיגט זי זיך אין פאַרשידענע האַנט־געשאַפענע זאַכן. ווען אָבער די טאַט ווערט גרויס, נויטיגט זי זיך נישט אין ערדישע זאַכן. דאָס איז דער ערשטער פּראָבירשטיין פון טעטיגקייט.

ווען דער צויבערער רעדט וועגן אַ גאַנצער אַפּטייק, הייסט עס, אַז זיין טאַט איז פון אַ זייער קליינעם פּלאַן.

די צווייטע איינגענשאַפט פון טעטיגקייט איז איר באַוועגליכקייט. אַזוי ווי דער ווירבעל־ווינט פון עלעמענטאַרער מאַטעריע, דאַרף די אמת'ע טאַט ציטערן מיט מעגליכקייטן. בלויז דער פּלי קען פאַר־ענדיגן דעם ליכט־טראָגענדיגן אַנטפּלעקטן געדאַנק.

די דריטע אייגנשאפט פון טעטיגקייט איז איר אומדערוואַרטקייט. יעדע, איבעראַשענדיגע טאַט, איז געווען דער רעזולטאַט פון אַנ׳אוממדערוואַרטען וועג פון דענקען.

די פערטע אייגנשאפט פון דער טעטיגקייט איז איר אומדערגרייכבאַרקייט. בלויז אַט די אייגנשאַפט באַשיצט די טעטיגקייט פון רואינירענדיגע אַנפאַלען.

די פינפטע אייגנשאפט פון דער טעטיגקייט איז איר איבערציִיגטקייט. אַזוי ווי יעדער בליץ פאַרבינדט אונזער באַוואוסטזיין מיט׳ן קאָסמאָס, אַזוי דאַרף יעדע טעטיגקייט איבעראַשען, ווי דאָס פינקלען פון אַ שווערט.

די זעקסטע אייגנשאפט פון דער טעטיגקייט איז איר געזעצליכקייט. בלויז דאָס באַוואוסטזיין פון די פונדאַמענטען פון דער וועלט־עוואָלוציע וועט אַ ריר טאָן די טעטיגקייט אַרויס פון דער פאַרענדערליכקייט.

די זיבעטע אייגנשאפט פון דער טעטיגקייט איז איר ריינע פונקציע. מיט איר קען מען רירען משאות און נישט מיד ווערען.

מען דאַרף אַלצאייניג פאַרשטיין די טאַט פונ׳ם קערפּער און פונ׳ם גייסט. ווייל נאָך אַלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען, ווערט דאָך די טעטיגקייט פונ׳ם געדאַנק נישט אָפּגעשעצט.

איך וויל רעדען נעמליך צו די, וואָס גלויבען אין מאַ־

טעריע. אייער געדאַנק איז אָנגעזאַפּט מיט עמאַנאַציעס פון נערוועזן־צענטערן, און לויט דעם באַזונדער געוויכט, איז ער שווערער פון אַ סך מיקראָ־אָרגאַניזמען. איז דען אייער געדאַנק נישט קיין מאַטעריע? ווי גענוי־זשע דאַרפען מיר אָפּוועגען אונזערע געדאַנקען! מיר זיינען פאַר זיי פונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטליך, ווי אַ מענש, וואָס מיסברויכט אַ טשאַד. עס איז איינפאַכער צו טראַכטען פון מאַטעריע אַן, ווייל וואו זשע איז איר גרעניץ? אַזוי וועט די לערע פון גייסט ווערען גלייך מיט דער מאַטעריע. אַזוי וועלען די פאַרלייקענער פון גייסט אויך פאַרלייקענען די מאַטעריע.

15. די אייגענשאַפטען פון דערוואַרטונג. די העכערע דערוואַרטונג איז די דערוואַרטונג פון דער וועלט־עוואָלוציע. די געוויינליכע דערוואַרטונגען טיילען זיך אויף טונקעלע, שלעפעריגע און קלאָר־געזעענע. דער כאַאָס פון די טונקעלע ברענגט בלויז שאַדען דעם רוים. די שלעפעריגע דערוואַרטונגען זיינען ווי גליענדיגע קוילען. די קלאָר־געזעענע דערוואַרטונגען ווייזען אַרויס אַ גרייטקייט אָנצונעמען דאָס נייע צו יעדער שעה.

איך האָב שוין געזאָגט — קענט פאַרלאַנגען, פונקט אַזוי וועל איך זאָגען — קענט דערוואַרטען. קענט אָפּרייניגען די אייגענשאַפט פון דערוואַרטונג. דורכ'ן שטורם, ווי אַנ'אומפאַרלעשליכען לייכטער טראָגט די דערוואַרטונג.

די אינערליכע אייגענשאַפט פון דערוואַרטונג איז איר שטייערונג. מיט וואָס קען מען בעסער פאַרען אָט דעם צייכען, איידער מיט דער וועלט־עוואָלוציע? ! אַזאַ דערוואַר־

טונג דאַרף דורכדרינגען אין אונזער גאַנץ לעבען. דאַרף מיט דעם ציטער פון טעטיגקייט אָנפילען אונזער אַרבייט. ווייל אין אָט דער פאַראייניגונג איז דאָס בעסטע און שענסטע.

אַריינגייענדיג אין אַ הויז פון די, וואָס שליידערען זיך אויף אַלע זייטען, זאָגט — דערוואַרט די עוואָלוציע פון דער וועלט!

V

1. מען וועט פרעגען: „ווי אַזוי זשע דערמאָנט איך דעם באַשעפער, וועלכען איך קענט נישט?" — זאָגט: היסטאָריש און וויסענשאַפטליך קענען מיר די גרויסע לע־רער, וועלכע האָבען באַשאַפען די אייגענשאַפט פון אונ־זער באַוואוסטזיין".

„אָנערקענענדיג דעם איינפלוס פון דער אידעאָלאָגיע פון די לערער, מאַכט איר נישט ענגער אייער פרייהייט?" — זאָגט: „די אייגענשאַפט פון פרייהייט איז מערקווירדיג, אויב זי עקזיסטירט, קען מען זי מיט קיין זאַך נישט באַגרענעצען. מען קען איינשמידען דעם קערפער, אָבער דאָס באַוואוסטזיין קען קיין זאַך נישט פאַרקלענערען, אויי־סער די מיאוסקייט. ווען מיר באַרירען די הויכקייטען פון פרייהייט, דאַרף מען זיך אַרומצוימען פון מיאוסקייט. אויב מיר ווילען דערהויבען מאַטעריע, דאַרף מען קלוג טראַכטען וועגען דער שיינקייט. אין שיינקייט וועט זיך אַרויסווייזען דער אין־סוף. אין שיינקייט וועלען באַלויכ־טען ווערען די לערעס פון די זוכער פון גייסט. אין שיינקייט וועלען מיר נישט קיין מורא האָבען אַרויסצואווי־

זען דעם אמת פון פרייהייט. אין שיינקייט וועלען מיר אנצינדען דאס לייכטען פון יעדען טראפען וואסער. אין שיינקייט וועלען מיר די מאטעריע איבערשאפען אין א רעגענבויגען.

נישטא קיין מיאוסקייט, וואס וועט נישט דערטרונקען ווערען אין די שטראלען פונ׳ם רעגענבויגען פון צופוילונג. נישטא קיין קייטען, וואס וועלען נישט צושמאלצען ווערען אין דער פרייהייט פון שיינקייט.

ווי אזוי־זשע וועלען מיר געפינען ווערטער צו באריהרען די וועלט־באשאפונג? ווי אזוי וועלען מיר רעדען וועגען דער עוואלוציע פון פארמען? ווי אזוי וועלען מיר אויפהויבען דאס באוואוסטזיין צו דערלערנען גרונטלאגען? ווי אזוי באוועגען די מענשהייט פאראוים צום וויסענשאפטליכען באקענען זיך מיט די וועלטען?

יעדעם באקענען ווערט געבוירען אין שיינקייט.

איך דארפט קענען טראכטען קלאר און ליכטיג און קיין דערשרעקענדיגע זאך וועט זיך צו אייך נישט צורירען. געדענקט: — מיר האבען נישט קיין פארבאטען.

2. עס איז געזאגט געווארען: לעסטערן דעם גייסט איז ערגער פון אלץ, — ווייל דער וואס רעדט קעגען גייסט ווייזט זיך ארוים פאר אנ׳עם־הארץ!

עס איז גערעדט געווארען וועגען הייליגע, אבער ווער קען זיך אנרופען מיט אט דעם אומדערקלערטען באגריף?

די וואס שאפען נסים, וועלען זיין געלערנטע מכשפים. די וואס היטען אפ זייער לעבען, וועלען זיין פראקטישע מענשען. נאר די וואס זאגען זיך באוואוסטזיניג אפ פון

פערזענליכע און וועלכע טראגען איבער דאס באוואוסט־זיין אין דעם באגריף וועגען דער וועלט־עוואלוציע, קע־נען אין אונזער זין זיך אנרופען אסקעטען. עס איז נויטיג, אז אט דער פראצעס זאל באוואוסטזיניג געשען, אויסער די צופאלען פון אויסערליכע באדינגונגען.
עס איז אוממעגליך מיט געוואלט ווידער ארויפצוזעצען די רעליגיע, זי וועט ווערען א גאט־לעסטערליכע מיאוסקייט.

דער וועג פון אפזאגען זיך פון דער מיאוסקייט פון לע־בען, וועט רופען דעם גייסט צו אמת׳דיגע זוכענישען.
דערנאך וועט די אפענקייט פון דער וועלטען־פארבינדונג צווינגען זיך וויסענשאפטליך צו פארטראכטען.
אט דאס טראכטען, דאס נישט ארויסגעזאגטע, איז דער אנהויב פון גייסטיגער דיסציפלין. אט די זוכענישען, וועלכע פארמאגען נישט קיין פערזענליכע אנהויב, וועקען אויף דעם רעפלעקס פון טעטיגקייט — דאס ווערט אנ־גערופען די העלדענטאט.
אין אלגעמיין איז בעסער דאס ווארט הייליגער צו פאר־בייטען מיט דעם גאנץ באצייכענדיגען נאמען — דער אסקעט.
די דערשיינונג פון דער העלדענטאט וועט נישט אויפהערען אין לעבען און נישט היפאקריטיש וועלען מיר קענען בא־שטימען די אויבענאויפיגע דערשיינונגען.
מען דארף מיט די הענט באשאפען די העלדענטאט פון לעבען.
3. א נביא איז א מענש, וואס באזיצט א גייסטיגע

ווייטזיכטיגקייט. פונקט אזוי ווי אויפ׳ן פיזישען פלאן איז פאראן קורצזיכטיגקייט און ווייטזיכטיגקייט, פונקט אזוי איינפאך דארף מען זיך באציען צו דער אייגענשאפט פון דער ווייטזיכטיגקייט פונ׳ם גייסט.
עס וואלט געווען אבסאלוט אומוויסענדיג צו פארלייקענען נביאות.
עס וואלט געווען אבסאלוט נאריש צו רעדען קעגען נביאים.

אויב מיר וועלען וויסענשאפטליך און אומפארטייאיש אויספארשען די צופעליג־אפגעהיטענע נביאות, וואס וועלען מיר דערזען? מיר וועלען געפינען מענשען, וואס האבען קעגען זייערע פערזענליכע נוצען אריינגעקוקט אין דעם פאלגענדיגען בלאט־געשיכטע, וועלכע זיינען דערשטוינט געווארען און האבען געווארענט דאס פאלק.
צווישען די אזוי־גערופענע נביאות וועט איר נישט געפינען קיין פערזענליכע געדאנקען, איר וועט נישט געפינען קיין פארברעכערישע זעלבסטנוצען, איר וועט נישט געפינען קיין קללות. די סימבאלען פון פארשטעלונגען ווערען דערקלערט מיט דעם באמאלען ווייטע שויבען.
ווען־זשע אבער וועלען די געלערנטע געפינען צייט וויסענשאפטליך אויסצופארשען נביאות און עס היסטאריש פארגלייכען? א פרעכטיג בוך פאר א יונגען געלערנטען!

יא, פריינד, עס איז צייט זיך אויסצולערנען קולטורעל צוצוגיין צו אויבענאויפיגע דערשיינונגען. אנדערש וועלען צוקונפטיגע דערשיינונגען זיך ארויסווייזען אלס עלעקטראנען אין דעם ווינעל פון זויגקינדער.

אייערע מונדירעז און טאָגעס וועלעז נישט פאַרדעקען אייער שרעקענדיגע קינדערישקייט.

פרעגט — ווער האָט צונויפגעלייגט אייערע עמטער און טיטלען? איר וואָלט אין אמת'ן דערשטוינט געוואָרען צו דערזען די אָנפאַנגער פון אייער צופרידענקייט. קאַרלי־קעס פון זעלבסטנוצעז האָבען געפּרוּאווט צו פאַרשטעלען גיגאַנטען פון אַלגעמיינעם גליק.

פון אייערע אָרדענס קען מען נישט קיין זאַקענבענלדאַך, נאָר שטריק פאַר היימישע חיות אויספלעכטען — און זיצט אויף אַ שטריק! און דאָס לייכטען פון דער נייער וועלט דרינגט נישט אַריין אין אייער הייל! נאָר זאָל דער ווינט צובלאָזען די וואָרצלען, וועלכע באַהאַלטען די מאָרגענרויטקייט!

נישטאָ קיין שענערס פונ'ם זונאויפגאַנג — און דער זונ־אויפגאַנג קומט פונ'ם מזרח!

4. איז אייך טאַקע שווער צו פאַרשטיין דעם זין פון אַסטראָלאָגיע?

אויב איר האָט נישט גענוג וויסען, לייג איך פאָר צו מאַ־כען אַ פּרואוו. מען דאַרף נעמען פיר אָרגאַניזמען: אַ געוויקס, אַ פיש, אַ פויגעל, און אַ חיה. לאָמיר זאָגען — אַ ליליע, אַ קאַרפּ, אַ טויב, אַ הונט. נעמען צו זיבען עקזעמפּלאַרען און פאַר יעדען טייל איינאָרדנען אַנ'אָרט, וואָס האָט נישט קיין טאָגליכט און וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט דעם פאַרביגען שטראַל פון עלעקטריש ליכט. שויבען דאַרף מען נעמען די נאָנטסטע צו די פאַרבען פונ'ם רעגענ־בויגען. אויף ביינאַכט קען מען בלויז קלענער מאַכען דעם

גראד ליכט. אזוי קען מען דאס נאכפארשען ארום פיר חדשים.

דערנאך וועט אפילו א בלינדער פארשטיין דעם אונטערשיד פון די פאלגען. דערביי וועט נאך פעלען דער הויפטבאדינג פונ׳ם שטערן־שטראל, זיין כעמישער באשטאנד. עס איז אוממעגליך נישט צו פארשטיין די באטייטונג פון דער פיזישער ווירקונג פון די קערפערס פון די פלאנעטען.

דער בליק און די דערוואַרטונג פון דער מענשהייט דארפען זיין געווענדט צו די ווייטע וועלטען. דערפאר דארף אלץ, וואס געהערט צו אט דער זאך, אויסשטודירט ווערען אהן פאראורטיילען. אויב עס זיינען נויטיג גענויע קענטנישען, ראשט איבער די אסטראנאמיע מיט זיי.

5. מען קען געבען אנווייזונגען, מען קען צוזאגען און איבערשרעקען, אבער בלויז דאס פארשטיין וועט באוועגען. וואס קען פארבייטען דאס באוואוסטזיין פון אנווענדבארקייט?

מען וועט זאגען: ווי שיין! ווי מעכטיג! ווי מאיעסטעטיש! — אבער די אלע ענטוזיאזמען זיינען ווי בלאנדזשענדיגע פייערלאך איבער א בלאטע און וועלען פונקט אזוי פארלאשען ווערען, ווי זיי ווערען אויבערפלעכליך געבוירען. ריינע געדאנקען זיינען ענליך צו רעגענבויגען־שטויבעלאך, דער ערשטער ווינט וועט זיי צוועקטראגען אין רוים. דער ווערט פון אזעלכע שטויבעלאך איז נישטיג. מיר שעצען דעם געדאנק, וואס האט באשאפען דעם אנטשלוס. דער אנטשלוס ווערט אפגע־

שעצט לויט דער אייגענשאַפט פון אַנווענדבאַרקייט. אַנ־ווענדבאַרקייט ווערט געאורטיילט מיט'ן וויסען פונ'ם גייסט, דאַמאָלס באַקומט זיך די טעטיגקייט, מיט וועלכער מען מעג זיך פרייען. און ווער עס פרייט זיך, דער גלייבט אויך. אַפילו דער גלויבען דאַרף באַגרינדעט ווערען — אַזוי קען די לערע לעבען.

מיר רעכענען גוט, מיר ווענדען אַן דויערהאַפט. אויב מען וועט באַשולדיגען אין אויסגערעכענטקייט, זאָלט איר דאָס אויך נישט אָוועקמאַכען. ווייל די אויסגערעכענטקייט איז דער קעגענזאַץ פון משוגעת, און משוגעת איז דער קעגענ־זאַץ פונ'ם וויסען פון גייסט.

און וואָס פאַר א קרייז מיר זאָלען זיך נישט אָנצייכענען, וועלען מיר דאָך זיך אומקערען צום גרויסען וויסען פון גייסט.

נישט איך פיל, נאָר איך ווייס — נישט דער אבערגלוי־בען, נאָר די אומפאַרענדערליכקייט. און ווען מיר באַרירען די אומפאַרענדערליכקייט, דאַמאָלס באַרירען מיר אַזוי ווי דעם מאַגנעט פונ'ם פלאַנעט, — דאַן שטייען מיר פעסט.

6. מיידט אוים די מאָנאָטאָנקייט, אין אָרט און אין דער אַרבייט. טאָקע די מאָנאָטאָנקייט איז גלייך צו דער גרעסטער פאַרבלאָנדזשעניש — צום באַגריף פון אייגענ־טום.

דער שקלאַף פון אייגענטום פאַרלירט פריער פאַר אַלץ די באַוועגליכקייט פון גייסט. אַזא שקלאַף הערט אויף צו פאַרשטיין, אַז יעדער אַרבייטס־טאָג דאַרף זיין באַ־שוינט מיט א באַזונדער אייגענשאַפט פונ'ם גייסט. אַזא

שקלאַף קען נישט איבערבייטען דאָס אָרט, ווייל זיין גייסט וועט בלייבען באַזעצט אין זיין ערדיש הויז.

פרעגט זיך — צי איז אייך לייכט צו באַוועגען זיך פון אָרט צו אָרט? איז אייך לייכט איבערצובייטען די אייגענשאַפט פון אייער אַרבייט? אויב לייכט, הייסט עס, אַז איר קענט פאַרשטיין דעם ווערט פון אַלגעמיינעם גליק. אויב יעדע רייזע צווינגט אייך צו שרייבען אַ צוואה און דאָס בייטען די אַרבייט מאַכט אייך אומגליקליך, הייסט עס, אַז איר דאַרפט נעמען אַ היילמיטעל. מען דאַרף דאַמאָלס פאַרשרייבען די געפערליכסטע רייזעס און באַשטימען אַן איבערבייט פון די פאַרשידענסטע באַשעפטיגונגען. עס וועט זיך אַנטוויקלען דרייסטקייט און דערפינדערישקייט, ווייל די אַלערערשטע אורזאַך איז — מורא.

דער אָנפאַנג פון׳ם געפיל פון אייגענטום איז אויך מורא. כאָטש מיט עפּעס זיך צו באַפעסטיגען צו דער ערד. גלייך אַ נישטיגע כאַטע קען זיך אַרויסווייזען פאַר אַ געניגענדען אַנקער פאַר׳ן גייסט! גלייך אַ הויפען אייגענע זאַכען קען באַשיצען פון אַ בליץ! די פּעריאַדיש שעדליכע שפּילצייג פון אייגענטום האָט מען אָפּגענומען ביי דער מענשהייט, נאָר דער פאַטער פון׳ם ליגען מורא וועבט ווידער זיין שפּינוועב און ווידער די אויסטראַכטונגען פון מורא. דערפאַר וועלען מיר אָפּווענדען די מורא. מיט איר וועט אַוועק דאָס אייגענטום און די לאַנגווייליגקייט.

וויפיל ניי געזונט עס איז דאָ אין דער פאַרשידענאַרטיג־
קייט פון אַרט און אַרבייט!

7. נירוואַנאַ איז די אייגענשאַפט פון אַנטהאַלטען אַלע טעטיגקייטען — די אָנזעטיגונג פון אומפּאַסבאַרקייט. מיט דעם ציטער פון באַלויכטענעם פליסען צו אמת׳ע קענט־נישען. שפּראַכען האָבען נישט קיין גענויערע באַצייכ־נונג פאַר אָט דעם פּראָצעס. די רואיגקייט איז בלויז אַנ־אויסערליכער סימן, וואָס דריקט נישט אויס דאָס וועזען פון׳ם צושטאַנד.

בודאַ האָט דערמאָנט וועגען רוה, אָבער בלויז אָט די אוי־סערליכע באַדינגונג האָבען די צוהערער פאַרנומען. ווייל געהערט האָבען דאָך מענשען, וועמען רוה קלינגט נאָענט. די טעטיגקייט, אַלס פאַרדינסט איז ווייניג פאַרשטענד־ליך.

איר האָט ליב דעם וויסענשאַפטליכען אויפבוי — איך אויך. אויב איר האָט געהערט די טעאָריע וועגען די וויר־בעלרינגען, די טעאָריע פון די כוואַליעס, די טעאָריע פון מאַגנעטיזם, פון צוציאונג און אָפּשטויסונג, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז אויף דער ערד עקזיסטירען ערטער פון זייער פאַרשידענער באַטייטונג. אַפילו טעמפּע קעפּ האָבען זיך פאַרטראַכט וועגען דעם מאָדנעם גורל פון אַ סך שטעט. די קאָמבינאַציע פון׳ם פיזיקער, אַסטראַכעמיקער, ביאָלאָג און אַסטראָלאָג וואָלט געגעבען דעם בעסטען ענטפער אָהן שום מיסטיק. די באַשאַפונג פון גרויסע שטעט דאַרף פאָרזיכטיג באַשטימט ווערען. ווייניגער פון אַלץ, האָט די

הײנטיגע פּאָליטיק אַ באַדײַטונג, װײַל אַט דער באַגריף פּאַרמאָגט נישט קײן באַלערונג און קײן שײנקײט.
אױסמעסטענדיג די באַדינגונגען פֿון דער צוקונפֿטיגער שטאַט, זאָלט איר זיך נישט פֿאַרשטעלען מיט דעם כּלומרשט ברײטען באַגריף, קלײניגקײטען זײַנען אָפּטמאַל אױבען־אױפֿיגער.
אױך בײם אױסקלײבען מיטאַרבײטער זײט אױפֿמערק־זאַם אױף אײנצעלהײטען בײ די קלענסטע טאַטען.
באַשטימענדיג דעם מענשענ׳ס װעזען דורך דעם אַפּעל פֿון אױג, פֿאַרװיקלען מיר אים מיט געװאױנהײטען פֿון קלײנע טאַטען. װײניגער פֿון אַלץ זאָלט איר צוגעבען באַדײַ־טונג װערטער, אַזױ װי לױפֿענדיגע װאַסערען. קלײנע טאַ־טען, װאָס זאַפּען אַן דאַס גאַנצע לעבען, װעלען בעסער באַצײכענען די אײגענטימליכקײט פֿונ׳ם מענשען — פֿון זײ װאַקסען אַרױס גרױסע. מיר גלױבען נישט זײער צו־פֿעליגע העלדענטאַטען. פֿון שרעק קען מען באַגײן אַ דרײסטע העלדענטאַט.
עס זײַנען נױטיג באַװאוסטזיניגע העלדענטאַטען, בלױז זײ פֿירען צו נירװאַנאַ.

8. לאָמיר זיך פֿאַרשטעלען אַ מענש, װאָס האָט זיך אײנגערעדט, אַז זײַנע אױגען זעען פֿאַרשידען. פֿאַר־שטײט זיך, ער װעט זײַן גערעכט, אָבער שױן מיט דעם געדאַנק אַלײן װעט ער צושטערען זײַן ראיה. די קאָאָר־דינאַציע פֿון רעפֿלעקסען איז שװער, אָבער בלױז זי פֿאַרזיכערט די אַרבײט פֿונ׳ם אַפּאַראַט. דער אונטער־שיד פֿון די אױגען גיט װעלבונג דער זאַך.

פונקט אזוי קענען צוויי פארשידענע אמת'ן זיך צוזאמענ־וואקסען אין א געזונטען ארגאניזם. דער מענש, פאר־נומען מיט'ן געדאנק פון פארשידענע אמת'ען איז ענליך צו דעם מענש, וואס האט זיך איינגערעדט פארשי־דענע אויגען, ער פארלירט די וועלבונג פון פארשטע־לונג.

9. הינטער'ן פענסטער האט זיך דערהערט א רוף — איין ארבייטער האט א מאך געטאן — שטער נישט, איך בין פארנומען! דער צווייטער האט צוגעזאגט צו קומען, נאר ער האט פארגעסען. דער דריטער איז געקו־מען נאך דער ארבייט, נאר דאס ארט איז שוין געווען ליידיג. דער פערטער האט ביים רוף א ציטער געטאן און צונויפקלייבענדיג די כלים, איז ער באלד ארויסגע־גאנגען — אט בין איך! דאס ווערט אנגערופען דער ציטער פון עמפפינדליכקייט.

נאר דאס ציטערען, באלויכטען מיט דעם באוואוסטזיין פון טאג און נאכט, פירט צום קענען דעם גייסט, טראץ דעם פארשטאנד עפענט עס די טויערען מיט א ציטער, וואס ווערט געהערט אפילו מיט די מענשליכע אפאראטען.
אויב איר וועט קענען נישט פארטויבען אין זיך דעם צי־טער פון עמפפינדליכקייט — איז וואויל צו אייך!

10. איר וועט פרעגען א קאמפאזיטאר — צי ער האט ליב איין־שטימיגע כארען און סימפאניעס. וועט ער אנרופען אייער פראגע אנ'אומזין, ווייל אין איין־שטימיג־קייט איז נישט פאראן קיין סימפאניעס. פאר א נייעם טאן איז א קאמפאזיטאר גרייט צוציען דעם אונדער־

וואַרטסטען אינסטרומענט. פונקט אַזוי ביים באַשאַפען אַ גרופּע, וואונדערט אייך נישט וואָס די מיטגלידער ווייזען אוים צו־פאַרשידען. נישט מיט געבורט, נישט מיט געוואוינהייטען, ניט מיט פעלערען, נאָר מיט׳ן גייסט באַרירען זיי זיך. מיט׳ן גייסט דעם אומוועגבאַרען, דעם אומגעזעענעם און אומגעהערטען פאַראייניגען זיי זיך אין אַ כאָר. דערפאַר זאָלט איר נישט פאַרוואַרפען אימיצען דעם טעמבר פון זיין שטים — וויכטיג איז איר קוואַליטעט. עס איז אַ פרייד צו דענקען, אַז די קוואַליטעט קען זיך אַלעמאָל פאַרבעסערען, אויב עס איז פאַראַן דיסציפּלין פון גייסט.

11. אין גלויבונגען און געזעצען ווערען געטאַדעלט: פאַררעטערישקייט, לעסטערונג און באַליידיגונג, נאָר עס ווערט נישט אָנגעוויזען פאַרוואָס אַט די טאַטען זיינען שעדליך לויט זייער וועזען. דערפאַר זעען אַט די טאַדלונגען אוים אַזוי ווי פאַרבאָטען. אָבער יעדער פאַרבאָט איז רעלאַטיוו און איבערצייגענדיג. שאַדען און נוצען דאַרפען באַוויזען ווערען וועזענטליך.
די שעדליכקייט פון פאַרראַט, לעסטערונג און באַליידיגונג איז לייכט צו באַווייזען מיט אַ געוויינליכען ביישפּיל. פאַרשטייט זיך, אַז דער שאַדען וועט זיין נישט דעם פאַרראַטענעם, נאָר דעם פאַררעטער.

די גאַנצע וועלט צוטיילט זיך איבער דער גרעניץ פון פּערזענליכען און אַלגעמיינעם גליק. אויב מיר זיינען טעטיג אין דער ספערע פון אַלגעמיינעם גליק מיט אויפריכטיגע געדאַנקען, שטייט אונטער אונז דער גאַנצער

רעזערוואואַר פון קאָסמישע אָנהויפּונגען, אַז דער כּוס פון די בעסטע העלדענטאַטען הייבט אָן צו ווירקען איבער אַנ'אומגעזעענעם שטראַל.

שטעלט אייך פאָר, אַז אַ צאַרנדיג לעבטל פריפּט אייך אָפּ־ברענען, איר האָט נאָך קיין מיטלען נישט אָנגענומען, נאָר פון הינטער אייך דערנענטערט זיך שוין אַ מעכטי־גער סמאַליגער פאַקעל. מאַכט אָט די דערפאַרונג און איר וועט זען, ווי דאָס ליכט צעשמעלצט זיך, צוקרימט זיך און גייט אויס. דאָס איז נישט אַ שטראָף, נאָר אַ גע־העריגער רעזולטאַט פון די נאַטור־געזעצען.

מען פאַרראַט, מען זידעלט און מען באַליידיגט די טרע־גער פון אַלגעמיינעם גליק, נאָר עס איז נישט מקנא צו זיין דעם גורל פון אָט די אָפּברענענדיגע פייערען. דער־פאַר זיינען פאַרראַט, לעסטערונג און באַליידיגונג נישט פּראַקטיש.

דערפאַר זאָלט איר נישט טראַכטען וועגען נקמה — נאָך די אַלטע האָבען בילדליך געזאָגט : „נקמה איז מיין און איך וועל באַלוינען". איז דען לייכט דאָס לעבען פון אַ פאַררעטער ?

אויך איז אין די גלויבונגען און געזעצען געזאָגט געוואָ־רען וועגען גנבה, אָבער ווידער קלינגט דאָס ווי אַ פאַר־באָט. דערווייל דאַרף מען אָנווייזען, אַז גנבה איז שעד־ליך, אַלס אַ באַגריף, וואָס פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון אייגענטום. גנבה שטערט דער עוואָלוציע פון דער וועלט, אָבער עס איז נישט מקנא צו זיין דעם גורל פון די,

וועלכע טוען שאדען דער וועלט-עוואלוציע. זיי שיקען זיך אוועק ווייט אויף צוריק.

נישט וויכטיג, וואס עפעס א זאך וועט איבערגיין אין אנדערע הענט, נאר וויכטיג איז, וואס צוויי מענשען לע־בען איבער דעם אנגריף פונ'ם געפיל פון אייגענטום.
דאס געזעץ וועגען גנבה איז אומפולקאם, ווייל די הויפט־גנבות זיינען: פון וויסענשאפט, די אידעען פון שאפונג קענען נישט פאראויס געזען ווערען.

גנבה ווערט פארניכט מיט'ן פארשוואונדען פון פריוואט־אייגענטום.

12. אין די גלויבונגען און געזעצען ווערט א סך גע־אורטיילט דאס נישט איינהאלטען זיך, אבער ווידער אהן א דערקלערונג. די פראקטישקייט פון איינהאלטען שפייז און ווערטער קען מען אין א משך פון עטליכע חדשים. פארשטייט זיך, מיר זיינען אזוי ווי פריער קעגען פא־נאטיזם און זעלבסט-מארטירעריי. דער קערפער ווייסט די מאס פון באהייצונג. וועגען דעם געשלעכטליכען איינ־האלטען זיך, דארף מען רעדען גענויער, צופיל ארט האט דאס מאדערנע דענקען אפגעגעבען אט דער פראגע. די גאר־אלטע מיסטעריעם האבען געזאגט: „ליינגאם איז דאס געפעם פון חכמה", נאר מיט דער צייט האט זיך אט די וויסענשאפט געענדערט אין עקעלהאפטע פאלשע קולטען און די רעליגיע האט אנגעהויבען עפעס צו פאר־ביטען, מען ווייסט נישט אין נאמען פון וואס. אין דער צייט האט מען באדארפט זאגען איינפאך — דער פאקט פון

פארפלאנצונג איז אזוי וואונדערליך, אז מען טאר אים נישט ארומגיין אויפ'ן געוויינליכען שטייגער.

מען קען אפּוועגען, מען קען צעלייגען אויף די קלענסטע טיילען, נאר עס בלייבט דאך די אומפאנגבארע און אומאויסשפּרעכליכע סובסטאנץ, וואס קען פּונקט אזוי נישט פארביטען ווערען, ווי די לעבענס-קראפט פון א קערן.

אין דער געהעריגער צייט וועלען מיר אויפמערקזאם מאכען אויף געוויסע איבערראשענדיגע אייגענשאפטען פון אט דער סובסטאנץ, וועלכע קען געזען ווערען, נאר איצט דארפט איר איינשטימען, אז אזא אומגעוויינליכע סובסטאנץ דארף זיין זעהר טייער און דארף האבען געוויסע וויכטיגע אייגענשאפטען. אפילו א נאר וועט דאס פארשטיין.

דער בעסטער באווייז איז, פארשטייט זיך, די דערפארונג. אויב מיר וועלען פארגלייכען צוויי אינדיווידומס, פון וועלכע איינער פארשווענדט לעבענס-סובסטאנץ, און דער צווייטער היט זי באוואוסטזיניג, וועלען מיר איבערראשט ווערען אויף וויפיל דער אפּאראט פונ'ם גייסט פון צווייטען אנטוויקעלט זיך עמפּפינדליכער. די קוואליטעט פון ארבייטען ווערט גאנץ אנדערש און די קוואנטיטעט געדאנקען און אידעען וואקסט. די צענטרען פון דעם זוניגען צונויפוועב און פונ'ם מח ווערען אזוי ווי אנגעוואַרעמט פון אנ'אומגעזען פייער. דערפאר איז דאס איינהאלטען זיך נישט א פּאטאלאגישער אפּזאג, נאר א פארשטענדיגע טאט.

געבען לעבען הייסט נישט ארויסווארפען דעם גאנצען זאפּאס לעבענס-סובסטאנץ.

ווען מענשען וואַלטען כאָטש אויפ'ן ערשטען שטאַפּעל דער־מאָנט זיך וועגען דער טייערקייט פון לעבענס־סובסטאַנץ, וואָלט זיך דערמיט באַדייטענד פאַרקלענערט די נויטיג־קייט פון פאַרבאַטען. דער פאַרבאָט דאַרף אומגעוואָרפען ווערען, דאָס איז דאָס געזעץ פון שטרעבונג. נאָר די אומפאַרבייטבאַרע טייערקייט וועט אָפּגעהיט ווערען — דאָס איז דאָס געזעץ פון שטרעבונג.

מיר וועלען אמת'ער אַ קוק טאָן אויף די זאַכען — אַלץ וואָס קען נישט פאַרביטען ווערען, וועט זיין אין די ערשטע פּלעצער פון אָפּגעהיטענקייט.

פאַרשטייט זיך, קענען מיר דען אַוועקוואַרפען אַ קאָסט־באַרע זאַך אין רוים? פאַרשטייט זיך, אָט די קראַפט וועט צו־געגעבען ווערען צו די סטיכיעס, פון וואַנען זי איז מיט אַזאַ מי אַרויסגעצויגען. אָנשטאָט מיטאַרבייטערשאַפט אין דער עוואָלוציע קומט אַרויס אָפּפאַל, וואָס דאַרף איבער־געאַרבייט ווערען.

און אַזוי וועלען מיר זיך פאַרשטעלען דאָס איינהאַלטען זיך, אַזוי ווי פליגלען!

13. צוויי סמנים פון דער אָטענטישקייט פון דער לערע: דער ערשטער — די שטרעבונג צו אַלגעמיי־נעם גליק. דער צווייטער — דאָס אָננעמען אַלע פריערדיגע לערעס, וועלכע שטימען איין מיט דעם ערשטען סימן. מען דאַרף באַמערקען, אַז די עלעמענטאַרע פאָרם פון דער לע־רע אַנטהאַלט נישט קיין נעגאַטיווע רעגלען, נאָר די אַבער־גלויבישע נאָכפאָלגער, אָנשטאָט גליק, הויבען זיי אָן אַרומ־צוצוימען די טעסטאַמענטען מיט נעגאַטיווען. באַקומט

זיך אַ פאַרניכטענדע פאָרמעל: „אונזער גלויבען איז דער בעסערער, אָדער מיר זיינען גלויביגע, און זיי אַלע זיינען אומגלויביגע". — פון דאַנען איז איין שריט צו די קרייץ־צוגען, צו דער אינקוויזיציע און צו די בלוטיגע ימים אין נאָמען פון יענע, וועלכע האָבען פאַרדאַמט מאָרד. נישטאָ קיין שעדליכערע באַשעפטיגונג, איידער אַרויפצווינגען גלויבען.

ווער עס וויל גיין מיט אונז, דאַרף פריער פון אַלץ פאַרגעסען די פאַרניינונג און טראָגען דאָס באַנייטע לעבען פריי, נישט געצוואונגען פון אַנדערע. מענשען ווערען צוגעצויגען מיט שיינקייט און מיט ליכטיגען וויסען. נאָר דאָס וויסען וואָס אַנטהאַלט האָפנונג, וואָס צובליט דאָס לעבען, וואָס אַנטפּלעקט די טעטיגקייט קען העלפען דער אמת׳ער עוואָלוציע. דאָס לעבען איז דאָך נישט קיין מאַרק, וואו מען קען באַקוועם קויפען דעם אַריינגאַנג צום הימלישען קעניגרייך. דאָס לעבען איז דאָך נישט קיין קבר, וואו מען ציטערט פאַר דער גערעכטיגקייט פון׳ם אומבאַקאַנטען שופט.

די געלערטע האָבען פאַרגעלייגט לויט זייער מיינונג אַ שאַרפזיניגע טרייסט: „דער מענש הייבט אָן צו שטאַרבען פון׳ם מאָמענט, ווען ער ווערט געבוירען". — דאָס איז אַ קנאַפּע און אַ טרויעריגע טרייסט.

מיר אָבער זאָגען — דער מענש ווערט געבוירען אייביג, באַזונדערס אָבער אין׳ם מאָמענט פון אַזוי־גערופענעם טויט.

די דינערס פון צוקרימטע רעליגיעס דערמוטיגען זייערע

תלמידים מיט קויפען אָרט אויפ׳ן בית־עולם, וואו מען קען זיך פריצייטיג פאַרזאָרגען צו ליגען באַקוועמער און בכבוד׳יגער פון אַנדערע, אָרעמערע, וועלכע האָבען דערפאַר נישט פאַרדינט קיין לאַנגע תפילות. דער ווירוויר וועט פאַר די אָרעמע זיין אַ נאָכגעמאַכטער און די זינגער וועלען זינגען זייער שלעכט.

זאָגט זשע, ענדליך, וואָסער אַטענטישע לערע האָט אַט די מיאוסקייט צוגעזאָגט? עס איז אין אמת׳ן פאַראַן גענוג קברים, בית־עולמס און איבערשרעקונגען!

מען קען וויסען, ווי ליכטיג עס האָבען געקוקט די לערער אויפ׳ן איבערגאַנג צו די צוקונפטיגע דערשיינונגען און האָבען ווייניגער פון אַלץ זיך געזאָרגט וועגען אַנ׳אָרט אויפ׳ן בית־עולם.

דער צייכען פון דער באַציאונג צום טויט איז זייער וויכטיג פאַר׳ן כאַראַקטער פון דער לערע, אין אים איז איינגעשלאָסען דער באַגריף פון רעאינקאַרנאַציע.

איך בעט באַציען זיך צו רעאינקאַרנאַציע שטרענג וויסענשאַפטליך.

אויב איר קענט פאַרלייגען אַנ׳אַנדער קאָנסטרוקציע פון וועלט־שאַפונג, וועלען מיר איבערלאָזען פאַר אייך דאָס אָרט פון פּראָפעסאָר פון די סעמינאַרען און מיר זאָגען צו צו באַגראָבען ערשט־קלאַסיג, איר האָט זיך דאך צוגעפינגעזאַמעלט ווירקליך צו שטאַרבען אין די אויגען פון די געבילדעטע.

לעזט אויפמערקזאַם איבער די שריפטען פון די לערער, וואָס איר האָט געדרוקט און איר וועט אייך פאַרוואונדער־

רעז, ווי פריינדליך זיי האבעז איז אלע צייטעז גערעדט
וועגעז די ענדערונגעז פון לעבעז.
דער וועג פון ליכט וועט זיך באווייזעז, ווען איר וועט
האבעז די דרייסטקייט א קוק צו טאן ווישענשאפטלין,
און אהן פאראורטיילעז.

די דרייסטע מיט אונז — וואויל איז צו די דרייסטע!

14. די טעטיגקייט פונ'ם גייסט איז אומגעהייער שנעל.
דער גערדאנק איז א רעפלעקס פונ'ם גייסט און דערפאר
איז די באוועגונג פונ'ם גערדאנק אומגלויבליך שנעל.
אויב די באדייטונג פונ'ם גייסט איז גרויס, ווי זשע טייער
איז דאס קינד פון גייסט — דער גערדאנק?! וואס פאר
א באדייטונג עס האט דער גערדאנק, ווייזט אפילו דער
נישט־קאמפליצירטער אפאראט, וואס פארשט אויס דעם
ספעקטר פון דער אורע. נישט נאר באוואוסטזיניגע גע־
דאנקעז בייטען די פארב פון דער אורע, נאר פונקט אין
אזא מאס ווירקען די פליענדיגע פליגעז פון אונזער רעזער־
וואואר פון גייסט. וועלכע דערגייעז נישט צו שכל און
זכרון. אומעטום ווערט גערעדט וועגען דער אלצאייניג־
קייט פון באדייטונג פון גערדאנק אדער טאט. באשטימען
דאס איז לייכט: נעמט די טאט אויפ'ן ספעקטר פון דער
אורע פון א גערדאנק וועגען מארד אדער דעם מארד
אליין — דער רעזולטאט וועט זיין דער אייגענער.
עס איז שווער קלאר צו מאכעז, אז דער גערדאנק
האט אויך א ווירקונג, אזוי ווי די טאט. נאר דער, וואס
וויל אנטייל נעמען אין דער עוואלוציע פון דער וועלט,
דער דארף פארשטיין די באדייטונג פונ'ם גערדאנק.

אויב אַ געדאַנק ווערט טראַנספאָרמירט אין אַ פיזישער פאַרב, קען אויך זיין ווירקונג אויף אַ שטח געזען ווערן, ווי די לערע װעגן די כוואַליעס פון ליכט. מען דאַרף צוגיין ווי־סענשאַפטליך צו דער טעאָריע וועגן דער קראַפט פון געדאַנק. מען דאַרף עס נישט צושרייבן צו אויסנעמ־ליכע פּערזענליכקייטן — דאָס איז אַן'אַלגעמיין געזעץ פאַר אַלע.

די הויפּט־פאָלגען וועלן זיין די אומפּראַקטישקייט פון לי־גען און היפּאָריטסטווע, און אויך די שפּאָרזאַמקייט צו די אייגענע נאָענטע.

די נישט ביטרע געלערטע ווייסן, אַז מיט איין מאָמענ־טאַנעם געדאַנק ווערט פיזיש באַפאַרבט אַ גאַנצע אורע. דוכט זיך אַ גאַנץ געהיימער געדאַנק, און זיין רעזולטאַט איז אַ פיזישע פאַרב, וויסענשאַפטליך פעסטגעשטעלט.

דער אויסמעסטער פון אורעס גיט אַ גרויסן באַוויז פאַר איגנאָראַנטען.

מיט ציוויליזירטע איגנאָראַנטען דאַרפן מיר אומגיין ווי מיט קינדער. אַן'אַפגעסמאַליעטער פינגער לערנט זיי אומ־גיין מיט פייער. מיר רעדן וועגן פאָראורטיילן, אָבער אַ וועלכער־עס־איז מיניסטער ווייסט נישט וואָס פאַר אַ חיה דער פאָראורטייל איז — לאָמיר גיין צו דער פרייד!

15. מען זאָגט, אַז אַרבייט קען אויסמאַטערן און אַפילו זיין שעדליך פאַר'ן געזונט. אַזוי רעדן פוילע און אומבאַוועגליכע מענשען.

פאַרשטייט, ריכטיג פאַרטיילטע אַרבייט קען לויט איר נאַ־טור נישט אויסמאַטערן. בלויז פאַרשטיין, ווי אַזוי

ריכטיג צו פאַרבייטען די גרופּע אַרבייטס-נערוועז און קיין שום מידקייט קען נישט צוטרעטען. פּרואווט נישט געפינען אָפּרו אין ליידיגגיין. ליידיגגייערײ איז בלויז אַ מיקראָב פון מידקייט. נאָך אַנ׳אָנשטרענגונג קענען די מוסקלען אָנהייבען ווײ צו טאָן, נאָר עס איז גענוג זיך אַריינצולאָזען אין ליידיגגיין און איר וועט דערפילען דעם גאַנצען ווייטאָג. אין דער צייט וואָס, אַרויסרופענדיג די אַרבייט פון די קעגענגעזעצטע צענטערן, מיידט איר אָבסאָלוט אויס דעם רעפלעקס פון פריערדיגע אָנשטרענגונגען. פאַרשטייט זיך, עס ווערט פאַרשטאַנען אַ גרויסע באַוועגליכקייט, וועלכע אַנטוויקעלט זיך דורך באַוואוסטזיניגער דערפאַרונג.

ווען אַ דאָקטאָר פאַרשרייבט אַ פאַרשידענאַרטיגע היילונג, געפינט מען צייט און מעגליכקייט זי אויסצופאָלגען. פּונקט אַזוי קען מען געפינען אַ פאַרשטענדיגען איבערבייט פון אַרבייט — דאָס איז אמבאַלאַנגט אַלע אַרטען אַרבייט.

עס איז שלעכט צו געפינען אַנ׳אומבאַוועגליכקייט פונ׳ם שכל, וועלכע שטערט דער אַרבייט פון די העכערע צענטערן.

מען דאַרף געדענקען, אַז געוויסע קערפּערליכע לאַגען דאַרפען אויסגעמידען ווערען, אָדער וויינינגסטענס געענדערט ווערען. די איינגעבויגענקייט שטערט דעם זוניגען צונויפוועב, אויב אויף אויסגעצויגענע פיס. אַ פאַררויסענער קאָפּ שטערט די צענטרען פונ׳ם מח. הענט אויסגעשטרעקטע פאַראויס מאַכען שווער דעם צענטער פון דער אַרטע.

דאָס ליגען אויף דער פּלייצע שטערט די צענטערן פון קונדאַליני, כאָטש עס רעגט זיי אויך אויף.

דאָס קלאָר דענקען קומט נאָכדרינגליך, ווען די לאַגע פונ׳ם ליכט איז געענדערט. מען דאַרף זיך נאָך אומקערען צום ליכט אָדער אָפּקערען זיך און מען וועט פילען די וויר־קונג.

פריער געדענקט, אַז יעדע לאַגע האָט איר מעלה, נאָר אויב מען זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וועטער־האָן פון אַ פרעמדען ווינט, וועט די סיסטעם פון אויפנאַנג געשטערט ווערען.

16. דער ערפאָלג וועט די, וואָס שטרעבען נישט פאַר־לאָזען, ווייל עס איז שווער אריינצופּאַלען אין דער פּלי־ענדיגער פייל. ווי שנעל זיינען די טערמינען פון די באַ־שערטע, נאָר אין דער באַוועגונג דאַרף מען אונטערשיידען דעם נעכטיגען טאָג פונ׳ם צוקונפטיגען טאָג.

פעלקער זיינען אויפגעשטאַנען, מלכים גייען אַוועק — איז דאָס אַ צופאַל? בלויז אַ בלינדער באַמערקט נישט די באַוועגונג פון דער עוואָלוציע. יעדעס יונגע האַרץ ציטערט מיט דעם פאַרגעפיל פון נייע פאָרמען. אין די מאָמענטען איז יעדע נייע פאָרם, כאָטש נישט פולקאָמען, טייערער פון אַן׳אַלטער פאַלירטער.

כדי זיך אָנצורופען אַ זונטרעגער, דאַרף מען פאַרגעסען די פינסטערניש.

ווי אַזוי זשע נישט אונטערשטיצען די וואָס שטרעבען צו דער זון? — זיי איז לייכטער צו דערקלערען די באַדיי־

טונג פון דער זוניגער פּראַנע. דער זון־שטראַל וועט פּאַר זיי באַלייכטען נייע טיפען. מען דאַרף נאַר אָננעמען.
יעדער גערופענער באַקומט דעם גאַנצען כוס. אויב ער וועט נישט אָננעמען דעם שליח, וועט ער באַקומען אַ טייל פון דעם באַשערטען. אויב ער קען נישט אַריינגעמען דעם טייל, וועט אים געגעבען ווערען אַ צוטיילטער טייל — אַזוי וועט יעדער אָפּמעסטען.
מען דאַרף זאָגען די, וועלכע קלייבען אויס דעם צוטייל־טען טייל: קלענסטע, לויט דער געוואוינהייט פון לייכט־זין האָט איר זיך אַרויסגעטריבען פון׳ם גאָרטען! פּילט, ווי לייכט עס איז געווען אָנצונעמען דעם שליח פון׳ם כוס.
צוזאַמען מיט אים וואָלט איר פאַרזייט אַ קליינעם בוים פון דער גרויסער פרייהייט. ווי שווער עס איז איצט אַריינצוקוקען אין די אויגען פון פאַרבייגער, צו זוכען דעם, וועלכער קלאַפּט אָן צו אייך. דאָס וואָס איז היינט לייכט, איז מאָרגען נישט צוגענגליך. דערפאַר זאָלט איר זיך אַרומרינגלען מיט דער גאַנצער שאַרפזיכטיגקייט.

אַ באַפעל מעג מען איבער׳חזר׳ן, נאָר מען טאָר נישט די אויגען מיט געוואַלט עפענען. דער שלאָפענדיגער לאָז שלאָפען!
קען מען דען שלאָפען ווען דער הימעל פינקעלט און די גאַנצע ערד וויגט זיך?!
17. מיר וועלען דערמאָנען עטליכע פאַלען וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען אין פאַרשידענע לעבענס: מען האָט געוואַרט אויף דעם שליח צען יאָר.

נאָר אַ טאָג פאַר זיין קומען האָט מען פאַרמאַכט די טיר. אָדער אויסקלייבענדיג דעם צוטיילטען טייל, איז מען אַריינגעפאַלען אין אַ געבענשטער פוילקייט, וואונדערענדיג זיך, ווי דער טייל ווערט מאָגערער. אָדער, אויסקלייבענדיג דעם טייל, איז איינגעפאַלען אָפּצוהיטען די אַלטע געוואוינהייטען — זאָל אונטער איין בוזים ליגען דער טייל פונ'ם גליק, הינטער'ן אַנדערען קען מען באַהאַלטען די באַליבטע טאַראַקאַנעם. אָדער אויסקלייבענדיג דעם טייל, האָט מען באַשלאָסען בלויז אויף אַ מינוט אַרויסצושפּרינגען פונ'ם צוג, פאַרגעסענדיג, אַז אַ שפּרונג אין מיטען לויפען, וואַרפט טויטליך אָפּ אויף צוריק. אָדער אויסקלייבענדיג דעם טייל, איז איינגעפאַלען צו באַזידלען דעם ברודער, פאַרגעסענדיג, אַז זידלעריי קלאַפּט פּיינליך איבער'ן שטערן. איר וועט פרעגען: „ווי אַזוי־זשע טאָן, נישט צו פאַרשמירען דעם אויסגעקליבענעם טייל?" — איך קען געבען אַנ'עצה: אנשטאָט אַ טייל, נעמט אָן דעם גאַנצען כוס פון אַלגעמיינעם גליק. אָט דאָס אָננעמען וועט אייך באַשיצען פון אַלע אומריינקייטען. אַנשטאָט דעם שרעקענדיגען איבערלייגען זיך, באַשליסט אָנצונעמען, אַלס אַ פּראָבע, אויף זיבען יאָר, דעם פּלאַן פון אַלגעמיינעם גליק. אויב מיין עצה איז אַ שלעכטע, וועט איר צייט האָבען אויפסניי אַריינצופירען אייערע טאַראַקאַנעם.

ווען דער כוס פון אַלגעמיינעם גליק וועט זיך אויסווייזען שווער, דעם וועל איך זאָגען: די לערע איז נישט קיין צעדער־ניסלאַד אין צוקער, די לערע איז נישט קיין

זילבערנע קייקעלאַך. די לערע איז אַ מעכטיגער זיל־בערנער אָדער. אַ באַשערטער און אַנ׳אַפּגעהיטענער. די לערע איז אַ הייליגנדיגע סמאַלע, אַנ׳אָפּענע און שטרעבענ־דיגע.

איך וועל זאָגן דעם, וואָס וואַקעלט זיך — היט דיך נאָר פון צו ווערן אַ פאַרעטער, ווייל דער גורל פון אפילו אַ קליינעם פאַררעטער איז שוידערליך!

צו דעם, וואָס מיהט זיך, וויל איך זאָגן — צוציען אַ קליינע קראַפט איז שוין אַ גרוים פאַרדינסט, נאָר צוציען אַ גרויסע קראַפט איז שוין אַ ליכטיגע דערגרייכונג. דעם, וואָס מיהט זיך אויף אַנ׳אמת איז נישט שווער דער כוס פון אַלגעמיינעם גליק!

ווען איר וועט זוכן מיטאַרבייטער, זוכט אָהן זאָרג. אַר־בייטענדיגע הענד קענען באַהאַלטען דעם שליח. די הויט־פאַרב קען זיין פון די בערג־שנייען. דעם אמת וועט דער שליח נישט אויסשרייען אויף׳ן מאַרק.

אַזוי זאַמעלט צונויף די סמנים — די צייט איז נאָנט!

18. באַקענענדיג מיט די סמנים פונ׳ם שליח, וועלען מיר דערמאָנען די סמנים פון די מיטאַרבייטער: אָהן פאָראורטיילען, באַוועגליך אין דער טעטיגקייט, יונגע אין גייסט, נישט מורא האָבענדיג פאַר אַ תהום. עס איז גוט נישט צו פאַרגעסען די אומבאַקאַנטע און יתומים.

איצט איז צייט צו זאָגען די סמנים פונ׳ם וועג צו אונז. פריער פון אַלץ, צי פאַרנעמט איר קלאָר דאָס עקזיסטי־רען פון די לערער?

ווען איר לעזט וועגען דעם געפינען דינאַזאור אייער, נעמט

איר לייכט אָן די מיטטיילונג. פונקט אַזוי לייכט נעמט איר אָן די מיטטיילונג וועגן אַ נייעם סאָרט מאַלפּע. וועגן דער לעבענס־פעהיגקייט פון קערנער אין די קברים פון די פּיראַמידען, וועגן אַנ׳אומבאַקאַנטען מעטאַל, וועגן אַ נייעם שבט, וואָס שטאַמט פון מענשען, וועלכע האָבען אַמאָל געליטען שיפבּרוך, אַ גאַנצע ריי מיטטיילונגען, וואָס קומען אַרויס פון אייער אומגאַנג, נעמט איר אָן לייכט.

פאַרוואָס־זשע איז שווער אָנצונעמען, אַז אַ גרופּע, וועלכע האָט באַקומען וויסען דורך כסדר׳דיגער אַרבייט, קען זיך פאַראייניגען אין נאָמען פון אַלגעמיינעם גליק? — דער־פאַרונגס־וויסען האָט געהאָלפען געפינען אַ באַקוועם אָרט, וואו שטראָמען ערלויבען זיך לייכטער צו פאַרבינדען אין פאַרשידענע ריכטונגען.

איר האָט געוויס געהערט דערציילונגען פון רייזענדע וועגן דעם געפינען אין היילען די אומבאַקאַנטע יאָגען. אויב איר וועט פאַרטזעצען דעם פאַקט אין דער ריכטונג פון אַ ברייטען טעטיגליכען וויסען, וועט איר לייכט דערגיין צום דערפילען די גרופּע לערער פון וויסען.

ווי אַזוי זשע געפינען דעם וועג צו אונזערע לאַבאָראַטאָ־ריעס? — אָהן אַ רוף וועט קיינער נישט דערגיין, אָהן אַ פירער וועט קיינער נישט אַריבערגיין! אין דער צייט דאַרף מען דאָס פּערזענליכע נישט־געצווימטע שטרעבען און אין דער צייט די גרייטקייט אויף די שווערקייטען פון וועג.

לויט אַ מנהג דאַרף דער אָנקומענדיגער דורכגיין אַ געוויי־

סען טייל פון וועג איינער אַליין. אַפילו די וואָס זיינען געווען אין דירעקטער באַציאונג מיט אונז פאַר׳ן אָנ־קומען דערפילען נישט אונזערע בשורות, אַזוי דאַרף זיין מענשליך.

און די איינזאַם־קומענדיגע טיילען זיך, אויסער טיפע אורזאַכען, אויף צווייערליי: די וואָס שטרעבען פּערזענ־ליך און די וואָס ווערען אַרויסגערופען פאַר שליחות.

קיינער וועט אַהן אַ באַזונדער אָנווייזונג, נישט דערקענען די וואָס זיינען געווען ביי אונז.

אויב אונזער שליח שרייט נישט אויפ׳ן מאַרק, קענען אויך די וואָס זיינען געווען ביי אונז היטען דאָס אַלגעמיינע גליק.

דער הויפּט־סימן פון אונזער רוף איז, ווען מען טראָגט אייך, אַזוי ווי פליגלען, אומפאַרענדערליך. אַזוי נעמט אָן אונזער קאָמונע פון וויסען און שיינקייט. און זייט זיכער, אַז מען קען דורכזוכען אַלע פעלזען־שפּאַלטען, נאָר דער אומגעבעטענער גאַסט וועט דעם וועג נישט געפינען.

אַ סך מאָל זיינען מיר געווען אין אייערע שטעט, מען קען אונז נישט אָנרופען אוועקגעגאַנגענע פון דער וועלט. איר טראָגט דאָך אויך אַרויס אָבסערוואַטאָריעס הינטער דער שטאָט און איר זאָרגט זיך צו פאַרשאַפען רו אייערע געלערטע. נעמט אָן אונזער באַגריף און באַקלאָגט אייך נישט אויף דער אבוועזענהייט פון אַ גענויען אדרעס.

געדענקט די וואָס אַרבייטען פאַר׳ן אַלגעמיינעם גליק!

19. איר וועט זיך אומפאַרמיידליך באַגעגענען מיט אַ

באזונדער טיף מענשען, וועלכע ווערען ווילד, ווען מען דערמאָנט זיי לערער. זיי זיינען גרייט צו גלויבען דער חוצפה'דיגער בערזען־שפעקולאַציע, גרייט צו גלויבען דעם ערשטען־בעסטען שווינדעל, נאָר די אידעע פון אַלגעמיינעם גליק איז זיי נישט צוגענגליך.

קוקט פעסט די מענשען אין אַפעל פון אויג, איר וועט אין אים געפינען אַ לויפענדיגען שאָטען און זיי וועלען נישט לאַנג אויסהאַלטען אייער בליק — דאָס זיינען געהיימע דוג—פאַ. אָפט זיינען זיי געפערליכער פון זייערע אָפענע מיטברידער.

אפילו, ווען מען זאָל זיי שיקען אַ בייטעל געלט, וועלען זיי דערמאָנען אַ בעל־חוב, וואָס עקזיסטירט גאָרנישט. אַפילו, ווען מען זאָל זיי אָפהאַלטען פון אונטערגאַנג, וועלען זיי שרייבען אַ דאַנק צו דער פאָליציי. אפילו ווען מען זאָל ברענגען אָט די, דוכט זיך, גוטמיינענדיגע מענשען, ביז'ן סאַמע גרעניץ פון אונזער ישוב, וועלען זיי דערקלערען, אַז זיי האָבען עס געזען אין אַ מיראַזש. וואָלטען זיי דאָס געטאָן אויס אומוויסען, אָבער די אורזאַך איז אַ סך ערגער.

היט אייך פאַר זיי! די הויפּטזאַך די קינדער היט. פון זיי קומען קינדישע מכות. זיי גייען אין שול אריין. פאַר זיי עקזיסטירען נישט דער היסטאָרישער פאַקט און דאָס געזעץ פון וויסען.

באַגעגענדיג קינדער מיט מכות, פרעגט זיי וואָס פאַר אַ סאָרט לערער זיי האָבען.

איצט, ווען עס דערנענטערט זיך די וויכטיגע צייט, דאַרף

מען ארומוואשען וואָס מער קינדער, זיי וועלען טראַכטען וועגען די שטעט פון דער צוקונפט. מען דאַרף זיי געבען דאָס אמת'ע בוך וועגן די אַספּעקטען פון אַלגעמיינעם גליק, אָבער דאָס בוך איז נאָך נישט אָנגעשריבען. נאָכגעמאַכט זיינען די ביכער פון די קינדער, נאָכגעמאַכט די שפּיל-צייג, נאָכגעמאַכט די שמייכלען פון די דערציער.

אין בלויז נאָכמאַכעניש קען מען דען דערוואַרטען אמת'-דיגקייט?

איך ראַט אַרויסצואווייזען צייט צו קינדער. זאָלען זיי אַליין שלעפּען די קלעצער פון זייער שטאָט.

איך האָב גערעדט וועגען די געהיימע דוג-פּאַ, כדי איר זאָלט וויסען. פאַרנעמען זיך מיט זיי לוינט זיך נישט, דאָס איז איינפאַך דאָס מיסט פאַר יעדען שטרעבענדיגען אַרביי-טער.

נאָר אויב איר וועט ווייזען קינדער אונזער ישוב, וועלען זיי מיט פרייד דורכגיין איבער אַלע לאַבאָראַטאָריעס און אָבסערוואַטאָריעס. אונזערע פּריזמאַטישע שפּיגלען וועלען זיי פאַרשאַפען אומפאַרגעסליכע פרייד, ווייל זיי האָבען ליב אַלץ וואָס איז אמת'דיג, און מיר שטרעבען נאָר צום אמת.

גיט קינדער נאָר ריכטיגע זאַכען!

20. פון אונזער קאָמונע פאַרזייען מיר זאָמען פון אַל-געמיינעם גליק איבער אַלע טיילען פון דער וועלט. איר וועט פרעגען — ווי אַזוי אָפּהיטען די געזעצען פון דער קאָמונע? איר האָט שוין געהערט אַ סך סמנים פון אונ-זער אַרבייט. איצט געדענקט נישט פאַר אינפאָרמאַציע.

נאָר פאַר באַלדיגער אָנווענדונג. אויב אַנ׳אָפּזאָגען זיך פון פערזענליכען דערנענטערט, וועט אָבער דאָס אָפּזאָגען זיך פון פון טעטיגקייט פאַר אַלגעמיינעם גליק, דערווייטערען אַהן אַ מאָס — דאָס איז דאָס געזעץ פון דער קאָמונע.

ביי דער באַוועגליכקייט פונ׳ם שכל איז זייער לייכט אָפּ־צוהיטען דאָס פערזענליכע ביים שטרעבען צום אַלגעמיי־נעם גליק.

איר וועט פרעגען — פאַרוואָס דאַרף מען אַזוי פיל נסיונות? — אין דער קאָמונע ווערט אַלץ דערגרייכט דורך דערפאַ־רונג, דערפאַר איז ריכטיג צו רעכנען נסיונות לויט דעם וואוקס. נסיונות ליגען אַזוי ווי שוועלען פון פרעכטיגע טויערען.

נעמט אַוועק דאָס זיפצען און די וויינענדיגע פנים׳ער, ווען מען רעדט וועגען נסיונות.

בלויז דאָס אָפּזאָגען זיך פון אַלגעמיינעם גליק וועט אראָפּ־שליידערען אין אַ גרוב אַפילו אַ ריז.

ווער עס האָט געהאַט דעם פאַרצוג צו הערען אונזערע רייד, קען עדות זאָגען, ווי באַשעפטיגט און פאַרשידענ־אַרטיג אונזער צייט גייט פאַרביי. צו פאַרגרעסערען די מעגליכקייטען איז אויסגעקומען זיך אָפּצוזאָגען פון לאַנגע אויפגעבויטע רעדעס, אויסזוכענדיג אין די פאַרשידענע יאָר־הונדערטען די בעסטע און קורצע באַשטימונגען. אין אַ צייט פון דריי מינוט דאַרף מען קענען געבען אויסדריק־ליך דעם אינהאַלט פון אַ דריי־שטונדיגער רעדע.

איך זאָג דאָס, נישט מורא האָבענדיג פאַר דעם צאָרן פון אַדוואָקאַטען און פרעדיגער.

אפשעצען דעם אוצר פון צייט קען מען בלויז ביי דער ארבייט פון אלגעמיינעם גליק. ווייניגער פון אלץ טאר מען גנב'ענען די צייט פון אייער ברודער. גנב'ענען אהן א זין צייט איז פונקט אזוי ווי גנב'ענען אידעען.

צום נסיון קען מען צוגעבען, אז אפילו א קינד מעג מען פרעגען — וואס האלטסטו אצינד פאר דעם וויכטיגסטען? — פארשטייענדיג דאס פליסען פון'ם געדאנק, קען מען לויט דעם ענטפער דערזען דאס ריכטיגטע פנים. עס איז טרויעריג צו קוקען אויף די, וועלכע באהאלטען זייערע געדאנקען.

דער געדאנק — איז א בליץ!

VI

1. דער וואס ווידמעט זיך צו א הינערשטייג, טראגט די פאלגען פון אייער. דער וואס ווידמעט זיך צו א טייל פון דער וועלט, וויגט זיך מיט'ן באדען.

מענשען האבען קאליע געמאכט די באדייטונג פון'ם ווארט „הארמאניע". אין דעם ווארט איז אריינגעטראגען געווארען עפעם קלעריקאלעס, א פאלד פון א כיטאן, אנ'אימארטעל פון א נישט-עקזיסטירענדיגער ליבע און אפילו א געשטריקטער זאק. עס איז בעסער אהן הארפעס צו פארבייטען אט דעם אויסגעטריקענטען באגריף מיט א מער ענערגישען — לאמיר זאגען — די עמפפינדליכקייט פון מיטארבייטערשאפט. אהן איר קען די קאמונע נישט לעבען. איר שטערונג רופט ארויס באליידיגונג. באליידיגונג שאפט טעמפקייט.

אַ מענש, אַ געדריקטער דורך באַליידיגונג, ווערט צוגעצויגען צו איין פונקט. ווערענדיג אומבאַוועגלאַך, ווערט אַ מענש אומפאַרמיידלאַך טעמפּ. טעמפּקייט, אַזוי ווי זשאַווער, פאַרשלינגט אַ טייל פון דער פונדאַמענטאַלער סובסטאַנץ.

אַלץ וויברירט, רעגט זיך און אַטעמט אין דער באַלייכטונג פון בליצען.

אין די טעג פון גרויסען אויפבוי, דערלאַזט נישט אַ פאַרזשאַווערטען אַנקער. דער זשאַווער קען נישט אויסהאַלטען דעם אַפוואַשענדיגען ווינט!

2. דער דאָקטאָר קען פרעגען : אויב די אורע איז אַ פיזישע דערשיינונג, קען זי נישט וואַקסען אין דרויסען פיזיש ?

ביז אַ געוויסען גראַד וועט ער זיין גערעכט.

מיר האָבען שוין געהערט וועגען אויסערליכע קלעפּ, וואָס שטערען דער אורע, פונקט אַזוי קען באַשאַפען ווערען אַ טרייבהויז־אַטמאָספערע, וועלכע פאַרהיילט די אורע, נאָר די באַדינגונגען פון׳ם טרייבהויז זיינען אומעטום אַלצאיינס און טויגען נישט פאַר דער עוואָלוציע.

פונקט אַזוי, ווי דער אָרגאַניזם דאַרף זיך אויסאַרבייטען פון אינוויינינג, אויסער פון די אויסערליכע באַדינגונגען, פונקט אַזוי וואַקסט די שטאַנדהאַפטיגקייט און דער זין פון דער אורע בלויז פון אינוויינינג. ענגע באַדינגונגען זיינען באַזונדערס גינסטיג פאַר דער ברייטקייט פון דער אורע. די געבענדיגע האַנט הענגט נישט אָפּ פון דער צאָל פון דעם געגעבענעם. איך זע אַ יונגען געלערנטען, וועלכער האָט

צוזאַמענגענומענ די טעסטאַמענטנ פונ אַלע לערעס פונ'ם מזרח און האָט צו זיך געזאָגט — אַט וועל איך פונ אַר־מעטום אויסקלייבענ די געזעצענ פונ לעבענ, וועל אַוועק־וואַרפענ אַלע הימנענ און בוקונגענ, וועל פאַרגעסענ דעם אונטערשיד אין צייט און די פעלערענ פונ די לעסטע־רער און איבערזעצער, דאָס איינפאַכסטע וועט זיך אויס־ווייזענ אַלס דאָס גרינגדליכסטע. פונ אַט די פראַגמענטענ וויל איך דאָ אויפשטעלענ איין לעבענ — דאָס איז דאָס לעבענ פונ'ם מזרח, נישט קוקענדיג אויף דער פראַגמענ־טאַרישקייט. אַט דאָס לעבענ וועט זיין קלוג און פול מיט טאַטענ פונ עוואָלוציע.

פאַרוואָס זיינענ אַלע לערענ געבוירענ געוואָרענ אין אַזיע? וואָסערע מאַגנעטענ האָבענ דאָרט צוזאַמענגעקליבענ די פראָגרעסיווע ענערגיע פונ'ם גייסט?

פאַר דעם ווירבעלווינט איז נויטיג אַ מיטווירקונג פונ אויבענ און פונ אונטענ. וואו־זשע איז דער ענטפער צו די פליגלענ פונ דער צוקונפט, פונ דער גרעסטער אַלטער־טימליכקייט?

די אַלטערטימליכקייט פונ אַטלאַנטידאַ'ן קענ ענטפערענ דעם פלי פונ הינטער פלאַנעטענ. אַט די טויערענ זיינענ אַזוי ברייט, אַז די איבריגע ווירטשאַפט וועט לייכט אַריין!

3. קענ דענ אונזער קאַמונע זיך אַריינמישענ אין די געשעפטענ פונ דער וועלט און באַווייזענ אַ טאַטזעכליכע הילף?

יעדע קאַמונע האָט נישט קיין עגאָאיזם אין וואולגאַרענ זינ און אין נאָמענ פונ אַלגעמיינעם גליק האָט זי אַ באַרי־

רונג אין דער אנטשיידונג פון וועלט־זאכען. אזוי ווי פיילען ווערען אריינגעשליידערט די שליחות'ן פון דער קאמונע אין מענשליכען מח.

אין דער וויסענשאפטליכער ליטעראטור קען מען נאכפאל־גען א ריי ווירקונגען, אזוי פסיכישע, ווי מאטעריעלע. עס זיינען באקאנט פאלען פון א שליחות פון זאכען פון וויכטיגער באדייטונג. עס זיינען באקאנט שליחות'ן פון געלט־סומען. עס זיינען באקאנט ווארנונגען וועגען גע־פאר. עס זיינען באקאנט בריף וועגען באשליסען גע־שעפטען. עס זיינען באקאנט באגעגענישען אונטער פאר־שידענע פנים'ער.

ביי אונז פלעגען זיין שיפסקארטען און קאסטיומען פון פארשידענע לענדער.

מיר האבען געהאט פארשידענע נעמען און פלעגען זיך באוויייזען, ווען די אומשטענדען האבען עס דרינגענד גע־פאדערט.

איך זע שוין, ווי אימיצער איז אין כעס און רופט אז דאס דערציילטע בבא־מעשות. אין דער צייט האט פאר זיינע אויגען די קאמונע פונ'ם אוניווערסיטעט באקומען א מתנה פון אנ'אומבאקאנטען. זיין באקאנטען האט מען געבראכט א קאסטבארען ביוסט פון אנ'אומבאקאנטען. אונזער שליח האט געבעטען די קעניגין צו האנדלען לויט די געזעצען פון דער צייט. אונזער שליח האט געראטען דעם יונ־גען עפינדער. אונזער שליח האט ארויסגעפירט דעם אנ־פאנגענדען געלערטען. און מען קען אנווייזען א ליסטע מענשען, וועלכע האבען באקומען געלט־אנווייזונגען. דאס

זיינען אַלץ פאַקטען, וואָס זיינען באַשטעטיגט מיט פיזישע דאָקומענטען.

פאַרוואָס ווייזט זיך דאָס אויס צו טייל מענשען מיסטיש און געהיים? ווען יעדער האָט עס אין אַ קלענערער מאָס אויך געטאָן?

ווען דער פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם גליק איז נאָר גע־לייגט אין דער מענשהייט, דאַן וועלען מיר, פאַרטזעצענדיג אים, באַקומען אַ קאָמונע שטאַרק אין דערפאַרונג.

בלויז אַ בלינדער באַמערקט נישט, וואוהין עס האָט זיך פאַרקירעוועט דער ספּיראַל פון עוואָלוציע! און מיר, עקזיסטירענדיגע, שיקען הילף די יונגע אין גייסט.

4. אויב אונזער צענטראַלע קאָמונע האָט אַ באַדייטונג פאַר וועלט־אויפבויאונגען, האָבען אויך די קאָמונעס, וועל־כע מיר האָבען געגרינדעט, אַנ׳איינפלוס אויף די עוואָלו־ציעס פון דער וועלט. מיר וועלען אונטערזוכען די הויפּט־אַרטען פון אַט די צעוואָרפענע קאָמונעס.

די ערשטע זיינען — די אומבאַוואוסטזיניגע קאָמונעס, וועלכע אַרבייטען אויס אַנ׳אָנגעמבאַרע אויסזיכט פון צו־זאַמענלעבען. מען קען זיי געפינען צווישען אַרבייטער, ערד־אַרבייטער, שטודירענדע, זעלטענער אין פאַמיליעס.

די צווייטע אַרט קאָמונעס ווייסט וועגען דעם פּלאַן פון ערדישער עוואָלוציע, נאָר נישט צובינדענדיג אַט דעם פּלאַן צו אַ באַשטימטער טעטיגקייט און צייט: קרייזען פון פּאָ־ליטישע אידעאַליסטען, געוויסע אַקולטישע אָרגאַניזאַציעס, געלערטע פאַראיינען, זעלטענער פון אַלץ קלעריקאַלע קאָנ־גרעגאַציעס.

די דריטע אַרט קאַמונע קען נישט נאָר דעם פּלאַן פון עוואַ־לוציע, נאָר אויך צייט און טעטיגקייט. פאַרשטייט זיך אַז די קאַמונעס זיינען זעלטען און באַקומען אונזערע אַנ־ווייזונגען.

דער וואָס האָט פאַרבראַכט ביי אונז, לערנט זיך אויס שווייגן. פּונקט אַזוי שווער איז צו דערקענען די אַנ־טיילנעמער פון דער דריטער אַרט קאַמונע. רעדעוודיגער איז די צווייטע אַרט קאַמונע, זיי רעדען שוין צופיל וועגן אַלגעמיינעם גליק.

אין אמת'ן וועט זיך די שוואַרצע צייט ענדיגען מיט דעם פאַרשפּרייטען די קאַמונע! סערגי האָט זי געהאַקט מיט אַ האַק. בעמע האָט געקלאַפּט מיט אַ העמערל. דער לע־רער בודאַ האָט זי מיט די הענט צונויפגעלייגט. קריסטוס האָט איר אַ בריק צוגעגרייט. דער אורעלצטער לערער האָט געזאָגט: „איך זע נישט די זאַכען וועלכע איך באַזיץ".

איצט בלייבט איבער צו שיקען אויף אונז אַ שטראָף־עקספּעדיציע, אָבער זי וועט נישט דורכגיין, ווייל מיר באַזיצען געוויסע וויסענשאַפטליכע מיטלען. וועגען גאַ־זען, כאָטש אין דעם בוך איז נישט אַריין, האָב איך שוין אָבער אָנגערופען עטליכע מעכטיגע סובסטאַנצען. אַ פּרעכ־טיגע, זיך־נישט־אומקערענדיגע צייט פון אומבייט פון אַ לאַנגער שווערער עפּאָכע!

5. מען קען דערציילען אַ באַלערענדיגען פאַל, ווי אַזוי אַנ'אומדערוואַרטער נוצליכער מיטאַרבייטער האָט דער־גרייכט אונזער קאַמונע.

איר ווייסט שוין, אז פאר דעם עפדגילטיגען אריינטרעטען צו אונז טרעפען זיך באזונדערע אנפאלען פון פיזישער שוואכקייט — דאס דערקלערט זיך מיט דעם כוואליע־ארטי־גען צושטאנד פון די צענטערן. עס איז מעגליך חלשות, ספאזמען, בענקשאפט און א ווייטאג אין פארשידענע צענ־טערן. איין פריינד אונזערער איז אומזיסט ארוים אויף א בארגיגען וועג און, צוגעוואוינט צו איבערגאנגען, איז ער אוועק איבער דער גרעניץ, דער באוואכטער. דארט איז ער אריינגעפאלען אין א טיפען חלשות. וואס־זשע האבען באוויזען אונזערע וויטזיכטיגע אפאראטען ? דער פריינד ליגט אויף א זעהר געפערליכען בארג־ריס, צו אים לויפט א מיטגליד פון דער עקספעדיציע פון דער געאגראפישער געזעלשאפט, וועלכער האט זיך אפגעריסען פונ׳ם קאראוואן, אליין א הונגעריגער און אפגעשוואכטער, הויבט ער אויף אונזער פריינד, וועלכער איז זעהר א הויכגעוויקסיגער און טראגט אים איבער׳ן וועג.

בלויז מיט אנאנשטרענגונג פון די נערוועז קען מען דער־קלערען, ווי אזוי ער האט געקענט אויפהויבען אט די משא.

ווען אונזערע שליחים זיינען צוגעקומען, איז דער רייזענ־דער אליין אריינגעפאלען אין נאך א טיפערען חלשות. די אומגעהייערע משא האט אים געמאכט פאר א מיטאר־בייטער.

איצט איז ער דער פארוואלטער איבער׳ן שוץ פון די ווע־גען און פארנעמט זיך מיט היסטארישע אויספארשונגען. ער חזר׳ט אפטמאל איבער : האט נישט קיין מורא פאר

קיין אומגעהייערער משא. פארשטייט זיך, ער האט גע־
האט אנ׳אורזאך צו באווייזען זיך אין אונזערע בערג.
די דערשיינונג פון שונאים דארף מען אוועקשטעלען אין פארבינדונג מיט א באזונדערם קרענקליכען צושטאנד, וועגען וועלכען איך האב דערמאנט. מענשליך איז גרינג צו פארשטיין, אויף וויפיל עס איז אימיצען אומאנגענעם אונזער קאמונע. מען דארף נישט זיין קיין מכשף, זיך פאר־צושטעלען, ווי אימיצער באמיט זיך צו פארצוימען דעם וועג. נאר אט די שונאים, נישט אייערע און נישט אונזערע, נאר די שונאים פון אויפקלערונג, זיינען אומפאר־מיידליך און אומאפוועגדליך. דערפאר ראטען מיר צו נע־מען זאכען, ווי זיי זיינען און נישט מורא האבען פאר דער אומגעהויערער משא.

6. ביים בילדען נייע קאמונעס, דארף מען אין זין האבען איין דערקוטשענדיגע באזונדערע מענשליכע אוים־צייכנונג — איך רעד וועגען קנאה. פון אפייערזוכטיג־קייט הויבט זיך שטופענווייז אויף דער עקדיש פון קנאה, אין דער אייגענער נעסט זיינען ליגען און היפאקריטסטווע.

דער עקדיש איז קליין אין געוויקס און זיין געבורט איז טיילמאל אוממעגליך צו באמערקען, דערפאר ביים בילדען א קאמונע דארף מען זיך ארומקוקען אויף דעם אונטערשיד צווישען אירע מיטגלידער און וויזען, פארוואס די מיטגלידער פון דער קאמונע חזר׳ן זיך נישט איבער און קענען נישט פארגליכען ווערען, ווי מיטגלידער פון גוף.
עס וועט באלד קומען א צייט, ווען מיין לערע וועט נישט

לייכט דערגרייכען די קאָמונעס אין פאַרשידענע לענדער.

ביז דאָס דריטע בוך וועט דערשיינען, דאַרף מען נישט נאָר זיך באַקענען מיט דעם צווייטען, נאָר עס אויך אָנווענדען אין לעבען.

איך ווייס שוין, ווי אויבערפלעכליך א סך האָבען איבערגעלייענט דאָס ערשטע בוך. אימיצער האָט געמאַכט דער־פון א חלום־בוך און אַ טרעפערקע. אימיצער האָט עס אָנגענומען אַלס באַרואיגונגס־טראָפען. נאָר געציילטע האָבען עס אָנגענומען אַלס אַנ׳אומפאַרענדערליכען רוף צו דער עוואָלוציע פון דער וועלט.

אין דעם צווייטען בוך, וועלען די וואָס האָבען פאַרשטאַנען דעם רוף פונ׳ם ערשטען, געפינען סמנים פון א באַגערטער אַרבייט.

די דערשיינונג פון וועלט־געשעענישען וועט אָוועקלייגען דאָס בוך אויפ׳ן אַרבייטער־טיש. ביי אָט דעם טיש קען מען זיך באַגעגענען.

די אומגעהייערע משא ווערט אַמאָל ווי די פעדער פון אַ פליגעל.

7. ביי די קאָמונישע באַשעפטיגונגען גיט זיך נישט איבער צו געדאַנקען וועגען דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט. אָדער די חכמה פון די יאָרהונדערטען. אַפּשפּריצלאַך און שטויב פון דער שאָלעכץ פון דער פאַרגאַנגענהייט פילען אָן צופיל דעם רוים. צוגעצויגען דורך דעם מאַגנעט פון געדאַנק, פלעכטען זיי צוזאַמען אומריינע פאַנטאָמען, וועלכע עס איז שווער אַרויסצוטרייבען. אַרויסגעטריבענע

פון איין ווינקעל, וואנדערען זיי איבער אין אנ'אנדערס, ביז זיי וועלען מיט א באוואוסטזיניגען קלאפּ פון ווילען ווידער פארוואנדעלט ווערען אין שטויב.

עס איז פּראקטישער צו טראכטען וועגען דער צוקונפט — אט די געדאנקען ווענדען זיך צו דער זוניגער פראנע. דער מאגנעט פון אזעלכע געדאנקען קען ציהען טיילען פונ'ם קאסמישען שטויב. אט דער שטויב פון ווייטע וועלטען איז וואוילטעטיג פאר נייע פארמירונגען.

אויב אסטראנאמיע איז — געאגראפיע, איז קאסמישער שטויב — געשיכטע. און יעדער אעראליט איז אנ'ארכע-אלאגישע זאך.

די היסטארישע נאכריכט וועגען שלמה'ס פארערען א באזונדערען אעראליט, האט א וויסענשאפטליכע באגרינדונג. אזוי אפט ווערט א מעשה'לע פארוואנדעלט אין א בלעטעל וויסענשאפטליכער ארבייט.

גאלילעאוס האט דאך אויך אין זיין צייט דערציילט געפערליכע מעשה'לאך. ווילט איר אייך דען ענליך מאכען צו די קארדינאלען, גאלילעאוס'עס געגנער?

מען דארף זיך צוגעוואוינען צו טראכטען וועגען דער צוקונפט. ווען איר פארזאמעלט אייך, דארף מען שיקען געדאנקען וועגען דער צוקונפט. ריינער וועלען זיין די פארזאמלונגען.

8. נאך עטליכע עצות. צו איילען און פארשפעטיגען איז אלצאיינס שלעכט. נאר אויב אויסקלייבען, איז דאך אליץ בעסער צו איילען. אויך איז בעסער דורכצולאזען, איידער צוצוגעבען.

אויב אין דער קאָמונע ווערט געבראַכט אַ קלאַגע, ווענדט זיך די קאָמונע צו דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג.
אויב אין דער קאָמונע ווערט זיך באַווייזן עגאָאיזם, ווערט די קאָמונע אַ זאָאָלאָגישער גאָרטען.
אויב אין דער קאָמונע ווערט מיין לערע נישט געשאַפן, הייסט עס, עס האָט זיך באַוויזן אימיצער, וועלכער פאַר־דעקט זיך.
יעדער אריינגייער קען אַרויסגיין, נאָר דער אַרויסגייער נעמט מיט זיך דאָס אַנגעזאַמעלטע אמת׳ע אייגענטום.
אויב אַמאָל די אומגעהייערע משא איז לייכט, ווי אַ פע־דער, איז אַפּטמאָל אַ לויט נישט־אמת שווערער פון אַ פוד.
די דערשיינונג פון כעס פון פאַרגלייכונג מיט די אַנטייל־נעמער פון דער קאָמונע, ברענגט צו אַ שרעקליכער דער־שיינונג פון נידערלאַגע.
שווער איז דער וועג דעם, וועלכער איז נישט אריין לייכט, ווען ער איז גערופן געוואָרן. איך בעט נישט צו באַאונמעכטי־גען זיך.
אין אַנ׳אָנגעשטרענגטען טעמפּאָ פון אַרבייט איז באַהאַלטען אַ מערקווירדיגע אָקולטישע קוואַליטעט. מיט קיין שום אָנשטרענגונג פון׳ם ווילען איז נישט מעגליך צו דערגריי־כען די רעזולטאַטען פון דער אָנשטרענגונג פון אַרבייט. דאָס טעמפּאָ און די זעטיגקייט פון ריטם קענען זיך דער־נענטערען מיט דער קאָסמישער אָנשטרענגונג.

9. איר האָט שוין געהערט וועגן דער זעטיגקייט פון ריטם פון אַרבייט, ווי וועגן אַ באַזונדער קוואַליטעט,

װעלכע הערשט בלױז זעלטען מיט מענשען. איר װאױלטע־
טיגקײט האָט אַ טיפערע באַדײטונג, אײדער עס קען
זיך אױסװײזען. נאָך די אוראַלטע מיסטעריעס האָבען
געקענט צװײ אױסדרוקען: אײנער, אַרבײטען אין דער
כװאַליע פון דער גרױסער נאַטור; דער צװײטער — אַר־
בײטען מיט דעם האַרץ־קלאַפּען פון דער מוטער פון דער
װעלט.

די װעלכע האָבען אױסשטודירט טיפע זאַכען, האָבען באַ־
דאַרפט קענען די אַרבײט, פון אַנגעזעטיגטען ריטם. קײן
זאַך האָט זײ נישט געטאָרט שטערען. דער לערער בודאַ
האָט זיך זעהר געזאָרגט, אַז די נאָכפאָלגער זאָלען װי־
סען װעגען די איבערבײטונגען פון ריטם. ער האָט גע־
ראָטען פאַר גרױסע דערגרײכונגען נישט רוה, נאָר אַר־
בײט פון אַנגעזעטיגטען ריטם. — געדענקט דאָס.

צװישען די אױפגאָבען פון דער צוקונפטיגער עװאָלוציע,
נאָך אײנזאַמער אַרבײט, דאַרף מען אַריבערגײן צו דער
אָרגאַניזירונג פון קאָמפּליצירטערע אָרגאַניזמען.

עס איז אױסגעקומען זען בײשפּילען פון אַרבײט פון
אַנגעזעטיגטען ריטם אין באַזונדערע פּערזענליכקײטען
אָדער אין זעהר קלײנע קאָמונעס, נאָר די מאַסע, אָדער
אַ פאַרזאַמלונג פון מענשען קען זיך נישט באַנוצען
מיט דער נוצליכקײט פון אָט דעם פּרינציפּ.

עס איז אַלט צו זאָגען — זײט פאַרזיכטיג מיט דעם
המון, — אָבער עס איז פּונקט אַזױ אַלט צו זאָגען —
מען דאַרף דעם גײסט פון׳ם המון אױסלערנען אַרבײטען.

די אױסערליכקײט פון אַרבײט קען זײן זעהר פאַרשידען.

נאָר זאָל זיך נאָר פילען ריטם, וועט שוין די קוואַלי־טעט פון אַרבייט זיין גאַנץ אַנדערש.
ווען די מערסטע פון די היינטיגע פאַמיליען וואָלטען נישט געווען די פאַרפלאַנצער פון געמיינהייט, וואָלטען טאַקע זיי אַליין געקענט זיין די פירער פון דער אַרבייט פון אַלגעמיינעם גייסט.
נאָר די מעכאַנישע מוטערס און פאָטערס קענען בלויז פלאַפלען — טוט אַזוי ווי אַלע!
לערנט די קליינע בויען זייערע שטעט!

10. וועגען מאַנוסקריפטען. די באַדייטונג פון מאַ־נוסקריפטען איז אינגאַנצען פאַרגעסען.
אַפילו דער איינפאַכסטער דאָקטאָר פאַרשטייט, אַז אָנ־שטרענגונג קען איבערגעגעבען ווערען אַפילו אויף אַ שטיקעל פאַפיר.
די ערווירדיגסטע קעניגען און הייליגסטע קאַרדינאַלען האָ־בען מיט דעם נישט איינמאָל פאַרגרעסערט זייער וואויל־שטאַנד. אויך קענט איר די עקספערימענטען פון די היינטיגע היפנאָטיזירער, ווען מען לייענט אויף באַפעל פאַרמאַכטע בריף. אַפילו אין צירקען באַווייזט מען דאָס אָהן עקסטרע געצאָלט.
הייסט עס, אַז די אויסערליכע און אינערליכע באַדייטונג פון מאַנוסקריפט איז גרויס.

מיט איין וויש פון דער האַנט קען מען צווינגען צו שפרינ־גען קאָרק־פיגורלאַך. באַטראַכט נאָר וויפיל ענערגיע עס ווערט פאַר'התמ'עט אויף אַ בלאַט פאַפיר ביי דער קאָא־פערירונג פון די צענטערען.

מען קען באמערקען אויסשטראלונגען פון ענערגיע פון די שפיץ־פינגער. אין דער פינסטער קענען אט די פונקען געזען ווערען. אין פאל פון באזונדערס שטארקע עמאַ־נאציעס קען מען אפילו בייטאג זען א הימעלבלא ליכט. צוזאמען מיט דער אויסשטראלונג ווערט אנגעלייגט אויפ'ן פאפיר אנ'אומפארניכטבארע ענערגיע, וועלכע איז ענליך צו דער ווירקונג פון ווארט און געדאנק.

נישט די קאנווענציאנעלע צייכענס פון אותיות טראגט א בריף, נאר די מעכטיגע אנשטעקונג פונ'ם מענשליכען וועזען. פון דעם שטאנדפונקט איז איין בריף גוט צו האלטען אין דער האנט און איבערלעזען, און צו א צווייטען איז בע־סער זיך נישט צוצורירען. פארשטייט זיך, איבער דער וועלט פליען ארום א סך פוסטע בלעטער, אויף וועלכע עס איז נישט געבליבען קיין פונק פון מענשליכען באוואוסט־זיין.

ווי אזוי־זשע פארשטיין דעם אונטערשיד? — מיט'ן ווי־סען פון גייסט, מיט דעם אייגענעם, וועלכעם באשליסט, וואו מיר קענען אנווענדען א האנט־דרוק.

א מאנוסקריפט, דאס איז א האנט־דרוק אויף א דיסטאנץ.

11. מען קען פרעגען — ווי אזוי דערגייען ביז די לעצטע טויערען? — מיר קענען די געזעצען און צייכענס, מיר פארלירען נישט קיין צייט. מיר געדענקען ווי אפצוהי־טען די לערע, וואס־זשע וועט זיין, ווען מיר וועלען גע־פינען די טויערען פארמאכטע? פאר אנ'ענטפער וועלען מיר זיך ווידער ווענדען צו די מיסטעריעס פונ'ם אלטען עגיפטען, אט די מיסטעריעס זיינען דאך געווען די ווי־

סענשאַפטליכע וועגען פון לעבען. דער אַנגענומענער מיטגליד האָט געמוזט, נישט פאַרלאַנגזאַמערענדיג דעם ריטם, דערגיין צום לערער.

פאַר אים איז געלעגען אַ ליכטיגער שטריך און ער האָט געמוזט נאָכפאָלגען, נישט אָפּנויגענדיג זיך און נישט באַרירענדיג דעם שטריך. די רוימען, וועלכע מען איז דורכגעגאַנגען זיינען געווען באַלויכטען מיט פאַרשידענע קאָלירטע פייערען. טיילמאָל איז דער שטריך כמעט פאַרשוואונדען. נאָר, צום סוף, האָט דער שטריך אָנגעהויבען לייכטען, און אַזוי ווי אַ פאַרבלענדענדיגער שטראַל וואָלט אָוועק הינטער אַ שווערע פאַרמאַכטע טיר. די טיר איז געווען אַזוי ווי נישט צוצוטרעטען — אָהן אַ שלאָס. פאַסען און בלעכען פון פאַרשידענע מעטאַלען האָבען זי באַשיינט און באַפעסטיגט.

דער שרעקיגער אין גייסט איז טרויעריג געוואָרען און האָט צושטערט דעם ריטם פון זיינע טריט, נאָר דער, וואָס האָט געקענט די באַדייטונג פון אומפאַרענדערליכקייט איז געגאַנגען פעסט. נאָר ווען זיין קערפּער האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער האַרטקייט, איז זי צעפאַלען און ער איז אַריין אין לעצטען חדר. דער אומפאַרענדערליכער קלאַפּ פון אונזער ערדישען הייטעל איז נויטווענדיג צו באַשאַפען דעם ריטם פון אויפגאַנג.

דאָס וויסען פון גייסט ווייזט אונז אָן, ווי אַזוי די מאָס פונ'ם ציל באַשאַפט די מאָס פון מעגליכקייטען. און דער סימבאָל פון דעם צעפאַלען פון דער שווערער טיר, ווייזט בעסער פון אַלץ, ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען.

די היינטיגע חכמים לאכען פון דורכשלאגען א וואנט מיט'ן קאפ, אבער די אלטע עגיפטער האבען געמאכט אנ'אויס־געצייכענטען סימבאל פון דער מאכט פון אונזער ווענען — דערפאר גייט לויט'ן שטריך פונ'ם שטראל.

דערפאר קענט אנהייבען דאס נייע, נאכדעם ווען איר האט אויפגענומען דאס פריערינע.

איר זאלט קענען נישט באמערקען דעם חוזק איבער אייער דרייסטקייט, ווייל איר ווייסט וואוהין איר גייט.

12. ווידער ועט מיין צושטיין מיט דער פראגע — ווי אזוי איז מיט שטערונגען? — ווען עס שטערט די פאמיליע, ווען די נישט־באליבטע באשעפטיגונג, ווע־מען ארעמקייט, ווען אנפאלען פון שונאים.

א גוטער רייטער האט ליב איינצואיבען זיך אויף נישט־גע־לערענטע פערד און צייט פאר די שטערונג פון א גרוב צום גלייכען וועג.

יעדערערליי שטערונג דארף זיין א געבורט פון מעגליכ־קייטען.

די דערשיינונג פון שווערינקייטען פאר שטערונגען שטאמט ד א ד פון שרעק. אין וואס פאר א מיצעל דער פייג־לינג זאל זיך נישט אנטאן, דארפען מיר געפינען א בלע־טעל וועגען שרעק.

פריינד! ווי לאנג שטערונגען באווייזען זיך נישט אלס די געבורט פון מעגליכקייטען, אזוי לאנג פארשטייען מיר נישט די לערע.

ערפאלג ליגט אינ'ם פארברייטערטען באוואוסטזיין, עס איז אוממעגליך זיך צו דערנענטערען ביים באוויז פון שרעק.

דער שטראַל פון דרייסטקייט וועט אַריבערפירען איבער שטערונגען, ווייל אַצינד, ווען די וועלט וויסט — וואַקסט דער זאַמען פון בלוט, וואַקסט דער זאַמען פון וויסען, וואַקסט דער זאַמען פון שיינקייט!

אויב דער וועג איז פאַרזייט מיט ביינער, מעג מען דרייסט גיין. אויב די פעלקער רעדען אויף פאַרשידענע שפּראַכען, הייסט עס, מען מעג עפענען די נשמה. אויב מען דאַרף זיך איילען, הייסט עס, אַז ערגעץ איז אַ נייער דאַך גרייט.

זייט געבענשט שטערונגען, מיט אייך וואַקסען מיר!

13. מען קען געדעכט פרעגען — ווי אַזוי באַגיין זיך מיט חיות? — ווענדט מען אָן גרויזאַמקייט צו זיי, אָדער מאַכט מען סענטימענטאַל פּאַראַזיטען פון זיי, אָדער מאַכט מען אַפּאַראַטען פאַר מעכאַנישער געשלעכטס־מי־שונג.

פאַרשטייט זיך, די מאָס פון באַציאונג צו חיות דאַרף באַשטימט ווערען לויט דער איינהייט פון וועלט־ריטם — די מאָס איז אומעטום ענליך. אויב אַ מענש דאַרף זיין דער מיטאַרבייטער פון עוואָלוציע, דאַרפען די חיות אויך אָנטשפּרעכען אָט דעם געזעץ. גאַטונגען, וועלכע אָנטשפּרע־כען נישט דער עוואָלוציע, שטאַרבען אויס. די וואָס זיי־נען צוגעפּאַסט צו דער עוואָלוציע, דאַרפען אונטערהאַלטען די פעהיגקייט מיט זייער אַרבייט.

מען דאַרף אויסשטודירען די אמת׳ע נוצליכקייט פון חיות. אומזיסט מיינט מען, אַז אויסגעשטאַרבענע פלעזיאָזאַורען זיינען נויטיג פאַר דער צוקונפט. דער באָבעם קלייד איז

זעהר נויטיג פאַר דער צוקונפט. דער באַבעס קלייד איז זער רירענד אינ'ם מוזיי, נאָר עס איז נישט אַנווענדבאַר אין לעבען. דאָס גליק פון וועלטען קען באַשטיין אויך אָהן היפּאָפּאָטאַמוסען און רינאָצערען, וועלכע האָבען אַנטשפּראָכען זעהר די פאַלדען פון פריערינע שיכטען.

אויב אַ געוויסער סאָרט מענשען זיינען אַ נאָכמאַכונג פון די היפּאָפּאָטאַמוסען, איז דאָס די אייגענע עוואָלוציע.

חיות דאַרפען אַרבייטען, דאַרפען אויסקעמפען דאָס רעכט צו לעבען. דאָ זיינען גרויזאַמקייט און סענטימענטאַליטעט נישט אַנווענדבאַר. און מען טאָר נישט נישט ליב האָבען אַלץ וואָס באַמיט זיך אין לעבען.

14. חיות דאַרפען אויך אַרבייטען, דערפאַר ווי באַוואוסטזיניג דאַרף מען אַנווענדען די מענשליכע אַרבייט!

מיר וועלען נישט אונטערשיידען די אַרבייט. דאָס אונטערשיידען איז בלויז לויט באַוואוסטזיניגקייט און אומזיניגקייט. אַזוי דאַרף מען אויך נאָכפאָרשען דעם אונטערשיד צווישען דער עלטער פונ'ם גייסט. נאָכפאָרשען קען מען דעם אונטערשיד פון דער שטרעבונג פונ'ם גייסט פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטען גייסט.

דער גייסט פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט האָט נישט קיין טיפע עמפּפינדונגען, וואָס ווערען פאַראורזאַכט דורך דער ערפאַרונג פון לעבענס, נאָר אָפט איז ער ווייניגער עגאָאיסטיש און גיט זיך לייכטער אונטער עוואָלוציע.

דער אַלטער גייסט באַקומט טיילמאָל אַנ'ענליכקייט צו אַ

וואסער־רערעל, וואָס ציט אַריין אין דער פאַרוואַנדלונג פון פערזענליכען איך דאָס וועזענטליכע.
ווען אַזאַ מכה האָט אַרויסגעשלאָגען קען די איינציגע רפואה זיין אַ העלדענטאַט.
אַ העלדענטאַט אַ פּרעכטיגע און אַ ליכטיגע העלפט צו באַנייען דעם פיינעם קערפּער. ווי לאַנג אַזאַ אַלטער גייסט שטרעבט צו העלדענטאַט, הייסט עס, ער איז לע־בענס־פעהיג.
אויב עס איז פאַראַן אַנ׳אָפּשטאַרבונג פון קערפּער, דאַרף אויך זיין אַנ׳אָפּשטאַרבונג פון גייסט. אַ טויט גליד קען מען אין צייט באַזייטיגען, נאָר אַ גאַנגרען פון גייסט קען באַזייטיגט ווערען בלויז דורך אַ שלאַג.
דער פּונק פון אַ שלאַג באַשאַפט אַ העלדענטאַט. פאַר־שטייט זיך, עס ווערט פאַרגעצווינגען די העלדענטאַט, וועלכע איז באַוואַוסטזיניג אַרויסגעוואַקסען, ווען דאָס גאַנצע ווע־זען ווייסט. אַז עס לעבט דער לערער פון ליכט.
מיר האָבען געקענט אַ קליין מיידעלע, ביי וועלכער עס פלעגט אומפאַרענדערליך אויפלאַמען אַט דאָס וויסען און אַפילו קראַנקהייט האָט נישט געקענט פאַרניכטען אַט דאָס וויסען פון גייסט. פאַרמען האָבען זיך איבערגעבראָ־כען, נאָר דאָס וועזען איז געבליבען פעסט. אַזוי זעצט פאָר דאָס וועזען ביז אין א י ן סוף.
15. וואָסער אויסערליכע באַדינגונג איז נויטווענדיג פאַר דער קוואַליטעט פון אַרבייט? — ליכט. נאָר ליכט מאַכט אַרבייט פּראָדוקטירענדיג און נוצליך. אַ שמעטער־לינג קען פליען, ווי לאַנג זיין רעגענבויגען שטויב איז נישט

אויסגעשעפט. א מענש האט די אייגענע רעגענבויגען־קראפט און זי נעמט אויף מיט דער הילף פון פאטאפלאזמע די מאכט פון ליכט. פארשידענע פלאזמען זיינען די פאר־מיטלער צווישען דעם געזעענעם און אומגעזעענעם. פאַ־טאפלאזמע, זייענדיג אַנ׳עמאנאציע פון דער נערוועז־סיס־טעם, פארמירט א רעגענבויגען־שטויב, וועלכער נעמט אַן די שטראַלען פון ליכט און פירט זיי דורך אין די נערווען־קאנאלען.

די בעסטע פאראייניגונגען מיט ליכט באקומט מען אין דער פרי, דערפאר פארשטעלט נישט דאס מארגען־ליכט. ארבייט ביי ליכט, באשליסט ביי ליכט, אורטיילט ביי ליכט, זארגט אייך ביי ליכט, פרייט אייך ביי ליכט. — מען קען קיין זאך נישט פארגלייכען מיט דער ליכט־כוואליע. אפילו דאס בעסטע עלעקטרישע ליכט, אפילו דאס הימעל־בלאעסטע גיט אכט טויזענט מאל וויניגער איידער א שטראל פון דער זון.

באלד וועט די אויספארשונג פון פאטאפלאזמע געבען א נייע ריכטונג צו די אופנים פון ארבייט. מען קען זען ווי עס קאכען די שטויבעלאך פאטאפלאזמע און טראגען אוועק דורך קלייניקע רערלאך דעם באקומענעם אוצר אין די פארען פון דער הויט.

נישט נאר די גראמיגקייט פון ארבייטער־רוימען, נאר אויך דער ריכטיגער צוגאנג פון ליכט דארפען אויסשטודירט ווערען.

די שטראלען פון דער זון דארפען געשעצט ווערען ווי א יועלט־אוצר.

דער אייגענער געלעכטער וועט זיך לייכט פאנאנדערקלייבען אין דעם שטראלען־פלוס פון די איבריגע הימלישע שטע־רען.

פארוואס דארפען מענשען אויסמיידען די זיי באשערטע אוצרות פון וועלט־באשאפונג ?

די ליכט און מאגנעט־ווינטען שטעלען צונויף דעם ריטם פון פלאנעטען. קען מען זיי דען נישט אנווענדען, אזוי ווי דאס פאלען פון א וואסערפאל ? אומאויסשעפליך זיי־נען די פארגעלייגטע כחות !

איוואן דער הונדערט־טויזענטסטער, נעם דיין חלק ! אין גיכען, ווען די פראבע וועט פארוואנדעלט ווערען אין זיג, וועט דער זאמען פון אלגעמיינעם גליק געבען יעדען די־מאכט פונ׳ם שטראל.

אזוי לאמיר געדענקען אנהויבענדיג די פרימארגען־אר־בייט און פארטזעצענדיג זי דרייסט ביז אין דער אומענד־ליכקייט.

16. דער מענשהייט איז באזונדערס שווער צו פאר־שטיין די באציאונג צווישען דער קוואליטעט פון אר־בייט און דער אומענדליכקייט. דער בירגער מיינט, אז א העכערע קוואליטעט פירט צו דער ענדליכקייט. פאר אים באשטייט קוואליטעט אין פארענדיגטקייט, וועלכע מיר רופען אן טויטקייט. עס איז אבסאלוט אוממעגליך צו דערקלערען דעם בירגער, אז די העכערע קוואליטעט שטרעבט צו דער אומענדליכקייט. טאקע אין דער אומפארענדיגט־קייט פון דער העכערער אנשטרענגונג ליגט דאס געפינען

פון וויסען. מען דארף געפינען דרייסטקייט צו ארבייטען פאר דער אומענדליכקייט.

מען קען אנטוויקלען אין זיך א שטענדיגע לערע, וועלכע איז וויכטיג נישט מיט דעם איבערציילען די פאקטען, נאר מיט'ן פארברייטערען דאס באוואוסטזיין.

נישט וויכטיג אויף וואס פאר אנ'אופן עס וואקסט אן דאס באוואוסטזיין, נאר זיין אומפאנג דערלויבט אומצופאסען די מאס פון גרויסע געשעענישען.

וועלכע לערע ברענגט גיכער צו א פארברייטערונג פונ'ם באוואוסטזיין ? מען דארף פאלשטענדיג אינדיווידועל לאזען מענשען אויף אט דער לאנקע. — יעדען זיין גראז. אבי נאר דאס אינערליכע פייער זאל אנטשפרעכען דער מענשליכער ווירדע. שלעפעריגע, זעלבסט־צווייפלער, צארנ־דיגע דורך פארדאכט און צווייפעל וועלען נישט געפינען קיין שפייז.

זאגט די תלמידים און די פריינד, זאלען זיי זיך לער־נען אין אנשטרענגונג פון גייסט. זאלען זיי זיך לערנען אין אפענע אויגען. זאלען זיי זיך לערנען גאנץ אומ־ענדליך, ווייל קיין סוף איז נישטא. אט די איינפאכע באַ־הויפטונג פילט אן א סך מענשען מיט שרעק.

נאר מיר זיינען מיט די, וואס וועלען זאגען — אין דער אומענדליכקייט איז דאס ליכט און גאנצע יארהונדערטען לייכטען ווי א שנירעל פערל.

לערנענדיג זיך, וועלען מיר אנדערע נישט דערנידריגען.

17. צונויפזאמלענדיג תלמידים, טראכט פון וואס אנ־צוהייבען. דער געוויינליכער פעלער איז אין דעם, וואס

מען הייבט אָן פון אלף־בית, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער נאַטור פונ'ם תלמיד. אונזער רעגעל איז צו געבען, צו־זאַמען מיט דעם אָנפאַנג, פראַגמענטען פון העכערע מעג־ליכקייטען.

אויך טאָר מען נישט פארגעסען דאָס באַליבטע שפּיל פון בודאַ'ן מיט די תלמידים אין א מינוט פון אָפּרו, ווען דער לערער האָט געוואָרפען אין רוים איין וואָרט, אויף וועלכען די תלמידים האָבען געבויט א גאַנצען געדאַנק. נישטאָ קיין קלוגער אויספּרואוווען דעם צושטאַנד פונ'ם באַוואוסט־זיין.

שטעלט אייך פאָר, אויב דער לערער וועט זאָגען — טויט, מיינענדיג דעם טויט פון געמיינהייט, און דער תלמיד וועט אויסרופען — טויט די אָרעמע.

אַזעלכע איינצעלנע ווערטער קענען אַזוי ווי מייל־שטיינער אויסוועבען די גאַנצע צייכנונג פונ'ם גייסט. לויט דעם מוסטער קען מען זען וואָסערע פייערען עס ברענען.

עס וועט אויסקומען א געלעגענהייט צו זאָגען — אייער באַ־וואוסטזיין האָט באַגערט א טויט די אָרעמע, דערפאַר איז אָוועק די צו אייך גערעכטעטע רייכקייט און צוזאַמען מיט אָט דעם פּרימיטיווען געזעץ, קען מען וואַרפען א פונק וועגען דער עוואָלוציע פון ווייטע וועלטען.

דער פאַרגלייך צווישען דער עוואָלוציע פון די וועלטען מיט קליינעם אומגאַנג קען געבען אַנ'אויפקלערענדיגען קלאַפּ.

דאָס שווערסטע איז, ווען דער תלמיד וויל וואַקסען אין גייסט, באַזוכענדיג א קלאַס פון מעטאַדיק. ער קען

עפענען אַ געשעפט פון אַנאַנסען אויף גלאַנציג פּאַפּיר און קלאַפּענדיג מיט׳ן בליישטיפט, איבערציילען די רעצעפּ־טען, וועלכע ער האָט נישט אַנגעווענדט.

מיר זיינען נישט די איינאָרדנער פון לויה־פּראָצעסיעס און זאַאָלאָגישע גערטנער. די וואָס ווילען גיין נאָך אונז, גייט אַזוי פול און ליכטיג, ווי נישט איינהאַלטבאַר עס איז דאָס לעבען און האָט ליב יעדע פאַרברייטערונג פונ׳ם באַוואוסטזיין, ווייל דאָס איז דער ערשטער ציל.

מען קען אַלץ מוחל זיין, נאָר דער שימעל פון באַוואוסט־זיין איז ערגער פון דער צופוילונג פון אַ מת.

18. אפילו אין קינדער־זשורנאַלען דרוקט מען פאָ־טאָגראַפיעס מיט אומדערוואַרטע פּנימ׳ער, וועלכע קיינער קען נישט.

אַפּילו אַ מעכאַנישער דיסק נעמט מער דאָס אויג. אפשר איז עס בעסער — דעם אויג גלויבט מען נישט, נאָר מען איז פול מיט אכטונג פאַר׳ן דיסק.

די אַסטראַלע געסט, טראָץ דער אויפמערקזאַמקייט צו זיי, שטופען זיך אין מיטען פון לעבען. פאַרשטייט זיך, זיי איז נישט אַלעמאָל לייכט דורכצודרינגען צו פאַרשידענע מענשען. דאַמאָלס דינען אונזערע ערדישע געסט אַלס פּי־רער. פאַרשידענע שיכטען פאַרקערען שווער איינע מיט דער אַנדערער. נאָר די אורע, וועלכע געקומענע אָדער דינער לאָזען איבער, בילדעט אַ בריק פאַר די אומגעקור־מענע געסט. זייער ווערט איז גאַנץ פאַרשידען, פון דער באַרירונג פון אַ שמעטערלינג ביז דעם פּיסק פון אַ טיגער.

דערפאַר איז פּראַקטישער צוצולאָזען ווייניגער מענשען אין שלאָפצימער און אין אַרבייטס־צימער, אויב אייער אייגענע אורע איז שוין גענוג שטאַנדהאַפטיג.

באַזונדערס געפערליך זיינען די דערציער פון קינדער, וועל־כע קומען אין דער שרעקליכסטער געזעלשאַפט. די בעסטע שליחות'ן ווערען אָפט פּאַראַליזירט דורך דער אַנוועזענהייט פון ניאַנקעס און וועכטערינס.

דערפאַר איז די זעלבסט־טעטיגקייט אַלעמאָל נוציך.
און נאָך דאַרף מען זיין אויפמערקזאַם אויף סעקרעטאַרען, זיי האָבען אונטערגעבראַכט אַזוי פיל טעטיגקייטען.
אַליין, אַליין, און מען קען זיין רואיג פאַר דער קוואַליטעט פון דער אייגענער עמאַנאַציע.

19. פאַרוואָס אים, און נישט מיר? — אַזוי מורמעלט די קנאה נאָך האַלבער נאַכט. דריקט אַרויס אַט דעם עקדיש פון אייערע אַנפאַנגען. דער וואוקס פון גייסט פאַרטראָגט נישט קיין פאַרגוואַלטיגונג. מיט דעם ווערט דערקלערט די לאַנגזאַמע עוואָלוציע פון דער מענשהייט. מען קען נישט צווינגען דעם גייסט וואַקסען. מען טאָר אפילו נישט נודיען מיט אומגעבעטענע עצות. מען קען בלויז ענטפערען אויפ'ן קלאַפּ פון אַנ'עמפּפינדליך האַרץ.
אויב איר וועט שיקען די אויבענאויפיגע עצה — קנאה פאַרניכט דאָס געזונט, וועט אויך זי אָהן דעם באַוואוסט־זיין פון גייסט אַרויסרופען בלויז אַ נייע היפּאָקריטסטווע.

אָבער עס וועלען זיין ליכטיג די וועגען פונ'ם פּערזענלי־

כען אנוואקסען פונ׳ם גייסט. יעדער טראָפּען פונ׳ם ים גיט זיין רעגענבויגען, דערפאר, ווי פרעכטיג איז דאָס ליכטען פונ׳ם קאָסמאָס. און דערפאר, ווי פּראָזיכטיג דאַרף מען געבען ענטפּערס, ווייל זיי נעמען אין אכט דעם פּערזענליכען גייסט.

מיר האָבען גערעדט געגען הייַנטיגע קירכען, נאָר מען טאָר נישט אין אַלגעמיין רעדען געגען הייליגע דינער.

מיר האָבען געקענט א וואוילען קסיאנדז, נאָר אַנשטאָט צו מאַכען אים פאר קאַרדינאַל, האָט מען אים איבערגע־פירט אין דער אָרעמסטער געמיינדע.

מיר האָבען געקענט א באַגייסטערטען רבי, נאָר מען האָט אים געהאַלטען פאר א משוגענעם. מיר האָבען געקענט א ליכטיגען גלח, נאָר זיין גורל איז געווען פאַרשיקט צו ווערען אין א קלויסטער פון שיכורים.

איך קען א קולטורעלען עפּיסקאָפּ אין אַמעריקע, אָבער זיין לעבען איז נישט זיס.

יעדער געדאַנק פון אַלגעמיינעם גליק ווערט פאַרפאָלגט אומ׳רחמנות׳דיג, אין דער צייט קען בלויז דער וואוקס פון פּערזענליכען גייסט אַנפילען דעם שאַץ־קאַסטען פון אַלגעמיינעם גליק.

אָט דאָס אַנטשפּרעכען טאַקע פון פּערזענליכען גייסט מיט דעם אַלגעמיינעם וועלט־גליק שטעלט צונויף די שיינקייט פונ׳ם קאָסמאָס.

אויב יעדעס געוויקס האָט זיין אומפאַרבייטליכע באַזונ־דערקייט, ווי באַזונדערס דאַרף מען ערשט זיין אויפמערק־זאַם צו יעדען מענשליכען גייסט ?

אזא ציטער פון עמפפינדליכקייט דארף זיין דער סימן פון אונזערע תלמידים און דאמאלס קען ,נישט בלויז א ווארט, נאר די איינפאכע צורירונג, פארגיסען ליכט.
און נישט נאר בייטאג, נאר אויך ביינאכט קען מען זיך צורירען און טראגען הילף פון אויפקלערונג.

קלערט אייך אויף מיט דעם פארברייטערען דאס באוואוסטזיין, אזוי ווי וואנדערער פון ווייטען זאמלען אן וויסען מיט'ן שטויב פונ'ם רעגענבויגען פון דער גאנצער וועלט.

20. ריינע געדאנקען זיינען ווי דער אזאן פון רוים. מען קען אין דער אמת'ן אנפילען מיט זיי די אומגעבונג, נאר בלויז אין א באשטימטען אקארד. אוועקווארפען א ריינעם געדאנק און אים פארדעקען מיט א צענדליג באגערען, איז ווי א שרעקליכער דיסאנאנס. אנ'אקארד ווערט פארשטאנען מיט א ריי קלינגענדיגע שליחות'ן, דערפאר שעצען מיר אין דער זעלבסט-טעטיגקייט א קאנסעקווענטע ריי טאטען. נישט א צופעליגער געבענשטער אויסרוף, נאר דער באוואוסטזיניגער פראצעס פון דויער גיט צו ווערט. איין פאפוגיי האט געקענט שרייען : „געבענשטער לערער!“ — נאר דערמיט האט ער נישט פארבעסערט זיינע מעגליכקייטען. איין בער האט צופעליג איבערגעלאזט זיין פאנג אויף דער שוועל פון א הונגעריגען, אבער ער האט נישט אויפגעהערט זיין א חיה. א בין האט צופעליג אויפגעריסען די מכה פון א קראנקען, אבער זי האט זיך קיין ברכה נישט פארדינט. אפילו א שלאנג האט אמאל מיט איר סם געראטעוועט א לעבען. בלויז די ב א וו א ו ס ט-

זיניגקייט און די אומפאַרענדערליכקייט גיבען פאָלגען. דער שמייכעל פון דער העלדענטאַט איז לייכט, זאָלט איר וויסען. און די העלדענטאַט, וועלכע וואַקסט אַרויס פון דער אומפאַרענדערליכקייט, שיינט, אַזוי ווי די געבענדיגע זון. אַזוי ווי אַ זיסע פרוכט הענגט נישט אָפּ פון'ם הייטעל, אַזוי זאָל אויך אייער טעטיגקייט דורכפליסען אויסער דעם המון. בלויז אויסמיידענדיג דעם המון וועט איר דערגיין צו די פעלקער. איך קען פאָרשטעלען, ווי עס פאָרט צו אויף אַנ'אָטאָמאָביל אַ היינטיגער מיניסטער אָדער דער רוימישער פּאַפּסט צו אונזערע טורעמס. וואָס איז דאָ מער: קאָמיזם צי דראַמע? אין יעדען פאַל וועט זיך געפינען אַנ'איינפאַכער מאָנגאָל, וואָס וועט האַנדלען ווירדיגער, ווייל אין אים איז נישט איבערגעריסען דער נערוו פון אויפנעמען.

פריינד! היט אָפּ דעם ריינעם קאַנאַל פון אויפנעמען, אין דעם שמעלץ־אויוועז ווערען געשמידט ריינע געדאַנקען. קוקט אויף ריינע געדאַנקען נישט ווי אויף אַ וואונדערליכען הימעל־באַוואוינער, וועלכער קומט אַראָפּ אויף ימים־טובים, נאָר ווי אויף אַ טראַפּעזע פון אייערע וואָכיגע אַרבייטס־טעג!

21. דאָס ערשטע בוך האָט גערופען צו דער העלדענטאַט פון שיינקייט, איינפאַכקייט און פורכטלאָזיגקייט. דאָס צווייטע בוך גיט די קוואַליטעט און די סמנים פון אַרבייט, וועלכע באַשטימט די פאַרברייטערונג פון באַוואוסטזיין.

די אידעע פון קאָמונע און פון אַלגעמיינעם גליק איז דער ערשטער סימן פון פאַרברייטערונג פונ׳ם באַוואוסטזיין. מען קען פאַרשטיין, אַז די קוואַליטעט פון אַרבייט ווערט געגעבען נישט פאַר אינפאָרמאַציע, נאָר צום אויספירען.

נישט פאַר באַרואיגונג איז דאָס בוך, נאָר פאַר דער אַר־בייט פון דעם אויפגעשטאַנענעם. און שטרעבט צו אַר־בייט ווי מעגליך בעסער. און יעדע אַרבייט הילט איין מיט דער בעסטער עמאַנאַציע.

דער וואָס טוט מיט דער גרעסטער פרייד די לאַנגווייליגסטע אַרבייט, וועט זיין אַ פעסטער זיגער. ווייל ער וועט באַ־זיגען די לאַסטען פון לאַנגווייליגקייט. יעדער וועג, אַפילו דער וועג צו אונזער קאָמונע האָט דאָך שווערע איבער־גאַנגען. און די מאָס באַוואוסטזיין ווערט אויסגעמאָס־טען נישט צווישען בלומען, נאָר איבער אַ תהום.

מיר זאָגען אַז די אַרבייט פון אומענדליכער פאַרפולקאָ־מונג. און איז אַ שווערער מינוט טראַכט וועגען אונז. וויסענדיג, אַז אַ דראַטלאָזער אַפּאַראַט וועט נישט פאַר־זוימען צו פאַראייניגען אייך.

אָבער קענט טראַכטען און קענט אונטערשיידען די מינוט פון ווירקליכער שווערקייט.

אָפּטמאָל נעמען מענשען אַז גליק פאַר אומגליק און פאַר־קערט. דאָס אויסברייטען דאָס באַוואוסטזיין וועט באַ־פעסטיגען דאָס וויסען פון גייסט — דאָס וויסען וועט ברענגען צו אונזער קאָמונע.

וועט זיין אַ דריט בוך? — זיכער וועט זיין, ווען עס

וועט אַריין אין לעבען די אַרבייט, וועלכע דאָס צווייטע ווייזט אָן.

דאָס דריטע בוך דאַרף באַרירען אונזער קאָמונע, אָבער קען מען דען רעדען וועגען אונזער קאָמונע, אויב דאָס באַוואוסטזיין נעמט איבערהויפּט נישט אויף דעם באַגריף פון קאָמונע? דערפאַר, אויב איר ווילט אַרויסווייזען אין לעבען אונזער קאָמונע, דאַרפט איר פריער אַרויסווייזען אייער אייגענע. און מיר וועלען אייך העלפען.

באַטראַכט אָהן פאָראורטיילען דעם פלוס פון די וועלט־געשעענישען און איר וועט דערזען אונזער האַנט.

עס איז אָנגעקומען אַ צייט פון'ם ווענד־פונקט פון עוואָלוציע און די כחות זיינען צונויפגעזאַמעלט.

ווייסט ווי אַזוי אָנצואווענדען די בעסטע אַרבייט און אין דער אַרבייט נעמט אָן אַ גרוס!

אַ גרוס צו אַלע זוכער פון אַלגעמיינעם גליק.